STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00302

GEZAMELTE SHRIFTEN FUN YONAH ROZENFELD

Yonah Rozenfeld

Permanent preservation of this book was made possible by
Lillian Farber
in honor of
the Gantse Mishpokhe

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאמעלטע שריפטען

פון יונה ראזענפעלד

ערשטער

באַנד

ארויסגעגעבען פון דער
יונה ראָזענפעלד קאָמיטע
ניו יאָרק :: 1924

Copyright by
Yona Rosenfeld
1924

צווישען טאָג און נאַכט

אינהאלט:

זייט.

אַ קורצע הקדמה	7—10
דאָס לערן־אינגעל	11—18
די טרעפעריין	19—28
משה'לע אין גאָרטען	29—38
פרייטאָג צונאַכטס	39—43
אוים שבת מאַכען	45—49
בישט געשלאָפען	51—55
די „מאַדאַם"	57—61
חיים מיט „וואסקען"	63—66
עטעל ביילע די בלינדע	67—73
אונטערגעוואָרפען	75—79
חנה'לע	81—84
דאַטשניקעס	85—92
אַ קעלער	93—105
אַ בופעט	107—111
די האָרבאַטע	113—115
אַ שטוב	117—123
אַ ביטערע עלטער	125—128
פון שרעק	129—145
די מויד	147—154
א גנב	155—163
אין די שמאָלע געסלאַך	165—172
„עקספלאָאַטאַטאָרען"	173—181
אָהן אַ האַנט	183—189
אַ פּאָר־פאָלק	191—194
אויף זיין אָרט	195—198
קאָזאַקען	199—206
אַ געהאנגענער	207—215
אַ מזיק	217—220
דער בעל־תשובה	221—225

זייט.

א שרפה — — — — — — — — — — — — 227—233
קאָנקורענטען — — — — — — — — — — — — 235—255
אבראם יאַקאָוולעוויטש — — — — — — — — — — — — 257—264
ביי די „ברידערלאך" — — — — — — — — — — — 265—271
פארבייגעהענדיג — — — — — — — — — — — 273—278
דאָס באַגעגעניש — — — — — — — — — — — 279—285
ווער איז געשטאָרבען? — — — — — — — 287—288

אַ קורצע הקדמה.

צי באַדאַרף מען פאַרריכטען און אויסבעסערען זאַכען, וואָס זיינען אָנגעשריבען געוואָרען אין'ם ערשטען פּעריאָד פון שאַפען? פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגען אַז ניין, און פאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָגען אַז יאָ. די ניין-זאָגערס טענה'ן, אַז די ערשטע זאַכען פון אַ קינסטלער מוזען בלייבען אַזוי ווי זיי זיינען אין זייער צייט געשאַפען געוואָרען, כדי דערמיט אַליין צו באַווייזען די אַנטוויקלונג זיינע ווי אַזוי ער איז אויסגעוואַקסען און ווי אַזוי ער איז שריט ביי שריט געקומען צו דער מדרגה, אין וועלכער ער געפינט זיך אין אַ צוויי דריי און פיער צעהנדליגע יאָהר ארום; אַנדערש וועט מען דאָך מיינען, אַז ער איז מיט אַמאָל געוואָרען דאָס וואָס ער איז, און דאָס וואָלט געהייסען (אַ חוץ דעם וואָס דער קינסטלער באַגעהט געגען זיך אַליין אַן עולה) ניט קיין אָרענטלאַכע באַציהונג צום לעזער... יאָ, דאָס איז אַ גאַנץ גערעכטע טענה, און איך גלויב ניט, אַז ס'איז פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ משוגענער וואָס ער זאָל טאָן אַזאַ מין זאַך, וואָס זאָל נעמען, למשל, זיינע זאַכען וואָס ער האָט אָנגעשריבען צוריק מיט צוואַנציג-דרייסיג יאָהר און זיי באַאַרבייטען, אָדער בעסער געזאָגט, צונעמען ביי זיי זייער אָנפאַנגערישע פיזיאָנאָמיע און זיי געבען דעם כאַראַקטער (מאַניער אָדער סטיל) ווי ער שרייבט אין צוואַנציג-דרייסיג יאָהר אַרום. דאָס וואָלט געווען פונקט דאָס זעלבע, ווי נעמען אויף דער פאָטאָגראַפיע, וואָס איז איינעם געבליבען פון זיין קינדהייט און אָנקלעפּען אַ באָרד מיט וואָנצעס... אודאי טאָר מען אַזעלכעס ניט טאָן. אָבער דאָס מיינט נאָך ניט, אַז מ'טאָר זיך גאָרניט צורירען צו די ערשטע זאַכען. איך מיין, אַז מיט דעם וואָס מ'וואַרפט אַרויס דאָ און

דאָרט עטלאַכע ווערטער אָדער אַ פּאָר שורות, אַז דאָס קאָן ניט ענדערען דעם אָנפאַנג־כאַראַקטער פון דער זאַך. איינשטימיג, אַז צוגעבען טאָר מען גאָרניט, אַניט וואָלט זיך ווירקליך באַקומען אַן איינדרוק פון „שטנעז״, אָבער אַ פּוץ טאָן דאָ און דאָרט — דאָס, זאָג איך, דאַרף מען, און מען מוז, און זאָל דער ליטעראַטור־היסטאָריקער זיין רוהיג, אַז אפילו נאָכ׳ן באַזייטיגען די חסרונות, בלייבען דאָך די ערשטע זאַכען (איך מיין ניט גאָר פון די סאַמע ערשטע נאָר אפילו די שפּעטערדיגע) ביי זייערע אַלע חסרונות, ווייל די זאַכען אַליין זיינען אַן און פאַר זיך שטיקער חסרונות, וואָס האָבען אַן און פאַר זיך קיין ווערט, נאָר וואָס בלייבען לעבען אין זכות פון די שפּעטערדיגע זאַכען... דאָס וועלען זיך די די לעזער גלייך איבערצייגען פון די ערשטע ערציילונגען, וואָס איך האָב אין אַ כראָנאָלאָגישער אָרדנונג אויסגעשטעלט אין ערשטען באַנד פון מיינע געזאַמעלטע ווערק... איך בין ניט ערוב פאַר פּינקטליכקייט, ווייל, צום באַדויערען, האָב איך ניט דעם דאַטום פון יעדער געדרוקטער ערציילונג, נאָר פאַר אַ פּאָר פון די ערשטע, און אַז דאָס זיינען די ערשטע, בין איך ערוב. דאָס איז דאָס „לערן־אינגעל״. דאָס איז די ערשטע זאַך, וואָס איז געוועזען געדרוקט אין „פריינד״, אין טויזענט ניין הונדערט פיער, אין יוני אָדער אין יולי חודש. די צווייטע איז „די טרעפּערין״. די דריטע „משה׳לע אין גאָרטען״, און ווייטער געהען זיי אַוועק לויט׳ן זכרון, אַ חודש פריהער אָדער אַ חודש שפּעטער...

יאָ, איך בין אַראָפּ אָן אַ זייט, און איך קער מיך אום צוריק צו מיין שמועס, און ס׳איז וויכטיג (פאַר׳ן ליטעראַטור־פאָרשער), אַז פיל, פיל אַרבייט האָב איך דוקא געהאַט ניט גאָר ביי די ערשטע זאַכען (איך חזר איבער, אַז פון די ערשטע זאַכען האָב איך זעלטען וואו אויסגעמעקט אַ שורה אָדער אַ וואָרט), נאָר דוקא ביי די שפּעטערדיגע. איז עס דאָך טאַקי אַ גרויס וואונדער. ניין, ניט אַזאַ גרויסער וואונדער, ווייל די ערשטע זאַכען זיינען געוועזען געוויינלאַכע בילדער פון לעבען

(דער „ביט“ ווי עס ווערט אָנגערופען אין רוסיש). שפּעטער אָבער האָב איך זיך אָנגעהויבען אריינצודרעהען אין מעהר פארפלאָנטערטע טעמען און סיטואציעס, און אריינגעדרעהט זיך און ניט געקענט זיך ארויסדרעהען, האָב איך דאָרטען אזויפיל אנגעפּלאָפּעלט, אז לאָזען זיי אזוי איז פשוט געווען אוממעגליך. האָב איך אומדערבאַרמדיג געשניטען. פאַראַן אזעלכע ערציי־לונגען, וואָס אויף א זייטעל האָב איך געלאָזט צוויי דריי שורות. ווייטער איז געווען א פּוּפּצעהן ערציילונגען, וואָס די קאָנ־סטרוקציע פון זיי איז געווען אזא שלעכטע, אז ווארפען, און כ׳זאָל עפּעס בלייבען פון זיי גאַנצעס נאָכ׳ן ווארפען, איז אוממעגליך געווען, איז געבליבען ביי מיר איינס פון ביידע, אָדער זיי אריינווארפען אין קאָרב אריין, אָדער... באַארבייטען? ניין, אוממעגליך געווען! האָב איך איין ערציילונג נאָך דער אנ־דערער אוועקגעלייגט ביי זיך אויפ׳ן טיש פאר „אן עדות“, און אָנגעשריבען נייע ערציילונגען, אינגאַנצען נייע, וואָס ווערען ביי מיר פאררעכענט פאר היינטיגע, ווייל פון דאָרטען האָב איך גאָרניט ארויסגענומען, נאָר די טעמעס און אמאָל, אמאָל די טעמע אויך ניט... ס׳הייסט, אוועקזעצען האָב איך מיר טאקע אוועקגעזעצט שרייבען אויף דער טעמע פון דער אלטער ערציילונג, נאָר פון דער אלטער טעמע איז געוואָרען א נייע — א נייע טעמע און א נייע זאך... מיט צוויי ערציילונגען אָבער האָב איך געהאט א ביטער שטיקעל ארבייט. דאָס איז מיט דער ערציילונג „פון שרעק“ און „א גנב“. ניט איך האָב זיי געקענט אוועקוואַרפען און ניט זיי האָבען זיך געלאָזט באַאר־בייטען, באַארבייטען מיין איך אזוי, זיי זאָלען בלייבען מיט׳ן זעלבען כאַראַקטער, וואָס זיי זיינען אָנגעשריבען געוואָרען. איז אָבער דאָס אוממעגליך געווען און אוממעגליך איז דאָס געווען: דערפאר, ווייל דאָ האָב איך זיך ניט געקענט באַנוגענען בלויז מיט „שניידען“, נאָר איך האָב געמוזט עפּעס אריינגעבען, אוב אויסצופילען די אויסגעשניטענע ערטער. די ערציילונג „פון שרעק“ האָט זעקס און צוואַנציג זייטען. איצט, נאָך דער

באַרבייטונג, וועט זי האַלטען אַכט־ניין זייטען (אפשר נאָך א זייטעל), און דאָך האָט איהר דאָרטען אַלעס וואָס איז געוועזן פריהער, ווען זי האָט פאַרנומען כמעט ווי דריי מאָל אַזוי פיל. די ערציילונג „א גנב" פאַרנעמט פערצעהן זייטען, און איצט וועט זי פאַרנעמען א פינף־זעקס זייטען, און איך האָב מיך געפלייסט אריינצוקוועטשען אין די פּאָר זייטלאך דאָס אַלעס וואָס איז דאָרטען צוגאָסען אויף פערצעהן זייטען. אין די צוויי ערציילונגען פיהלט זיך ווירקליך שטנעז, ס'הייסט, דאָס געמיש פון מיין איצטיגען סטיל מיט דעם אַמאָליגען, אָבער מעהר ערגעץ אנדערש וועט מען עס ניט געפינען, ווייל, ווי געזאָגט, האָב איך פון אַלע איבעריגע נאָר געמעקט און גאָרנישט צוגעגעבען (אַמאָל א פּאָר שורות, כדי צונויפצושליסען די צוריסענע ערטער). אָט, א שטייגער, ווי אין דער ערציילונג „א ווילדע בריאה". די ערציילונג האַלט פערצעהן זייטען, און אַרויסגעוואָרפען האָב איך שיעור ווי צוועלף זייטען, און וואו ניט וואו צוגעשלאָסען א פּאָר שורות. כמעט דיזעלבע אָפּעראַציע האָב איך געמאַכט מיט דער ערציילונג „דאַטשניקעס" — פון פערצעהן זייטען האָב איך געלאָזט זיבען און קיין צוויי גאַנצע שורות אפילו ניט צוגעשריבען.

איך מיין, אַז עס איז גענוג, אַז עס איז ניט נויטיג אויסצורעכענען אַלע איבעריגע ערציילונגען, אַניט וואָלט די הקדמה צופיל אָרט פאַרנומען. ווען איך וואָלט אָפּגעבען דין וחשבון פון יעדער איינציגער ערציילונג, און ווען איך וואָלט נאָך דערצו געוואָלט דערציילען... אָבער דאָס וואָלט במילא געווען אוממעגליך, איז שוין גלייכער צו פאַרענדיגען.

דער מחבר.

דאָס לערן־אינגעל.

אָנהויב זומער, זעקס א זייגער פארנאכט. פון די פאבריקען האָט זיך געלאָזט הערען א פייפעריי און נאָך איינינע מינוט ארום איז די גאס שווארץ געוואָרען פון מענשען. דאָס זיינען געווען די ארבייטער, וואָס האָבען נאָר־וואָס פארלאָזט די ארבייט. זיי געהען אין איילעניש, ווי זיי וואָלטען געלאָפען און געוואָלט זיך באהאלטען פון דעם רויש און די קולות פון די פאבריקען.

ביי הערצ'ען, דעם טאָקער, ליגט מען שוין אויך אוועק די ארבייט. אָפּטרייסלענדיג פון זיך די שפּענדלאך, כאפּען זיך די ארבייטער אלע ווייל א קוק טאָן אין פענסטער, צי דאָס וועטער איז גוט, צי דער הימעל איז ניט פארוואָלקענט. מען כאפּט גיך ארויף אויף זיך די רעקלאך און מען לאָזט זיך מיט אימפּעט אין גאס אריין, ווי א חיה, וואָס רייסט זיך ארויס פון אן איינגעשלאָסענער שטייג אויף דער פרייהייט.

דאָס איז געווען דער ערשטער טאָג, וואָס איז געווען אזוי ווארים און שעהן. כאָטש די זון האָט שוין געהאלטען ביים אונטערגעהן, פונדעסטוועגען האָט זי נאָך ליב און פריינדליך געוואָרימט און געוואָרפען די לעצטע שטראלען אויף די שפּיצען בוימער. אויף דער ערד האָבען זיך שוין געלייגט לאנגע שאָטענס. די פרישע און שמעקעדיגע לופט גיסט פאנאנדער אומעטום נייע קרעפטען. אלע נעמען אויף די ליבליכע זומער־לופט ווי א גוטען גאסט. טיר און פענסטער שטעהען אומעטום פאר זיי אָפען. נאָך מעהר פרעהען זיך מיט איהר די קינדער. זיי לויפען ארום גאנצע קאָמפּאניעס און שפּילען זיך וועלכע דאָ

אין פערדלאך, וועלכע אין צורקעס, דאָ אין לאָזען שליינגלאך, וועלכע פליהען הויך, הויך! דרעהען זיך אין דער לופט, שפּילען זיך מיט איהר, הויבען זיי זי אויף אין דער הויך און לאָזען זיך ווידער אַראָפּ.

הערציל דער טאָקער שטעהט און ווישט זיך דעם פּנים. ניט ווייט פון איהם שטעהט זיין לערן־איינגעל בערקע. ער קוקט דעם בעל־הבית זיינעם אין די אויגען און הערט זיך איין, וואָס ער זאָגט איהם אָן פאר זיין אוועקגעהן.

— נעם, מאך פריהער ריין אין יעדען ווינקעלע. די שפּענדלאך זאָלסטו אַראָפּטראָגען אין קעמעריל. נאָר היט זיך מיט׳ן ליכט, דו הערסט? און דו זאָלסט מיר אויספּאָליטורען אַלע פיסלאך, אַז זיי זאָלען שפּיגלען, דו הערסט? אַז עס וועט ווערען פינסטער, זאָלסטו פארמאכען דעם פענסטער און דעם לאָדען. ארום 10, האַלב עלף וועסטו מעגען פארמאכען די טיר. נו, לאָז זיין, דו זאָלסט ניט פארשפּארען, ווייל עס קאָן זיין, אַז איך וועל היינט קומען פארפריה... יאָ, נאָך וואָס: טאָמער קומט די מאַדאַם פון שירעמיל, דארף זי געבען 50 קאָפּיקעס. היינט וואָס נאָך?... טאָמער וועט מען קומען עפּעס דאָ לייען, זאָלסטו זאָגען, אַז אָן דעם בעל הבית ווייסטו ניט. זעה למען השם צו ענדיגען די ארבייט, וואָרום מאָרגען גאַנץ פריה וועט קומען דער סטאָליער. נאָר עס זאָל ניט זיין ווי נעכטען, זאָלסט ניט אַנשלאָפען ווערען ביים וואַרשטאַט. אויף טיי ליגט דאָ ביי אברהם׳ס וואַרשטאַט.

— ניין, — האָט בערקע געענטפערט מיט אַ נידעריג קול, אַראָפּלאָזענדיג די אויגען. די ווערטער וועגען טיי, וואָס דער בעל הבית האָט איהם צוגעזאָגט, האָבען איהם לעבעדיגער און פרישער געמאַכט.

בערקע איז אַלט צוועלף יאָהר. ביי דעם טאָקער לערנט ער זיך שוין אַ יאָהר צייט. די מוטער זיינע, וואָס האַנדעלט אין מארק מיט קארטאָפעל, האָט איהם אוועקגעגעבען אויף פיער מיט אַ האַלב יאָהר. נאָר די ערשטע צוויי יאָהר דארף ער

עסען ביי איהר. בערקע איז א פשוט אינגעל, ניט קיין געשפּיצטער, אָבער א עהרליכער. דעם בעל־הבית איז ער געטריי און זיינע ווערטער זיינען ביי איהם הייליג. ער היט זיי, ווייל אזוי האָט איהם אָנגעזאָגט זיין מוטער, בעת זי האָט איהם אוועקגעגעבען אין דער לעהרע.

— זיי געטריי, מיין קינד, — האָט זי איהם אָנגעזאָגט, — דעם בעל־הבית, וועט דיר גאָט העלפען. האַלט איהם ווי א פאָטער, גיב איהם אָפּ כבוד, פאָלג איהם וואוהין ער וועט דיך שיקען. וועט מען דיך ליב האָבען, וועט דיר זיין גוט.

בערקע געדענקט גאַנץ גוט דעם טאָג, ווען ער איז אָנגעקומען צום בעל־הבית. די מאַמע האָט געוויינט, איהם געקושט. פאַר'ן בעל־הבית האָט זי אויסגעגאָסען איהר גאַנץ האַרץ. זי האָט איהם דערצעהלט, ווי ער איז צו זעקס יאָהר געבליבען א יתום. זי האָט פאַר איהם געוויינט און געבעטען, ער זאָל אויף איהר קינד אכטונג געבען. זי האָט איהם געבענשט, אז אין דעם זכות וועט איהם גאָט דערלענגערען די יאָהרען.

דער בעל־הבית האָט צוגעזאָגט דער מוטער, אז אויב ער וועט פאָלגען, וועט איהם זיין גוט. און בערקע האָט געפאָלגט און איז טריי געווען זיין בעל־הבית. נאָר געפינענדיג זיך תמיד אונטער דעם שווערען יאָך פון דער ארבייט, האָט ער אמאָל דער מוטער'ס רייד פארגעסען און געשאָלטען דעם בעל־הבית מיט טויטע קללות.

בערקע שטעהט ביים ווארשטאַט און פּאָלירט א פיסעל. פון צייט צו צייט כאַפּט ער א קוק אין דרויסען. ער זעהט, ווי אינגלאַך, ניט מיט קיין סך אינגער פון איהם, שפּילען זיך און שפּרינגען. צווישען זיי — אויך דעם בעל־הבית'ס אינגעל. פון פענסטער בלאָזט אַלע ווײַלע אריין א ווינטעלע. עס גיט איהם אזא געשמאַקען קיהלען בלאָז אין פּנים אריין, ווי דער ווינט וואָלט זיך געריייצט מיט איהם: זעהסט, דו שטעהסט און ווערסט פארפינסטערט, און דאָרט די אינגלאַך קערען איבער די גאַס.

בערקע'ן כאַפּט אָן א חשק אויך זיין אין דרויסען מיט אַלע

אַנדערע אינגלאַך. ער פאַרטראַכט זיך און הויבט אָן דרעהען דאָס ראָד פּאַמעלאַכער. דאָס ראָד גיט אַ קרעכץ, ווי עס וואָלט ניט צופרידען געווען, וואָס מען דרעהט עס, בעת אַנדערע רעדער שטעהען. איך וואָלט זיי געוויזען, טראַכט ער, וואָס פאַר אַ קינסט־לער איך בין. זיי דאַרפען אַלע ביי מיר הייצען די הרובע. אויך מיר אַ שליינגעל, אָט פאַלט ער גאָר אַראָפּ. ער פאַררייסט דעם קאָפּ, קוקט אין דער הויך, ווי דאָס שליינגעל וואָלט געווען צוגע־בונדען צו זיין קאָפּ און עס שלעפּט איהם אַלץ אַרויף, אַרויף.

בערקע שטעלט אָפּ דאָס ראָד און לאָזט זיך געהן צו דער טיר. אָבער באַלד דערמאָנט ער זיך אָן עפּעס און קערט זיך אום צוריק. דעם בעל־הבית'ס ווערטער, אַז די אַרבייט מוז נאָך היינט פאַרטיג ווערען, שטעלען איהם אָפּ. דער דרויסען בלייבט פאַר איהם פאַר־צאַמט. ער פיהלט זיך ווי ער וואָלט שטעהן ביים ברעג פון אַ קלאָרען זילבערנעם טייבעלע, אין וועלכען עס שווימען פריי אַרום פישעלאַך. זיי דרעהען זיך אויף אַלע זייטען, מאַכען מיט די עקלאַך, קוויקען זיך מיט דעם וואַסער, און ער שטעהט איינער אַליין און קוקט.

אין דרויסען איז געוואָרען פינסטער. בערקע צינדט אָן אַ לאָמפּ. ער פאַרמאַכט דעם פענסטער מיט'ן לאָדען. אין קאָפּ, פיהלט ער, בלאָנדזשעט אַרום עפּעס אַ גוטע זאַך, נאָר ער קאָן זיך ניט דערמאָנען וואָס. ער שטעהט עטליכע מינוט און קלערט, ביז ער דערמאָנט זיך, אַז דער בעל־הבית האָט איהם אָנגעזאָגט עפּעס וועגען טיי. ער גיט אַ קוק, עס ליגט נאָך אָבער די אַרבייט גאָר אין גאַנצען. ער צודרעהט שטאַרק דאָס ראָד, אַז עס שווינדעלט אין די אויגען. די האַנט זיינע פליהט צוזאַמען מיט'ן ראָד אַהין און צוריק. די אַרבייט געהט גיך. אָט איז שוין איין פוס פאַרטיג, ער נעמט זיך צום צווייטען פוס, צום דריטען. עס געהט ביי איהם ווי אַ מזמור. ער צעהלט איבער, ער האָט שוין זעקס פיס אָפּגע־פּאָלירט. וויפיל זשע בלייבען נאָך? אין גאַנצען האָב איך 20 פיסלאַך צו מאַכען, בלייבען מיר נאָך 13, באַרעכענט ער אויף גיך. ווען זשע וועל איך מיט זיי פאַרטיג ווערען? — רייסט זיך ביי

איהם ארוים א געשריי. עס איז שוין אודאי 9 אָדער 10 אזייגער, סיידען ניט אויף א גאנצע נאכט זיך צו לעגען שלאָפען, און עסען ווילט זיך אויך, פון 12 אזייגער אָן ניט געגעסען. ווען די מאמע וואָלט וויסען, ווי איך וויל עסען, טראכט ער זיך, וואָלט זי מיר געבראכט עפּעס וואָס. ער דערמאָנט זיך ווענען דער מאמען און הויבט ווידער אָן פּאוואָליער צו דרעהען דאָס ראָד. דאָס ראָד דרעהט זיך שווער און קרעכצט. עס ווייזט אוים, אז מען דארף עס אָנשמירען. אפילו דער ווארשטאַט, וואָס ווייסט שוין גאָרניט, טראכט ער זיך, קרעכצט אויך, ווען עס וויל עסען.

ער גיסט אריין אויל און וויל ווידער נעמען דרעהען, נאָר ער פיהלט, ווי די פים זעצען זיך איהם און די הענט ווערען שוואכער. די אויגען פאָלגען איהם ניט און פארמאכען זיך, קוים וואָס ער פינטעלט מיט זיי. אָט הערט ער אויף א ווייל צו דרעהען. דאָס ראָד האָט זיך א פּאָר מאָל איבערגעדרעהט און א קרעכץ געגעבען, אזוי ווי עס וואָלט געווען שווער פאר איהם צו האַלטען בערקע׳ם פארשלאָפענע פים. ער פארוואָרפט דעם קאָפּ אויף די אקסלען, גיט זיך א טרייסעל און קוקט זיך אום, צי שטעהט ניט עמיצער הינטער איהם. ער זעהט די דריי ווארשטאַטען. זיי שטעהען און שלאָפען. ביי די ווענט שטעהען אָנגעשפּארט קלעצלאַך. דאָס לעצטע מאָל רוהען זיי זיך אוים. מאָרגען וועט מען זיי צו־שניידען. איבער די קלעצלאַך הענגען אויף דער וואנט זעגען מיט גרויסע ציין און זעגען מיט קליינע ציינדלאַך. זיי גלאַנצען ווי די חלפים. א גאנצען טאָג שניידען זיי און זעגען און איצט הענגען זיי שטיל, ווי עס וואָלט ניט געשטאַנען קיין פּיצעל האָלץ אונטער זיי.

אין די אויגען ווערען ביי בערקע׳ן גאנצע שטיינער. ארום פייער ווערט א גרוים ראָד. פון דעם ראָד ציהען זיך איהם אין די אויגען שמאָלע גאָלדענע פּאסקעלאַך און ארום דעם ראָד זייגען אָנ־געשטעקט דינינקע פייערלאַך ווי נעדעלאַך. אָט ווערען די נעדעלאַך קירצער, זיי קריכען אריין אין ראָד, וועלכעס ווערט אויך וואָס אמאָל קלענער און קלענער, ביז עס ווערט אינגאנצען פארשוואונדען.

בערקע לאָזט זיך אראָפּ און זעהט מיט אמאָל, אז ער איז אין דער היים. ער איז נאָך א קליין אינגעלע, דער טאַטע איז אין שטוב, נאָר ער רעדט מיט איהם ניט, ער האָט פאר איהם מורא. די מאַמע געהט צו צו איהם, ער הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט אריין אין פענסטער. אויפ'ן גאַס איז אזוי גוט און אזוי שעהן. די מאַמע דערלאַנגט איהם א זיס גלאָז טיי מיט א בייגעל, און ער נעמט זיך גלייך צום עסען און טרינקען. די מאַמע גלעט איהם און קושט איהם. זי איילט זיך אוועקגעהן, נאָר ער לאָזט זי ניט. ער כאַפּט זי פאר דער פּאָלע, וויל מיט איהר מיטגעהן. זי לאָזט איהם איבער צוויי קאָפּיקעס און זאָגט איהם צו פארנאַכט נאָך עפּעס ברענגען. ער לויפט ארויס אין דרויסען. זיינע חברים לאָזען זיך צו איהם מיט פרעהליכע געשרייען: „בערקע, קום שפּילען אין צורקעס! בערקע, קום שפּילען אין פערדלאַך!״ מען רייסט איהם אויף אַלע זייטען. ער כאַפּט א שטעקעלע און גיט עס א וואַרף. דאָס שטעקעלע פליהט הויך, הויך; דאָס שטעקעלע וויל נאָר אראָפּפאַלען, כאַפּט ער עס אונטער און גיט ווידער א וואַרף, און עס פליהט נאָך העכער ווי פריהער. די קינדער זיינען איהם מקנא. ער הערט אויף וויזען קונצען מיט'ן שטעקעלע און נעמט זיך שפּילען אין נים. ער טרעפט מיט זיינע נים אַלע מאָל גלייך אין גריבעל אריין. ער האָט שוין פולע קעשענעס מיט נים. די אינגלאַך צולויפען זיך, ווילען זיך מיט איהם מעהר ניט שפּילען. אָט לאָזט ער א שליינגעל, דאָס שליינגעל געהט אַלץ העכער און העכער. ער האָט קיין כח ניט עס איינצוהאַלטען, און דאָס שליינגעל טראָגט איהם אין דער לופטען. ער לויפט איבער'ן גאַס, דעם קאָפּ פאַר־ריסען, אינגלאַך לויפען איהם נאָך פון אַלע זייטען. מען שלעפּט איהם, מען רייסט איהם, נאָר ער קוקט אויף קיינעם ניט. דאָס שליינגעל הויבט זיך אַלץ העכער און העכער, אז קוים מען זעהט עס שוין. נאָר פּלוצים דערזעהט ער, ווי דער בעל־הבית קומט איהם אנטקעגען. ער לאָזט אָפּ דאָס שליינגעל און לויפט אוועק. דער בעל־הבית נאָך איהם. ער לויפט אריין אין שטוב, דער בעל־הבית כאַפּט איהם און נעמט איהם שלאָגען. ער רייסט אויף די אויגען.

דער בעל־הבית שטעהט פאַר איהם מיט אַ שטעקען אין האַנט. ער דערלאַנגט איהם איין מאָל און אַ צווייטען מאָל. צוזאַמען מיט דעם וועהטאָג דערפיהלט ער, אַז די מאַמע, די חברים, דאָס שפּילען זיך און דאָס שלייגעל זיינען נאָר אַ חלום. פאַר איהם שטעהען דער בייזער בעל־הבית און די שוואַרצע וואַרשטאַטען מיט די ניט־פאַרטיגע פּיסלאַך.

די טרעפּערין.

זעלדע איז געקומען אהיים צורודערט. זי האָט זיך אוועק־געזעצט, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ און זיך פאַרקוקט אויף דאָס קליין לעמפּעל, וואס האָט ניט ווילענדיג און פויל באַלויכטען די שטוב. אַ חוץ דער מוטער שלאָפען שוין אַלע: עס שלאָפט דער טאַטע איהרער, אַן אַלטער איד אַן אויסגעדאַרטער, מיט אויגען, פון וועלכע עס רינט תמיד, — ער איז אַ האַלץ־העקער אויפ'ן וואָקזאַל; עס שלאָפט דער ברודער איהרער, דער קוימען־קערער; צוויי קלענערע שוועסטערלאַך ליגען צוזאַמען. די מוטער זיצט. אויף איהרע אויגען דרימלען אַ פּאָר פּראָסטע ברילען, וועלכע פאַר־בויגען זיך מיט טונקעלען דראָט אונטער די אויערען. ביז דער האַלבער סטעליע ציהט זיך אָפּ פון איהר אַ ברייטער שאָטען, וועל־כער באַוועגט זיך שווער, קוים רירענדיג זיך, ווי איהם וואָלט שווער געווען צו ריהרען זיין ברייטען און בלאַט־אייזערנעם קערפּער... יעדעס מאָל, ווען זי ציהט אויס די האַנט מיט דער פאָדים, לאָזט דער שאָטען אויך אַרויס אַ ברייטע, לאַנגע האַנט, וועלכע גיט האַסטיג אַ געה איבער דער סטעליע, דערלאַנגט אין דער וואַנט, פּונקט ווי דעם שאָטען וואָלט ענג געווען דאָס ענגע שטיבעל, און ווי מיט זיין גרויסער האַנט וואָלט ער וועלען צושפּאַרען די ווענט און זיך אויסציהען מיט דער גאַנצער לענג...

געקומען איז זעלדע פון דער טרעפּערין. „דו ליבסט, האָט איהר די טרעפּערין געזאָגט, אַ יונגען מאַן אַ בלאָנדען". „ווי זי האָט געטראָפען!" — וואונדערט זיך זעלדע. „דער בלאָנדין האָט דיך אויך ליב, נאָר דאָ איז פאַראַן איינע אַ „טשערניאַווע", וואָס שטעהט אין מיטען און לאָזט דיר ניט צו צום „גליק"...

„ווער קאָן זיין די „טשערניאווע"? — טשערניאווע... שווארצע... א!... רייזעל!... און זי רופט ארוים רייזלען אין געדאנק און דערזעהט אָבער גלייך, אז רייזעל איז א שאטענקע... ווער זשע דען? שטעה נאָר... טשערניאווע... עטעל! עטעל האָט בסך הכל איינעם... ווער זשע פאָרט קען דאָס זיין? אפשר בלומע?... זיין שוועסטער טאקע! זי איז דאָך טאקע א טשער־ניאווע; נאָך וואס פאר א טשערניאווע! — דערפרעהט זיך זעלדע. ס'איז זי... זי דארף נאָך קלערען, אז ס'איז זי... אזא נארישע מויד. זי האָט ניט געקאָנט באלד טרעפען, אז דאָס איז זי?... „ניין, די טרעפעריןן האָט אָבער געזאָגט, אז די טשערניאווע ליבט איהם"... טאָ ווער פאָרט קען דאָס זיין?

— פאר וואָס טוסטו זיך ניט אויס? — פרעגט איהר די מוטער. — ווילסט נאָך געהן ערגעץ? — פרעגט זי איראָניש. — זי איז אריינגעקומען און זיצט! וואס האָסטו זיך אוועקגעזעצט און זיצסט? טו זיך אויס און זיץ. און וואָס עפּעס פּלוצלונג פאר א זיצען? ס'איז שוין, דאכט זיך מיר, צייט צו שלאָפען. מאָרגען וועט מען דיר ניט קאָנען דערוועקען. צי דו ארבייטסט מאָרגען ניט?

זעלדע ענטפערט ניט. זי ווארפט א בייזען קוק אויף דער מוטער, פאר וואָס יענע האָט איהר איבערגעשלאָגען די געדאנקען. איהר דאכט זיך, אז זי האָלט שוין ביים סוף; נאָך איין ביסעלע — ווייסט זי שוין אינגאנצען; און דאָס איין ביסעלע האָט די מאמע אָפּגעשטויסען פון איהר; און אָלע פיגורען, וואָס זי האָט נאָר וואָס צונויפגעקליבען, האָבען זיך מיט אמאָל צושאָטען, ווי דורך א זיפּ.

— וואָס איז דיין עסק! — שרייט זעלדע אויף דער מוטער.— זיץ, אז דו זיצסט! איך וועל דארפען געהן שלאָפען, וועל איך געהן. איך זאָג דיר עפּעס דעות?

און זעלדע פארקלערט זיך ווידער. „דו וועסט זיין רייך און גליקליך, 76 יאָהר וועסטו לעבען. אין גיכען וועט זיין א פרייד ביי דיר אין שטוב, א פרייד אָן אומגעריכטע, און דו וועסט א בריף

באקומען" — כאָטש פון וועמען דארף זי א בריף באקומען, ווייסט זי ניט. ניט זי, ניט די עלטערן, ניט דער ברודער, שרייבען זיך מיט עמיצען איבער, זיי קריגען קיינמאָל פון ערגעץ קיין בריף ניט...

— מאמע! מיר האָבען ערגעץ פריינט? — פרעגט זי מ ט אמאָל.

— וואָס עפעס פלוצים? — וואונדערט זיך די מוטער.

— אזוי, פשוט, איך פרעג.

— אנטקעגען וואָס זשע? ... מיר האָבען. וואָס דען, מיר האָבען ניט? איך האָב א ברודער אין אמעריקא שוין פינף און צוואנציג יאָהר; איך ווייסט ניט, צי לעבט ער, צי חלילה געשטאָרבען... מיר האָבען. וואָס דען, מיר האָבען ניט?... קאָן דען זיין, מענשען זאָלען קיין פריינט ניט האָבען?... פריינט, נאָך וואָס פאר א פריינט! אזעלכע רייכע!... — נעהמט זיך איבער גאָלדע, די מוטער.

— רייכע? — פרעגט זעלדע איבער און עפעס גיט איהר א שיין א האָפנונג.

— איינער א שוועסטער־קינד מיינער, מיין שוועסטער'ס א זון, הייסט עס... פאַרמאָגט זיינע „ר' אלפים"...

— און וואו ער איז, ווייסטו אויך? — פרעגט זעלדע נייגעריג.

עס ווערט שטיל. זעלדע פארטראכט זיך וועגען די רייכע פריינט און זיפצט אָפּ. גאָלדע איז פאראינטערעסירט מיט זעלדע'ס פלוצימדיגער פראגע וועגען די פריינט און זי פרעגט איהר:

— וואָס האָסטו זיך פלוצים דערמאָנט פרעגען, צי מיר האָבען ערגעץ פריינט?

זעלדע ענטפערט ניט. זי האָט זיך ווייטער דערמאָנט: די טרעפעריין האָט איהר געזאָגט, אז זי וועט זיך נאָך גענוג מאטערען, איידער זי וועט צוקומען צום גליק. „אי סליאָזי בודוט" — און טרערען שטעהען שוין ביי איהר אין די אויגען.

דערזעהענדיג די טרערען, ווערט די מוטער נאָך נייגעריגער צו וויסען, וואָס פלוצים האָט זי עפעס געפרעגט אויף פריינט.

— וואָס האָסטו פלוצים אויף פריינט געפרעגט?...

— גאָרניט, אַ בריף וועט זיין... — ענטפערט זעלדע שטיל, ניט קוקענדיג צו דער מוטער.

— אַ בריף? — פרעגט גאָלדע פארוואונדערט. — וואָס זשע ווייסטו?... פון וועמען?

— געה פרעג! — ווערט שוין זעלדע בייז.

— פון וועמען קאָן זיין אַ בריף? — פרעגט זיך אַליין גאָלדע.

— פון וועמען?... אפשר פון זיינע? — קלערט זי, כאַפּענדיג אַ קוק אויפ'ן מאַן. זי געדענקט צוריק מיט צעהן צי מיט פופצעהן יאָהר איז אָנגעקומען אַ בריף. פון וואַנען? פון וועמען? — געדענקט זי ניט. נאָר ווי אַזוי ווייסט זי, אַז עס וועט אָנקומען אַ בריף?

— וואו האָסטו געהערט? ווי אַזוי, וואָס, ווער, ווען? — שטעהט צו די מוטער צו דער טאָכטער. — אפשר פון איהר ברודער? — פליהט איהר דורך אַ געדאַנק. — ווי אַזוי? האָסט עמיצען גע־זעהן?... ווינציג מאַכען זיך אַזעלכע זאַכען? — טראַכט ווידער גאָלדע... — ווערט נעלם און פלוצים, אין פופצעהן, צוואַנציג יאָהר... אַ, און מאַכט גליקליך אײנגאַנצען די משפחה... — זאָג מיר, זאָג מיר! דו פינסטטערע מויד דו! וואָס אַרט דיר, אַז דו וועסט מיר זאָגען? — מאַכט גליקליך אינגאַנצען די משפחה, — פליהט איהר ווידער דורך אין געדאַנק, — מן הסתם האָסטו ערגעץ געהערט?

— וויל איך דיר ניט זאָגען! שוין! — ווערט זעלדע בייז. — זי האָט זיך שוין צוגעטשעפּעט. נאָך וואָס האָב איך באַדאַרפט זאָגען? — האָט זעלדע חרטה.

— אַזעלכע קינדער... — בייזערט זיך די מוטער. זי וואַרפט אויפ'ן טיש דאָס העמד, שטעקט אריין די נאָדעל, רוקט זיך צו נעהענטער צו איהר. — זאָג מיר! — ציטערט איהר קול. — מן הסתם האָסטו וואָס געהערט? וועסט דאָך ניט ריידען גלאַט אַזוי... און פאַרוואָס טוסטו זיך ניט אויס? וואָס זיצסטו עפּעס אַזוי?

— און די אַלטע האָט אָנגעהויבען ציטערן פאַר אומגעדולד. דאָס האַרץ האָט זיך איהר אָנגעהויבען וואַרפען, און די קני האָבען אָנ־

געהויבען ציטערען. — זאָג מיר!... גוואלד! ס'איז גאָר א גזלן, ניט קיין קינד; פּארוואָס זאָלסטו מיר ניט זאָגען? וועה איז מיר! א ברודער... א קלייניגקייט! פינף און צוואַנציג יאָהר ניט געזעהן!... — און זי וויינט זיך פאַנאַנדער. זעלדע וויינט פאַר זיך". — „אי סליאָזי בודוט", — דערמאָנט זי זיך ווידער, און טרערען גיסען זיך געשמאַק. זי גלויבט פעסט, אז נאָך די טרערען וועט זיך עפּעס נייעס אָנהויבען... די טרערען וועלען אָפּוואַשען אַלע איהרע צרות; זי וועט שוין לאַנג ניט זיצען ביי דער נאָדעל איינגעבראָכען אין צעהנען. אפילו דער מוטער'ס טרערען אַרען איהר אויך ניט. וויין, מאמע! — וויל זי איהר זאָגען. — וויין דאָס לעצטע מאָל. מיר וועלען שוין קיינמאָל פון קיין צרות און דחקות ניט וויסען. פון איצט אָן וועט שוין זיין גוט, גוט און גוט!...

— אַן אייגען קינד זאָל פאַרגיסען א מאַמען אַזוי פיל בלוט!— שטעהט ווידער גאָלדע צו צו איהר.

— זי האָט איהרס אין זינען, — טראַכט זעלדע ביי זיך. און גאָלדע הויבט זיך אויף מיט טרערען אין די אויגען און געהט צו צום אַלטען: שכנא! שכנא! — וועקט זי איהם. — וועמען האָסטו?... האָסט עמיצען, שכנא?...

שכנא עפענט זיינע גרויע אויגען, באַטראַכט איהר א פּאָר מינוט ווילד, און פאַרמאַכט זיי צוריק.

— שכנא! — וועקט זי איהם ווידער מיט א ציטערענדיג קול.

— שכנא! שכנא!

— וואָס ווילסטו? — גיט שכנא א געשריי בייז, און דרעהט זיך אוים צו איהר מיט דער פּלייצע.

— שכנא! זעה נאָר, ווי מען קאָן איהם ניט דערוועקען... שכנא! וועמען האָסטו אין... אין ... אַמעריקא? צי כ'וויים וואו? זאָג!...

שכנא האַלט איין דעם אָטעם, הערט זיך איין, און דערהערענדיג פּלוצים די פראַגע, דאַכט זיך איהם, א חלום איז דאָס...

— שכנא!...

— ביזט פון זינען אַראָפּ? — גיט שכנא א געשריי, א וואָרף

געבענדיג זיך, וועלענדיג אָפּשטויסען גאָלדע'ס האַנט, וועלכע טאָ־רעט איהם, לאָזט איהם ניט איינשלאָפען.

— וועמען האָסטו? האָסט עפּעס?... כ'וויים... אַ פריינטל, צי כ'וויים... פון וועמען איז דיר אָנגעקומען אַ בריף? ווען איז דאָס געווען? צוריק מיט צעהן יאָהר, שכנא?

— זעה נאָר אַ קליפּה! ווי זי לאָזט מיר ניט שלאָפען! — זידעלט איהר שכנא. — וואָס פאַר אַ בריף? ווען אַ בריף? — און די אויגען זיינע לויפען אַהן זינען איבער'ן שטוב, אויף זעלדע'ן, אויף גאָלדע'ן, און ער פרעגט ווייטער: — וואָס בריף? ווען בריף?...

— איך וויים אויך ניט, — פּעשטשעט זיך גאָלדע און כאַפּט אַ קוק אויף זעלדע'ן, ווי אַ קינד אויפ'ן פאָטער, וואָס קלאָגט זיך פאַר דער מאַמען, אז דער פאָטער וויל עם שלאָגען. — איך וויים ניט. זעלדע זאָגט, אז עס דאַרף פון ערגעץ אָנקומען אַ בריף. אפשר האָט דער אויבערשטער אויף אונז רחמנות געקראָגען, ס'מעג שוין זיין גענוג... שוין צייט... ער מעג שוין אויף אונז אויך אַ קוק געבען... שכנא קרוין, זאָג איהר, זאָל זי דערצעהלען. איך האָב שוין צו איהר קיין הארץ ניט... געדענקסט, דיר איז אָנגע־קומען אַ בריף...

— נו איז וואָס?

— אפשר פון אמעריקא?

— וואָס פון אמעריקא?

— דער בריף!...

— וואָס פאַר אַ בריף?

— געה רייד מיט איהם, אז ער שלאָפט... אַ בריף, זאָגט זעלדע, דאַרף אונז אָנקומען, לאָז זי זאָגען פון וואַנען?

אַ פּאָר מינוט איז שטיל. זעלדע זיצט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ, פאַרטראָגען אין איהרע געדאַנקען. שכנא קראַצט זיך, קוקט דאָס אויף זעלדע'ן, דאָ אויף גאָלדע'ן און געניצט אַלע מאָל, שטאַרק עפענענדיג דאָס מויל, פון וועלכען עס זעהען זיך שוין קיין ציין ניט אַרויס. גאָלדע שטעהט איבער איהם, און די האַנט איהרע, וועלכע

האָט געוועקט שכנא'ן, ליגט נאָך אַלץ אויף איהם, כאָטש זי דאַרף איהם שוין ניט וועקען.

— א בריף?... — פרעגט שכנא ווייך. — לאָמיר אַזוי וויסען פון שלעכטס, ווי איך וויים, וואָס דו דולסט מיר א קאָפּ... אפשר גאָר צו איהם — ווייזט ער אָן אויפ'ן זון, וואָס ליגט אַנטקעגען.

זעלדע האָט שוין חרטה, נאָך וואָס זי האָט דער מאַמען באַדאַרפט דערצעהלען וועגען דעם בריף, פאַרשטעהענדיג, אַז עס וועט ווערען א גאַנצער טאַרעראַם.

— נחמן! נחמן! — וועקט שוין גאָלדע דעם זון. — נחמן! זי רוהט זיך אָפּ א מינוט.

— נחמן!... תמיד האַלט ער די הענט אויפ'ן האַרצען, — זאָגט זי, אַראָפּנעמענדיג זיי. — נחמן!

— מ־מ־מ! — מורקעט נחמן.

— נחמן!

ער עפענט די אויגען:

— וואָס?...

— ס'דאַרף דיר אָנקומען פון ערגעץ א בריף?

— מיר?... וואָס איז עפּעס?... לאָז מיר שלאָפען!...

— וועסט זיך אויסשלאָפען! שלאָפסט, א דאַנק גאָט, זעהר געשמאַק. זעלדע איז געקומען און געזאָגט, א בריף דאַרף אָנקומען...

— וועט אָנקומען... וועט אָנקומען...

— אפשר פון אַמעריקא?

— נו?...

— נו, כ'וויים? אפשר וועט גאָט רחמנות האָבען...

נחמן האָט ברייטער געעפענט די אויגען.

— וואָס איז דאָ? איך פאַרשטעה ניט, — פרעגט ער דער מוטער.

— זעלדע איז געקומען און האָט געזאָגט, אַז א בריף דאַרף אָנקומען.

— פון וואַנען ווייסט זי?

— זי וויל מיר ניט זאָגען.

— פון וואַנען ווייסטו, אז א בריף דאַרף אָנקומען? — פרעגט ער זעלדע'ן.

זי ענטפערט ניט. ער זעצט זיך אויף, קוקט א פּאָר מינוט און טראַכט: „עס וואָלט דוקא געוועזן א געשעפט. איך דער ערשטער פאָהר קיין אמעריקא. אין דער ערד אריין! איך וואָלט באַלד אוועקגעוואָרפען די קוימען־קערעריי"...

דער אַלטער שכנא שלאָפט שוין אויך ניט. ער טראַכט: „שוין צייט אוועקצוואַרפען די ארבייט, לאָזען אויסרוהען די אַלטע ביינער. איך וואָלט יעדען פרייטאָג געגאַנגען אין באָד אריין".

„טי באָגאַטאיא בורעש", — קלינגען זעלדע'ן דער טרעפּע־רינ'ס רייד...

— אָי, גאָטעניו, גאָטעניו... — זיפצט גאָלדע.

נחמן איז שוין בייז אויף זעלדע'ן, פאַר וואָס זי האָט איהם ניט געענטפערט; איהם איז שוין אפילו אריבערגעלאָפען א גע־דאַנק: אראָפּשפּרינגען צו איהר, און זי וואָלט איהם שוין פּאַר מורא געזאָגט. נאָר ער האַלט זיך איין און פרעגט קאַלט און נידעריג, ווי אַלע בייזע, וואָס דאַרפען מיט אמאָל אויפשפּרינגען.

— דו, פון וועמען איז א בריף?!...

זי ענטפערט ניט, און טרערען הויבען ביי איהר אָן שטאַרק גיסען. „בין איך ניט קיין אידיאָטקע?" — זידעלט זי זיך אין געדאַנק. „וואָס האָט מיר געטויגט מאַכען א רעש מיט א בריף? ניט אַלצדינג קאָן זי טרעפען", — פליהט איהר דורך א געדאַנק.— „כאָטש אַזוי האָט זי איהר אַלץ געטראָפען: געטראָפען, וויפיל מענשען עס געפינט זיך אין דער פאַמיליע; געטראָפען, וויפיל זי איז אַלט; געטראָפען מיט'ן בלאָנדען און וועגן די טשערניאַוועס איז ווייסט זי שוין אויך."

— וואָס זשע ווילסטו טאַקע, איך זאָל אראָפּגעהן צו דיר? — דערהערט זי ווידער דעם ברודער'ס גראָבען קול, און דאָס האַרץ הויבט ביי איהר אָן שפּרינגען. זי וואָלט געזאָגט, אַז די טרעפּערין

האָט דאָס איהר געזאָגט, האָט זי מורא, ער וועט זי שלאָגען פאַר די דרייסיג קאָפּיקעס...

— געדענק! — זאָגט ער ווידער צו איהר. — געדענק, וועסט שפּעטער וויינען!

— וועה איז מיר! ס'איז נאָר אַ דבוק און געגוג! — שרייט די מוטער. — וואָס אַרט דיר, אַז דו וועסט זאָגען?

— האָב איהר אַכציג שוואַרץ יאָהר! — שילט שכנא.

נחמן לאָזט אַראָפּ אַ פוס פון'ם בעטעל. דאָס בעטעל גיט אַ קרעכץ.

— זאָג בעסער, נאַר, איידער איך קריך אַראָפּ, אַזוי מעגסטו ווידוי אָפּזאָגען.

זעלדע כאַפּט אַ קוק צום ברודער.

— אויסגעגניקערט זאָלסטו ווערען! — שילט ווידער שכנא.

גאָלדע לויפט צו צו איהר, נעמט אַרויסרייסען די האַנט, אויף וועלכער דער קאָפּ איהרער איז אָנגעשפּאַרט, ווייל איהר פאַרקוקען אין פּנים, נאָר זעלדע האַלט זי פעסט, און די האַנט איהרע איז ווי צום באַק צוגעקלעפּט. זי פועל'ט ביי זיך, זי זאָל דערצעהלען. נאָר איידער זי וועט דאָס דערצעהלען, האָט זי באַטראַכט, דאַרף זי דערצעהלען, ווער די טרעפערין איז, ווייל אין די קליינע טרעפע־רינס, וואָס נעמען צוויי קאָפּיקעס און וואַרפען פּאַסאַליעס, גלויבט ניט דער ברודער, דערפאַר וואָס ער האָט שוין ניט איין מאָל אָוועק־געגעבען צוויי קאָפּיקעס אַזעלכע טרעפערינס, און זיי האָבען איהם נאָך קיינמאָל ניט געטראָפען, נאָר ער גלויבט אָבער, אַז עס זיינען פאַראַן גרויסע טרעפערינס, אַזעלכע, וואָס ביי איינער פון זיי איז ער ערשט פאַר־אַ־יאָהרען געוועזען און אָוועקגעגעבען 50 קאָפּיקעס. די טרעפערין איז אויך פון די גרויסע.

— דאָ איז דאָ איינע אַ גרויסע טרעפערין, — הויבט זי אָן דערצעהלען, — אַלע גאַזעטען שרייבען פון איהר...

— נו, נו... — טרייבט איהר אונטער דער ברודער, און דער פאָטער מיט דער מוטער האָבען אויסגעגלאָצט די אויגען.

— פיל... מען געהט צו איהר פון דער וועלט... איך ווייס... נאטשאלסטוואָ אַלערליי... פיל...

— אוי, א כאָלערע אויף איהר!... — שרייט דער ברודער אויס, ווי עס פּלאצט אין איהם די געדולד. — לאָמיר שוין הערען!

— זי האָט מיר געטראפען... אלץ געטראָפען... אַלצדינג האָט זי מיר געטראָפען. און א בריף, האָט זי מיר געזאָגט, וועט אָנ־קומען...

— האָב איהר אַכציג שווארצע יאָהר! — שילט ווידער שבנא, זיך גראָבענדיג אין קישען.

— א כאָלערע אויף איהר! — שילט דער ברודער. — אוועק־געגעבען מן הסתם א האַלב קערבעל. איך דער ערשטער פאָהר קיין אַמעריקא, — פליהט איהם דורך א געדאנק...

— ווינציג מאַכט זיך? — טראַכט גאָלדע, זיפצענדיג. — עס פאָהרט אוועק א ברודער, שוועסטער־קינד, ווערט נעלם, און אין צוואַנציג, דרייסיג יאָהר א־אַ־! — און מאַכט גליקליך אינגאַנצען די משפחה...

נחמן האָט צוריק ארויפגענומען זיין פוס אויפ'ן בעטעל און האָט זיך אויסגעצויגען און די אויגען האָבען זיך פארטראַכט אויף דער סטעליע...

זעלדע האָט זיך אויסגעווישט די אויגען, זיך פויל אויסגעטאָן און זיך געלעגט שלאָפען, און א גאַנצע נאַכט האָט זיך איהר גע־דרעהט אין קאָפּ דער בלאָנדין, די טשערניאווע, „טי באָגאַטאיא, פּטשאַסטליוואיא בודיעש"...

משה׳לע אין גאָרטען.

משה׳לע איז א קליין אידעלע, א פּעמפּעקעוואַטער, מיט א בריי־מער ווייסער באָרד, אויף איין אויג א בעלמע, רעדט מיט א קווי־טשיקעל און גיך. און דערפאר, וואָס משה׳לע איז א קליין אידעל און א גראָבס, רופט מען איהם: „משה׳לע פּעמפּעק״. ביי די אינגלאך איז ער א גאַנץ שפּילכעל. ווען ער געהט אין גאַס, איז ער באַשאָטען מיט אינגלאך: מען לויפט איהם נאָך פון הינטען, ביי די זייטען, מען טאַנצט איהם אנטקעגען, קרימען זיך, קייקלען זיך אזוי ווי ער.

גראָב איז משה׳לע ניט פון קיין וואוילטאָג און פון גוט עסען. דאָס איז שוין ביי זיי אזא טבע: דער טאַטע זיינער איז אויך געווען אזא גראָבינקער און א קליינטשיקער.

משה׳לע האָט קיינעם ניט אין שטעדטעל. דאָס ווייב זיינס איז געשטאָרבען, און די קינדער זיינען זיך צופאָהרען. און ווער ווייסט, צי וואָלט משה׳לע אזוי געקאָנט לעבען עלענד, איינער אליין, ווען ער האָט ניט דעם גאָרטען, וועלכען ער האָט גע׳ירשנ׳ט פון זיין טאַטען. דער גאָרטען געפינט זיך ניט ווייט הינטער׳ן שטעדטעל, אויף א באַרג, הינטער וועלכען עס פליסט א שטהן, זילבער־קלאָרעס טייכעל, זיך אונטערשפּילענדיג בגנבה מיט׳ן באַרג. אין דעם גאָרטען געפינען זיך א דרייסיג בוימער, שוין אלטע, מיט גראָבע צווייגען. זיי שטעהען זיך, ווי אלטע איינגעפונדעוועטע בעלי־הבתים און האַלטען נאָך פון דער מאָדע: פאַרפוצען זיך נאָך יעדען זומער אין גרינעם. פיער בוימער זיינען דאָרטען דאָ, וועלכע משה׳לע האָט אליין אויסגעהאָדעוועט. ער געדענקט, ווען זיי זיינען נאָך גאָר קליינינקע געווען, כמעט גלייך מיט איהם. גאַנץ

פריה זומער אין שוין משה'לע געשטאַנען אויף די פיסלאך און האָט זיי אָנגעזויגען מיט קוואַרטען וואַסער; אָנגעקוואָלען האָט ער פון זיי. קיין געהויבענע פרוכטען גיט ניט דער גאָרטען. און דערפאַר מאַכט ער טאַקע קליינע מסחרים. משה'לע איז תמיד א קבצן, נאָר דעם גאָרטען וויל ער ניט פאַרקויפען פאַר קיין געלט: ער וואָלט אָהן איהם ניט געלעבט! אין דעם גאָרטען איז נאָך פאַראַן אַ שטוב, דאָס הייסט ניט קיין שטוב, נאָר אַ סקעלעט פון אַ שטוב: אַ האַלב שטרויענעם דאַך איז אָפּגעריסען, און עס קוקען אַרויס די נאַקעטע קראָקוועס, די ווענט לייכטען זיך דורך. און דאָרטען וואו אַמאָל זיינען פענסטער און טירען געווען, זיינען היינט פּיער־קאַנטיגע לעכער געבליבען. דער שניי ציהט זיך אהין אַריין אויף אַ גאַנץ ווינטער און צושפּרייט זיך דאָרטען, אַזוי ווי ביי זיין טאַטען אויפ'ן הימעל... און אַמאָל, ווען דעם ווינט פאַר־גלוסט זיך לוסטיג זיך מאַכען, כאַפּט ער זיך אַריין אין דער חורבה, נעמט דעם שניי אונטער די אָרעמס און געהט מיט איהם אַ טאַנץ. גאַנצע קוגלען שניי דרעהען זיך דאָרט אויס און בלייבען זיצען ווי נאַאיווע מיידלאַך אויף אַ חתונה...

משה'לען טוט וועה דאָס האַרץ, קוקענדיג אויף דער חורבה. „מען וואָלט זי געדאַרפט צורעכט מאַכען", טראַכט ער. ער האָט אויסגערעכענט, אַז דאָס צורעכט מאַכען באַדאַרף קאָסטען אַ פּופּ־ציגער: „וואו נעמט מען איהם?" לייהען וועט איהם קיינער ניט, און אַז אפילו יאָ, וואו וועט ער נעמען אָפּצוגעבען? מען קאָן נאָך ביי איהם דעם גאָרטען צונעמען, ציטערט ער. דער גאָרטען איז ביי איהם טייערער פון אַלץ.

זומער נעכטיגט משה'לע אין גאָרטען. בויט ער זיך אויס אַ בודקעלע פון עטליכע ברעטלאַך, פון אויבען באַדעקט ער מיט שטרוי. נאָר משה'לע שלאָפט דאָרטען נאָר, ווען אין דרויסען איז ניט קיין שעהנעם וועטער. ווייטער שלאָפט משה'לע אונטער'ן פרייען הימעל. ציהט ער זיך אויס אויף דעם גראָז, מיט'ן פּנים אַרויף, און קוקט דער לבנה גלייך אין די אויגען אַריין. די לבנה האָט ער אויך ליב, עפּעס ווייזט זי איהם אויך אויס, ווי אַן אייגענע.

פון תמיד, געדענקט ער, קומט צו די לבנה צום גאָרטען, לעגט זיך ארויף אויף א שפּיץ בוים, און איין טרייסעל ווען ער גיט דעם בוים, פאַלט זי איהם אין קאָפּ אריין. דאָס רוב שלאָפט משה'לע נעבען די בוימער, וועלכע ער האָט אַליין אויפגעצויגען. אזוי ליגט משה'לע יעדען אויף דער נאַכט און איז פארטראַגען... און ווען עס פאַלט ארויף אויף איהם א בוים־ווערימעל, דערשרעקט ער זיך ניט: ער איז שוין מיט זיי געוואוינט. ער נעמט עס פאַמעלאַך אָן און דער־פיהלט, ווי עס איז אַזוי גלאַט און ווייך, און ער גיט עס קאַלט־בלוטיג א וואָרף אָפּ פון זיך.

אמאָל ביינאַכט כאַפּט איהם אָן א חשק ארומשפּאַנען איבער'ן גאָרטען. אונטער די פיס איז אַזוי ווייך; ער טרעט ווי אויף בעט־געוואַנט. ער געהט צו צום פּליט, שפּרייט זיך אונטער די הענט אונטער'ן באָרד און קוקט אראָפּ אויפ'ן טייכעל. ער האָט ליב צו זעהן, ווי די לבנה שפּיגעלט זיך דאָרטען אָפּ. און דאָס טייכעל זויגט, ווי פון שלאָף, די זילבערנע שטראַלען. א קליין ווינטעלע בלאָזט, שפּרעכט דעם טייכעל א גוט־אויג. און דאָס טייכעל ציהט זיך, קנייטשט זיך. און די לבנה בויגט זיך, קאָרטשעט זיך. אוןביידע שפּילען זיך, שמייכלען, דערצעהלען זיך מעשיות שעהנינקע: די לבנה — פון הימעל, און דאָס טייכעל — פון דער ערד... די זשאַבעס קוואַקען, לייענען קריאת שמע, גיבען אָפּ א שבח צום בורא עולם. ביי משה'לען גיסט זיך דעמאָלט אַלץ צונויף — דאָס טייכעל, דער גאָרטען, די לבנה און ער — אין מיטען.

אמאָל מאַכט זיך, ווען משה'לע ליגט אונטער א בוים, הויבט אָן רעגענען, איילט ער זיך ניט אריינצוגעהן אין בודקעלע, נאָר ער דעקט זיך איבער איבער'ן קאָפּ, און עס טוט איהם משונה הנאה פון יעדען טראָפּען, וואָס עס פאַלט אויף איהם. און אז ער דער־פיהלט, דאָס עס נעצט איהם שוין דורך, הויבט ער זיך אויף, פאַלט וואָרטשענדיג אויף די קני און קריכט אריין אויף אַלע פיער אין בודקעלע. און דאָרטען, אין בודקעלע, טרעפט ער א געדיכטע פינ־סטערניש. ער לעגט זיך אנידער און שווייגט, ווי די פינסטער־

קייט;ביידע ליגען פאַרטייעט, ווי צוויי ברוגז'ע חברים... אַט דונערט עס, גיט אַ ריס, אַ טרייסעל, און דער דונער פליהט איבער'ן גאַרטען, שרעקט איבער די בוימער און משה'לע דערשרעקט זיך אויך. אומעטיג ווערט איהם אויפ'ן הארצען. שוואַרץ־גרינע פאַר־בען הויבען איהם זיך דרעהען, טאַנצען. אַט צושפּרייט זיך עפּעס אַ העל־רויטע פאַרב, אין מיטען שוואַרצע פינטעלאַך — עס צור־שפּרייט זיך און וואַקסט אַלץ ברייטער און ברייטער. אַט זעהט ער אַ פיגור פון אַ מענשען, און דער מענש איז גרויס, אומגעלומ־פּערט; אַט ווערט די פיגור מיט אַמאָל גאָר אַ קלייניטשקע און מיט אַמאָל וואַקסט זי אויס, מיט צוויי גרויסע, שרעקליכע אויגען, וועלכע קוקען אויף איהם, און די פיגור רוקט זיך, רוקט זיך, ביז זי ווערט איינגאַנצען פאַרשוואונדען...

דעמאָלט וואָלט משה'לע געוואָלט האָבען עמיצען נעבען זיך: דאָס ווייב, די קינדער, און זיי זאָלען זיצען דאָרטען אין דער שטוב, האַלטען אָפען דאָס פענסטער און ארויסקוקען אין גאָר־טען אריין. און משהלע דערמאָנט זיך, אז אַמאָל איז טאַקע אזוי געווען. „וואו זיינען די קינדער איצט? אויף וועמען האָבען זיי איהם געלאָזט?" און ביי משה'לען אין די אויערען הויבען אָן קלינגען קינדערשע קולות: „משה'לע פּעמפּעק, משה'לע פּעמ־פּעק". און עס ווילט זיך איהם האָבען כאָטש איינעם פון זיינע קינדער נעבען זיך, וואָס זאָל זיך אָננעהמען פאַר איהם. קיינער רעדט מיט איהם ניט, פרעמד פיהלט ער זיך אין שטעדטעל. ביי משהלען אויפ'ן הארצען פאַרכמאַרעט זיך. ער זעהט פאַר זיך אַ שוואַרץ לעבען, שוואַרץ ווי די פינסטערע נאַכט... אַ שטאַרקער, פאַרבלענדענדיגער בליץ רייסט משה'לען איבער די געדאַנקען. דער שוואַרצער חבר זיינער ווערט מיט אַמאָל פאַרשוואונדען און אין אַ רגע אַרום איז ער ווידער נעבען איהם. און משה'לעס אויג ווערט אָנגערייצט, אַ לעק געבענדיג די זיסע ליכטיגקייט. דאָס אויג זיינס וואָלט געוואָלט, עס זאָל תמיד זיין ליכטיג. משה'לען ווערט ענג, ליגענדיג אין בודקעלע. דעם אָטעם ציהט

ער שווער, און עס דוכט זיך איהם, אז ער ליגט פארשמירט אין אן אויוועז, אין א שווארצען, פינסטערען אויוועז...

און באלד ווי דער רעגען הערט אויף צו געהן, הויבט זיך משה'לע אָן ארויסצורוקען פון בודקעלע און פארוואַרפט א קוק אויפ'ן הימעל. און, אז ער דערזעהט, ווי די לבנה רייסט זיך פון די שטיקער כמארע, כאפט אַלע מאָל א קוק אויף איהם, ווי זי וואָלט געזאָגט: „באלד, משה'לע! איך וועל באלד פּטור פון די שלעק", — ווערט משה'לען פרעהליך אויפ'ן הארצען, און ער זיפצט פריי אָפּ.

אמאָל מאַכט זיך משה'לען, ווען ער ליגט פארטיפט, צו כאַ־פען א שטארקען קלאַפּ. משה'לע דערשרעקט זיך, נאָר באלד אָבער גיט ער א שמייכעל. דאָס האָט איהם א בוים אַן עפּעל אראָפּגעוואָרפען צו פארזוכען. נאָר משה'לע עסט קיינמאָל ניט די פרוכטען פון זיין גאָרטען. קוקען האָט ער ליב אויף זיי, שמע־קען, אויך האָט ער ליב צו הערען דעם ווייכען קלאַפּ אין גראָז. און משה'לע לאָזט זיך אויף אַלע פיר, טאַפּט מיט די הענד, זוכט דעם עפּעל, וואו ער האָט זיך דאַרטען ערגעץ אין גראָז פאר־קייקעלט.

— אָ, דו כלב, דו! האָסט זיך באהאַלטען? — זאָגט ער שמייכלענדיג און טאַפּענדיג. נאָך מעהר קוועלט משה'לע, ווען די בוימער בליהען, ווען זיי ווערען אינגאנצען ווייס. די אראָפּגע־פאלענע בליהונג צונעהמט ער דערנאָך מיט די פינגער, קוקט זיך איין מיט דעם איין אויגעל צו יעדען בלעטעלע און לאָזט דאָס אראָפּ אויף דער ערד.

דערפאר אָבער ווינטער איז שוין משה'לען ניט גוט. די חורבה זיינע און דער גארטען איז פאריאָגט מיט שניי.

א פּחד פאלט אָן אויף משה'לען, קוקענדיג אויף זיין גאָר־טען. ער וואָלט געוואָלט שטארבען גלייך מיט דעם גאָרטען און ער זאָל טאקע ליגען נעבען די בוימער, מיט שניי פארשאָטען. איהם דאכט זיך, אז אַנדערש וועט ער ניט קאָנען שטארבען,

נאָר נעבען די בוימער. אזוי דרעהט ער זיך דאָרטען אָפּט ווינ־טער ארום, נעבען פּלויט, ווי א פּארטראָגענער. וואו ער גיט א קוק, זעהט ער, ווי דער טויט האָט אַלץ ארומגעקאָוועט. אפילו דאָס טייכעל איז אויך טויט; עס ווערט באדעקט מיט אייז מען פאָהרט אויף איהם, מען טרעט אויף איהם, אזוי ווי דאָ וואָלט גאָר קיינמאָל קי ן טייך ניט געווען. אומעטיג ווערט משה׳לען אויפ׳ן הארצען. ער דרעהט זיך, ווי אויף א בית־עולם ארום. מקנא איז ער דעם גאָרטען זיינעם; ער וואָלט אויך געוואָלט שטארבען און זומער אויפלעבען מיט איהם צוגלייך. משה׳לען ווערט דעמאָלט נמאס דאָס לעבען; ער וואָלט ערגעץ אנטלאָ־פען, ער וואָלט עפּעס געטאָן. דאָס הארץ זיינס ציהט, בענקט; עס ליגט געפּרעסט און עס קלאַפּט אזוי שווער... לאַנג דרעהט זיך משה׳לע ארום ביז א קעלט נעהמט איהם דורך זיינעביינער. דאַן געהט ער זיך אוועק אין בית-מדרש, רוקט זיך ארונטער אונ־טער׳ן אויווען און ווייגט שטילערהייט, וויינט אזוי געשמאַק...

חמשה עשר בשבט דרעהט זיך משה׳לע ארום א גאַנצען טאָג ארום זיין גאָרטען. ביי די בוימער איז ראש השנה. זיי רוישען און שרייען. דאָס זאָגען זיי ונתנה תוקף: וועלכער בוים זאָל דורך א דונער געהרג׳עט ווערען, וועלכער פון א ווינד א שטארקען; וועלכער זאָל פארטריקענט ווערען; וועלכער זאָל ארויסגעבען ווינציגער פּרוכט און וועלכער מעהר. א שווארצע קראָהע שטעהט דאָרטען ערגעץ און מאכט: „קרא, קרא!“ — דאָס איז דער קטיגור, וועלכער לאָזט ניט צו די תפלות צו גאָט. אזוי טראַכט משה׳לע און בעט גאָט גלייך מיט זיי. חמשה־עשר דאַוונט ער לענגער ווי אלע טעג. שטעהענדיג אונטער דער הרובע און אָנשפּארענדיג זיך מיט די הענד אן איהר, וואַרפט ער זיך, שאָקעלט זיך און דאַוונט גאַנץ געשמאַק. זיין הארץ עפענט זיך, צושפּרייט זיך, עס ווערט אָנגעקוואָלען פון זיפצען און קרעכצען, און ווארים ווערט אזוי אויפ׳ן הארצען. און דאָס הארץ טובל׳ט זיך אין א מקוה הייסע טרעהרען, וועלכע רינט פון

די אויגען, ווערט וואס אמאָל ווינציגער און ווינציגער, און אויפ'ן הארצען ווערט גרינגער און גרינגער, ביז די מקוה רינט אינגאַנ־צען אוים און משה'לע זיפצט לייכט אפּ.

משה'לע האָט דאָרטען דערווייל געראמט דעם שניי, אריבער־געוואָרפען איבער'ן פּליט, צונויפגעקליבען שטיקלאך צווייגלאך, וועלכע זיינען אָנגעפאַלען איבער'ן ווינטער. דאָס אַלץ האָט משה'לע געטאָן מיט גרוים התמדה, און ווען משה'לע האָט דער־זעהן, אז די בוימער האָבען שוין גרינע צינגלאך ארויסגעשטעקט, האָבען ביי איהם אין די באַקען אָנגעהויבען שפּילען צוויי העל־פארביגע פלעקען, און דאָס אויג זיינס איז עפּעס שאַרפער, שפּי־ציגער געוואָרען.

מלא רציחה איז ער געוואָרען, אז ער האָט אמאָל ביי זיך אין גאָרטען א קונדס דערזעהן. ער האָט אָנגעהויבען שרייען, און א שטאַרקער שוים האָט איהם געזעצט פון זיין מויל.

— אהיים! אין דר'ערד אריין! — האָט ער געשריען און דאָס גאַנץ פּנים איז איהם רויט געוואָרען. די עופות, וועלכע האָבען ליב געהאַט ארומשפּאַצירען דאָרטען, האָבען זיך דער־שראָקען און אַלע מיט אמאָל האָבען ארויסגעלאָזט א ווילדען געשריי. די עופות האָט ער אויך מיט רציחה געטריבען. ער האָט זיך א ביסעל איינגעבויגען, אָנגענומען די פּאָלעס פון זיין קאַפּאָטע און, קייקלענדיג זיך אהין און צוריק, איז ער זיי נאָכ־געלאָפען, געוואָרפען זיי, וואָס ער האָט נאָר געקראָגען אין האנד.

די פויגעלאך האָט ער ליב געהאַט. אויך האָט ער ליב גע־האַט דעם שטאָרך, מיט די לאַנגע פיס, וועלכער האָט תמיד קוואַר־טירט אויף איין בוים, נאָר גאָר אַן אַלטען, וואָס האָט שוין אָנגע־הויבען דאַרען. נאָר משה'לע האָט ליב דעם בוים גלייך מיט אַלע. ער ווייסט, אז אייביג קאָן קיין זאַך ניט לעבען. דערפאַר אָבער האָט איהם דער בוים א קינד געבאָרען — א קליין ביימעלע, אַן איידעלס, איז ארוים פון זיין וואָרצעל, און משה'לע ניאַנטשעט זיך מיט איהם, גיסט אויף איהם וואסער, האָט אריינגעקלאַפּט

אין דער ערד אַ שטעקען, צוגעבונדען עס, עס זאָל געהן בדרך הישר — עס זאָל ניט וואַקסען קרום...

גאַנץ פריה. די זון איז אַרויס אויף דער וועלט און האָט געשפּריצט מיט פייערדיגע לולבים. די בוימער האָבען צוגעשאָ־קעלט מיט די קעפּ, און די גרעזער האָבען געשמייכעלט. אויף דעם ריינעם קלאָרען הערצעל פון טייכעל האָבען זיך קריסטאַלענע פעל־בעלאך געלייגט. די שטראַלען פון דער זון האָבען זיך געשפּילט מיט די פעלבעלאך, און דאָס טייכעל האָט ממזיריש, מיט פייעריגע אויגעלאך געפּלושטשעט צו דער זון. די זון האָט איהם מיט הייסע קושען געענטפערט... פון ווייטען הערט זיך אַ סקריפּ פון אַ טויער, אַ הונט ערגעץ בילט, און דער קול גיט זיך האַסטיג אַ וואָרף אין דער לופט. קיה מרוקען, שעפּעלאך מעקען. אָט הערען זיך די טריט זייערע, אָט הערט זיך אַ קנאַק פון אַ בייטש, וועלכער קלינגט הילכיג אָפּ, און דאַכט זיך, דאָס די שטילקייט האָט אַ שטאַרקען קלאַפּ געכאַפּט און האָט אַ ווילדען געשריי אַרויסגעלאָזט...

משה'לע האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט געעפענט דאָס אויג און האָט זיך אויפגעזעצט; און זיצענדיג האָט ער זיך אָנגעהוי־בען אַרומקוקען אין אַלע זייטען.

„דאָס בוימעלע באַגיסען", האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

ביי משה'לען האָט זיך דאָס האַרץ אָפּגעריסען, ווי נאָר ער האָט דערזעהן, אַז דאָס יונגע בוימעלע איז אויף דער העלפט אי־בערגעבראָכען. עס האָט איהם אַ שטאַרקען שווינדעל געטאָן אין אויג, און די ערד האָט זיך געגעבען אַ וויג אונטער איהם. משה'לע האָט, ניט גלויבענדיג, זיך אָנגעבויגען און האָט דאָס באַטראַכט; עס איז אָבער געווען ריכטיג: דאָס בוימעלע איז געלעגען איבער־געקעהרט, דער שפּיץ אויף דער ערד, און דאָרטען ביים בראָך האָט זיך עס נאָך ביי אַ דין שפּענדעלע געהאַלטען. אַ גאַנצען טאָג האָט משה'לע זיך אָהן כח געפּיהלט. ער איז צוגעגאַנגען אַלע מאָל צום בוימעלע, האָט דאָס מיט אַ צובראָכען האַרץ אַ פּאָר

מינוט באטראכט און איז מיט פארבראָכענע הענד אוועקגעגאנגען פון איהם.

אויף מאָרגען גאנץ פריה האָט זיך משה׳לע געפרואווט אויפ־הויבען, נאָר ער האָט אַ גאנצע משא דערפיהלט אויף זיך. דער קאָפּ איז איהם שווער געווען, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ פרעמ־דער, אַ צוגעטשעפּעטער. משה׳לע האָט די גאנצע צייט געפיהלט ווי עפּעס אַ יונג, דאס יונגסטע און דאָס ליבסטע קינד וואָלט איהם אומגעקומען. און געפיהלט האָט ער, ווי די כחות לאָזען זיך איהם אויס, צאפּען זיך פון זיין קערפּער. — און משה׳לען האָט פּלוצים אָנגענומען אַ חשק, האָבען אימיצען נעבען זיך. אין דעם אויג האָט יעדע מינוט געגעבען אַ יאָג אריין אַ כוואַלע פינס־טערקייט, און די ליכטיגקייט האָט זיך אָנגעהויבען פּלאָנטערן, רייסען זיך, ווי אַ פליג פון דעם שפּינוועבס. די פינסטערקייט האָט געציטערט; ווייסע און שווארצע פלעקען האָבען זיך גע־מישט, זיך אָפּגעטרענט איינס פון דעם צווייטען און ווידער זיך צונויפגענומען. די ליכטיגקייט מיט דער פינסטערניש האָבעןביידע געשטריטען, געשפּרונגען איינס איבער׳ן צווייטען. משה׳לען האָט דאָס שטארק איינגערייצט, און ער האָט איינגאנצען דאָס אויג פארמאכט.

פאַר משה׳לען האָבען אָנגעהויבען טאַנצען בילדער. אָט זעהט ער זיך אַ קליין אינגעלע, מיט פארקאַטשעטע הייזלאך, ארומשפּאַנענדיג איבער׳ן גאָרטען. אָט זעהט ער דעם טאַטען זיינעם, — אַ גראָבער, אַ קליינטשינקער אַזוי ווי ער, מיט אַ פּאַרשמאָלצעוועטער יאַרמולקע אויפ׳ן קאָפּ, פול מיט פעדערען. אָט זעהט ער די מאַמען זיינע, — אַ קליינטשינקע אידענע, מיט אַ טשיפּיק׳ל אויפ׳ן קאָפּ; זי מעלקט די קוה. אָט זעהט ער זיך זיצען מיט דער ווייב, מיט די קינדער דאָרטען אין שטוב. אָט זעהט ער זיך זיצען אויף אַ בוים נאָך מיט חברה און מען ריכט דאָרט אָפּ אַ סעודה.

משה׳לע האָט דאָס אויג געעפענט, נאָר באַלד האָט ער עס געמוזט פאַרמאַכען, ווייל עס האָט איהם ווידער אָנגעהויבען

שווינדלען. ער האָט זיך געפּרואווט זעצען, נאָר ער איז שוין אָבער איבער זיין קערפּער קיין בעל הבית ניט געווען. ער האָט זיך אָנגענומען מיט די לעצטע כחות און, קרימענדיג זיך, האָט ער זיך אָנגעהויבען רוקען, זיך אָנשפּאַרענדיג מיט די עלענבויגענס אָן דער ערד, און צולעצט האָט ער זיך אוועקגעזעצט, אָנשפּאַרענ־דיג זיך מיט דער פּלייצע אָן בוים. דעם קאָפּ איז איהם שווער געווען צו האַלטען; ער האָט איהם אויפ'ן אַקסעל פּאַרוואָרפען, און דעם אָטעם איז איהם שווער געוואָרען צו ציהען. דער בויך האָט זיך אַלע מאָל ביי איהם שטאַרק אויפגעהויבען און איז באַלד איינגעפאַלען צוריק. „אימיצער קריכט", דוכט זיך איהם, מיט מאַטערניש האָט ער דאָס אויג אויפגעריסען — ווידער האָט איהם א שווינדעל געטאָן, און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אימיצער איז דאָ דורכגעלאָפען און האָט זיך ערגעץ הינטער איהם באַהאַל־טען. ער האָט זיך פּאַרדריסליך פּאַרקרימט, וועלענדיג אויס־דרעהען דעם קאָפּ א קוק געבען אַהינטער; נאָר ער האָט אָבער ניט געקאָנט. „עופות געהען ארום"... „א רויז רייסט מען"... „א בוים ברעכט מען"... ער האָט געוואָלט א געשריי געבען — דער אָטעם איז איהם קורץ געוואָרען. „פיגורעס שפּרינגען"... און ס'דוכט זיך איהם, אַז אינגלאַך לויפען איהם נאָך. אָט דערזעהט ער א אינגעל אויף א בוים. אָט זעהט ער דאָס ווייב זיינס מיט די קינדער. אָט זעהט ער זיי. — קינדער! — מורמלען די ליפּען זיינע: איהר זאָלט אָפּהיטען דעם גאָרטען! אַ־אַ־אָט קריכט מען .. איהר זע־עהט ניט? דעם גאָרטען היט אָפּ!...

פרייטאָג צונאַכטס.

(אַ בילדעל)

די ליכט האַלטען ביים אויסגעהן, די פייערלאַך גיבען זיך אַלע מאָל אַ הויב־אויף פון די מעשענע לייכטער אַרויס, און די שטוב ווערט מיט אַמאָל אָנגעגאָסען מיט ליכטיגקייט און ווערען באַלד פאַרשוואונדען, ווי זיי וואָלטען ערגעץ אונטער דער פּאָד־לאָגע אַנטרונען געוואָרען, און עס דאַכט זיך, אַז די פינסטערניש מיט דער ליכטיגקייט שפּילען זיך אין באַהעלטעניש.

די קינדער ליגען שוין אין די בעטען, נאָר זיי שלאָפען נאָך ניט. אַלע מאָל דערהערט זיך אַ הילכיגער פרעהליכער געלעכטער אָדער אַ קוויטש, וועלכער צוקלינגט איבער דער גאַנצער שטוב. אַ גאַנצע וואָך האַלטען זיי צווישען זיך קיין שלום ניט און טאַקע ליגענדיג אין די בעטען הרג׳ענען זיי זיך, רייסען שטיקלאַך איינער פון דעם צווייטען: איינער שרייט, אַ צווייטער קוויטשעט, אַ דריטער רופט דער מאַמען צו הילף, און די מאַמע לויפט טאַקע צו, דעקט אָפּ דאָס איבערבעט און איז אַלעמען מכבד: וועמען מיט אַ קניפּ, אַ צווייטען — מיט אַ קללה, אַ דריטען — מיט אַ באַכאָלקע אין די פּלייצעס, און דעם גרעסטען, מיט וועלכען זי קען זיך שוין ניט ראַנגלען, זאָגט זי צו, אַז דער טאַטע וועט קומען, וועט ער איהם באַצאָהלען. די קלענערע חברה זיינען זיך מחיה, וואָס זיי האָבען שוין גע׳פּטר׳ט זייער שטראָף. דער טאַטע איז אַ בייזער, נאָר דערפאַר אַז ער קומט פרייטאָג צונאַכטס איז ער נאָך בעסער פון דער מאַמען. פרייטאָג צונאַכטס האָבען זיי פאַר׳ן פאָטער קיין מורא ניט, זיי קאָמאַנדעווען, וויפיל זייערע הערצלאַך גלוסט זיך. זיי טויטשען דאָס איבערבעט מיט די פיס און אַמאָל

טאקע ווארפען זיי דאָס אראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע, און דאָ הויבט זיך ערשט אָן א נייע וועלט: זיי קלאַפּען זיך מיט די פיס, ווארפען זיך איינס אויף דאָס אנדערע און דושען זיך, עס הערען זיך פארשטיקטע קולות פון קישען ארויס. אמאָל כאַפּט טאקע איינער א גוטען קלאַפּ, פון וועלכען ער וואָלט זיך אין דער־וואָכען געוויס צוואויינט, נאָר איצט לאכט ער, אָבער אין דעם געלעכטער פיהלט זיך א וועהטאָג און אין וועהטאָג פיהלט זיך א געלעכטער, עפּעס פּאַסט איצט ניט צו וויינען: אַלעס ארום און ארום לאכט און זינגט; די פינסטערניש איז עפּעס אזוי גוט איצט, מחיה'דיג. טויזענטער טעמים האָט איצט די פינסטערקייט. אין דער־וואָכען האָבען די קינדער מורא פאר איהר און איצט — ניט. פארקעהרט: זיי וואָלטען געוואָלט, אז די ליכט זאָלען זיך שוין גאָר איינגאַנצען פארלעשען. דעמאָלט שפּרינגען ארויס א פּאָר חברה מיט די הוילע העמדלאך און מען געהט איינס אנטקעגען דאָס אנדערע א טענצעל. עס הערט זיך, ווי עס קלאַפּען זייערע באָרוויסע וואייכינקע פיסלאך אין דער פּאָדלאָגע. נאָך זיי שפּרינגען ארויס די איבעריגע און מען הויבט אָן ארומטאַנצען איבער דער שטוב. מען באהאַלט זיך איינס פאר דאָס אנדערע און איינער דעם צווייטען זוכט, טאַפּט מיט די הענטלאך אין דער לופטען און די הערצלאך קלאַפּען: אָט וועט עמיצער צושפּרינגען און געבען א ציה ביים העמדעל און א קוויטש, פון מורא מיט פרייד צוזאַמען, וועט זיך מיט אמאָל געבען א טראָג אין דער לופטען.

* * *

דער טאַטע מיט דער מאַמע שטעהען ביי דער הרובע מיט אראָפּגעלאָזטע העמדער ביז די גארטלען און ווארעמען זיך די פּלייצעס. זיי פאָהרען פּאמעלאך איבער דער הרובע הין און צוריק. די אָקסלען זייערע קומען זיך אַלע מאָל צונויף און דערווייטערען זיך. ביידע קרימען זיך פון גרויס פארגעניגען. אָט בלייבט ער שטעהן ווי פארגליווערט מיט אָן אָפען, פארקרימט

מויל, מיט ווייך־פארמאַכטע אויגען און ער גיט זיך איינגאַנצען איבער דער ליבער, זיסער ווארעמקייט;ביידע פארגעסען, אז זיי שטעהען איינער נעבען דעם צווייטען; זיי זעהען ניט ווי די ליכט צאַנקען, זיי הערען ניט ווי די קינדער ליאַרמען, ווי דער ווינט פייפט און רייסט דעם לאָדען; זיי פיהלען נאָר, ווי עס בייסט זיי אין די פלייצעס און פון דעם בייסען צוגעהט זיך איבער'ן לייב עפּעס אַ מין ליבקייט, אַ זיסע ווארעמקייט, ריכטיג ווי זיי וואָלטען זיך געפונען אין גן־עדן און געבאָדען זיך אין אַ ווארימען טייך בוימעל. די לייבער זייערע שמעלצען זיך צונויף מיט די נשמות, און די נשמות — מיט די לייבער. עס ווערט איין שטיק, איין שטיק הייליגקייט, הייליג, ווי דער שבת אַליין...

געעפענט די אויגען ווען אין שטוב איז שוין געווען פינסטער, זאָגט ער צו איהר:

— געוועז אָנצינדען די לאָמפּ?

— נאָך וואָס? — פרעגט זי.

נאָר ער הערט אָבער ניט דעם ענטפער און זאָגט איהר גאָר עפּעס אַנדערש: געגוג שוין...

— וואָס?

— שיר השירים אשר לשלמה!! — ציהט ער מיט אמאָל אויס מיט אַ זיסען, ווייכען קול.

— וואָס האָסטו געזאָגט „געגוג שוין!"...

— י־ש־קני! — ציהט ער מיט אמאָל אויס, אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ צו איהר...

— דערויף ביזטו בילבער, — שלאָגט זי אין מיטען איבער...

— מנשיקות פיהו, גיב אהער דיין פּיסקעל...

— די קינדער... — רוימט זי איהם איין, אַ קניפּ געבענדיג.

— אוי, זאָג־זשע מיין ווייב: כי טובים דודיך מיין! ווייסט, וואָס דאָס הייסט?

— וואָס?

— אָט דאָס הייסט עס! — זאָגט ער איהר, א קוש געבענדיג איהר אין אַקסעל.

— אַוועק אין דער ערד! — זאָגט זי איהם שטיל און ווייך.

— לריח שמניך טובים!...

— ווייסט, איך וויל שלאָפען.

— נו, קטאָ טיבי ני פּוסקאַיע? — ענטפערט ער איהר אויף גוי׳איש.

— טי, — ענטפערט זי איהם.

און ער זאָגט ווייטער: „לריח שמניך טובים, שמן תורק שמ — — ך. שטיל זאָל זיין, בייסטרוקעס! על כן עלמות אהבוך. איך וועל באַלד נעהמען צו אייך דעם פּאַסעק!”

עס הערט זיך אַ געשטיקטער געלעכטער.

— איהר וועט ביי מיר לאַכען! — זאָגט דער פאָטער ווידער אויף אַ געמאַכטען בייזען קול.

דער געלעכטער ווערט נאָך שטאַרקער.

— ע־ע־ע — זאָגט דער פאָטער לאָזענדיג זיך איבער דער שטוב זיי זוכען. — איהר זיינט שוין אַזעלכע ממזרים, איהר האָט שוין קיין מורא ניט פאַר׳ן טאַטען! וואַרט־אוים, איך וועל אייך באַצאָהלען!

מען הערט נאָר אַ שטילען לויפען פון באָרוויסע פיסלאַך, און ער פרעגט אַלע מאָל אין דער וועלט אריין: וואו זיינען זיי ערגעץ? נאָר זיי ליגען שוין אונטער דעם איבער־בעט צונויפגעפּלאָכטען די הענטלאַך מיט די פיסלאַך און הערענ־דיג ווי דער פאָטער פרעגט: „וואו זיינען זיי ערגעץ?”, הויבען זיי זיך אָן קנייפּען איינס דאָס אַנדערע און גראָבען זיך נאָך מעהרער איין איינער אין דעם צווייטען און ווערען שיער ניט דערשטיקט פון געלעכטער.

— אַזעלכע עכברשים! — זאָגט ער ווייטער. — וואו האָבען זיי זיך באַהאַלטען?

— אָט בין איך! — הערט זיך אַ קול פון אונטער דעם איבערבעט, און דאַכט זיך, אַז דאָס קול געהט ווייט־ווייט ערגעץ פון דרויסען.

ער געהט צו, דעקט אָפּ דאָס איבערבעט. אַלע גיבען אַ לאָז

ארוים א קוויטש מיט א געלעכטער צוזאַמען, וועלכער הילכט אָפּ איבער דער גאַנצער שטוב.

דער פאָטער פּאַקט איינעם און נעהמט איהם אויף קאַטאָוועס צום שמייסען.

— ע־ע־ע, ס'טוט ניט וועה, — רייצט ער זיך מיט'ן פאָטער.

— א! א! ניט געכאַפּט! — רייצען זיך די איבעריגע חברה.

ער קעהרט זיך ענדליך צוריק צו דער הרובע און נעהמט פון דאָס ניי זאָגען שיר השירים.

אין שטוב ווערט שטיל — א שבת'דיגע שטילקייט, וועלכע ציגיסט זיך אין יעדער ווינקעלע, און ס'דאַכט זיך, אז דער שבת שטעהט און האַלט איין דעם אָטעם און קוועלט אין זיך, וואָס ער גיט מענשען אזוי פיל פאַרגעניגען; ער הערט זיך איין צו די ליבע, זיסע טענער, וועלכע פלעכטען זיך מיט זיסע און טייערע ווערטער, הגידה לי, שאהבה נפשי, איכה תרעה איכה תרביץ בצהרים. יעדעס וואָרט געהט ארוים קיילעכיג, געדרעהט אויף מאָדנע טענער, נידעריגע, הויכע, גאָר שטילע, האַרטע און ווייכע, פרעהליך־טרויעריגע און טרויעריג־פרעהליכע. אָט די אַלע ווער־טער מיט די ווייכע און גוטע נגונים פליהען און טאַנצען אין דער לופטען און זיי טשעפּען זיך, בינדען זיך און פלעכטען זיך אין איין שעהנעם קראַנץ, און דאָס געהט ארויף אין דער הויך, דאָס איז א מתנה זיין ליבען נאָמען פאר זיין הייליגען שבת.

אוים שבת מאַכען.

(אַ בילד פון אַ גרויסער שטאָדט)

פרייטאג צונאכטס. אין שטוב איז ריין אויפגערוימט: צוויי קליינע מעשענע לייכטערלאך שטעהען אויף א קלאָר ווייס טישטוך; די ליכט ברענען זיך שטיל און לאנגזאם און דאכט זיך, דאס זיי פיהלען אויף זיך גאָר קיין חוב ניט צו באלייכטען די שטוב — דער לאָמפּ, וועלכער הענגט איבער'ן טיש, וועט שוין פאר זיי אויך לייכטען.

אויף די ווענד הענגען א פּאָר בילדער: באראָן הירש מיט ראָטשילד'ן, א יעגער מיט הערשען און עפּעס א מין גענעראל מיט א סך מעדאלען, און אלע בילדער קוקען מיט א מאָדנע שוויי־גניש אויפ'ן טיש אראָפּ, און באטראכטען מיט גרויס רעספּעקט די שבת־ליכט.

רבקה, די בעל־הבית'טע פון דער שטוב, זיצט ביים טיש. זי איז אָנגעטאָן אין א קלאָר ריין בלוזקעלע, די האָר פארקעמט „גיישע" און די אויגען איהרע קוקען פארטראכט אויף די ליכט; אלע מאָל רייסט זיך ביי איהר ארוים א זיפץ, נאָך וועלכען זי גיט זיך א קוק־אום איבער דער שטוב, ווי זי וואָלט עפּעס גע־וואָלט דערזעהן...

צוויי קינדערלאך איהרע, א מיידעלע פון א יאָהר צעהן, פארפּוצט אין א בלוי קליידעלע מיט פייכטע נאָר־וואָס אויס־געצוואָגענע האָר, און הערשעלע א יאָהר זעקס מיט א געקרויזעלט קעפּעלע און אָנגעטאָן אין א שווארץ גארניטורעל — זיצען ביים טיש.ביידע קוקען אריין אין אַ ביכעל מיט בילדער. אלע מאָל לאָזט הערשעלע ארוים א קוויטש פון ענטציקונג, זעהענדיג ווי

עס שטעהען קעצעלאך אזוי ווי קליינע מיידעלאך און איינע א גרויסע קאַץ, די מאמע זייערע, אויך אין א קלײדעל, דערלאַנגט זיי א שיסעלע עסען.ביידע בלעטערען אלע מאָל הין און צוריק, באטראכטען און מישען ווייטער.

פון יענער זייט וואנד דערהערט זיך א מענער־שטימע, וועל־כע זינגט „כל מקדש". דאָס איז דער נייער שכן, וואָס האָט זיך ערשט נעכטען אריינגעצויגען. רבקה גיט א הויב־אויף די אויגען צו דער וואנד און כאפט א קוק אויפ'ן זייגער: 8 דער־זעהט זי, און גיט דערביי א טראַכט: „ער איז נאָך ניטאָ"...

זי זיפצט שווער אָפּ. געהט איבער מיט א פארטראכטען קוק די שטוב און זי כאפּט ווידער דעם זעלבען געדאנק: „ער איז נאָך ניטאָ... שבת!"...

דאָס הארץ טוט איהר וועה הערענדיג פון יענער זייט וואנד דעם „כל־מקדש". זי דערמאנט זיך אין איהר טאטען. דער טאטע איהרער איז אויך געווען א בעל־מלאכה. פרייטאג פאר־נאכט, עס האָט געמעגט דונערען און בליצען, האָט ער אוועק־געלעגט די ארבייט, אלע זיינע געזעסען ביים טיש און מען האָט געגעסען צוזאמען... עס איז געווען שבת'דיג, פרעהליך...

איהר ארט, וואָס א גאנצע וואָך עסען זיי, זי מיט די קינדער, מיט'ן מאן קיינמאָל אין איינעם קיין וועטשערע ניט, כאָטש ניט איינמאָל טוט וועה דאָס הארץ: ווען ער קומט איז שוין דאָס עסען קאלט, און די קינדער ווילען תמיד ווארטען אויפ'ן פאָטער, נאָר זי, וויסענדיג דאָס מען וועט זיך אויף איהם ניט דערווארטען, רעדט זיי קוים איין, זיי זאָלען אָפּעסען און געהן שלאָפען. אָבער פרייטאג צונאכטס! נאָר אויף צו להכעיס קומט ער פרייטאג צונאכטס נאָך שפּעטער ווי א גאנצע וואָך. פרייטאג דארף מען ארויסענדיגען די ארבייט... „ספּיעשקעס" מיט „ספּיעשקעס" — אין דער ערד אריין...

זי איז בייז, שטארק בייז, אויף וועמען ווייסט זי ניט, נאָר דאָך פארדריסט דאָס איהר שטארק. דאכט זיך מיר,

טראַכט זי, מען קען אויספיהרען ניט ארבייטען אום שבת... זי איז טאקי אליין אויך ניט קיין פרומע.. נאָר פּאַרט... שבת...

דאָס האַרץ צוגעהט אין איהר הערענדיג פון יענער זייט די זמירות... עס דערמאנט איהר אין די קינדערשע יאָהרען... איהר איז דאָס אזוי ליב, אזוי טייער... מאָלט זי זיך, ווי פון יענער זייט וואנד זיצט א גאנצע פאמיליע. „ער" זיצט אויבען־אָן, דאָס ווייב נעבען איהם און די קינדערלאַך ארום טיש... ער מוז אויך זיין א בעל מלאכה, טראַכט זי, און דאָך שבת איז שבת... אז מען וויל קען מען... ווען ער זאָל נאָר וועלען, וואָלט ער דאָס געקאָנט אויספיהרען: איינמאָל ניט, און גענוג. וואָס וואָלט מען איהם געטאָן? א גאנצע וואָך האָרעווען מיט'ן ביטערען שוויים איז ווינציג, דאַרף ער נאָך שבת אויך ארבייטען.

זי ווערט אויפגערעגט, און טראַכט, אז זי איז גאָר אינגאנצען שולדיג. זי איז דאָך א ווייב! א ווייב זאָל ניט קענען אויספיהרען ביי א מאַן? אויף וואָס דען איז א ווייב, אויף וואָס? אויף קאָכען און באקען? זיך מוטשען אויפ'ן טויט?

ווען זי וואָלט איינמאָל און א צווייטען מאָל צוגעשטאַנען צו איהם: איינמאָל פאר אלע מאָל, איך וויל דו זאָלסט זיין א איד ווי אלע אידען. איך וויל אז פרייטאג צונאכטס זאָלסטו דאווענען... מילא דאָס איז זי איהם שוין מוחל, האָקט איהר איבער א געדאנק, זאָל ער ניט דאווענען...

— מאַמע, גיב מיר עסען! — בעט זיך הערשעלע.

— האַר־אוים, זוהנינו, דער טאַטע וועט באַלד קומען — זאָגט איהם די מוטער מיט א ווייך קול.

— באַלד? — פרעגט דאָס קינד איבער, ניט גלויבענדיג.

— יאָ, יאָ, באַלד, זוהניניו, באַלד וועט קומען דער טאַטע, וועלען מיר עסען וועטשערע, דערנאָך וועסטו געהן שלאָפען, יאָ, קדיש מיינער?

— איך וויל נאָך ניט עסען! — רופט זיך דאָס מיידעלע אָפּ מיט גרויסקייט — איך וויל וואַרטען אויפ'ן טאַטען.

— מיר פאר דיין קאָפּ, טעכטעריל מיינס. זעהסט —

ווענדעט זי זיך צו הערשעלען — אַט זי איז אַ וואויל מיידעלע, זי וועט ווארטען אויפ'ן טאטען.

— איך וועל ווארטען אויפ'ן טאטען — חזר'ט מינדעלע נאָך אמאָל איבער, נאָך מיט מעהר גרויסקייט.

— איך אויך! — שרייט הערשעלע אוים.

רבקה הויבט זיך אויף, געהט־צו צו די קינדער, גיט דעם א קוש, דעם צווייטען, און זיפצט־אָפּ, בלייבט שטעהן א פּאָר מינוט א פארטראַכטע... זי וואָלט געוואָלט פאר די קינדער אויסרעדען איהר הארץ, נאָר זיי וועלען זי אָבער ניט פאר־שטעהן...

זי האָט זיך צוריק געלאָזט געהן זיך אוועקזעצען, נאָר זי איז מיט אמאָל געבליבען שטעהן, די אויערען איהרע האָבען זיך אָנגעשפּיצט און די אויגען האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף דער טיר, וועלכע פיהרט אין פאָדער־הויז. איהר האָט זיך אויסגע־וויזען, אז עמיצער האָט א קלאַפּ געגעבען מיט דער טיר, און כאָטש זי האָט באַלד געוואוסט, אז איהר האָט זיך דאָס גע־דאכט, דאָך איז זי ארויסגעגאנגען און געכאפּט א קוק צו דער טיר.

— דער טאטע? — האָט מינדעלע געפרעגט ווען זי איז צוריק אריינגעקומען.

— ניין, — האָט רבקה טרויעריג, פארדראָסיג געענט-פערט.

א פּאָר מינוט איז זי געשטאַנען אין מיטען שטוב א פאר־צווייפעלטע, איהר האָט אליין שוין אויך אָנגעהויבען קלעמען דאָס הארץ, נאָר דאָך האָט זי ביי זיך ניט געקענט פועל'ן געהן עסען.

זי האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט.

דער זייגער האָט שוין 9 געשלאָגען. פון יענער זייט וואנד איז שוין שטיל געווען. מען שלאָפט שוין דאָרטען, האָט רבקה מיט וועהטאָג א טראכט געגעבען, און די שטילקייט פון

יענער זייט האָט איהר געצויגען; יענע שטילקייט איז א שבת'־דיגע, א רוהיגע, און דאָ ביי איהר אין שטוב איז עפּעס גאָר אן אנדער שטילקייט...

א וועהטאָגדיג בענקען האָט זי אינגאנצען ארומגענומען. זי האָט זיך אָנגעהויבען איינקוקען אויפ'ן טישטוך און אויף די ליכט, גלייך ווי זי וואָלט זיי נאָר־וואָס דערזעהן. זי האָט דאָס אלעס געפונען פאר איבעריג: וואס פאר א שבת איז ביי איהר, האָט זי פול מיט וועהטאָג געטראכט, וואָס פאר א שבת, ווען דער מאן ארבייט... ס'איז עפּעס גאָרניט... ווי אויף חוזק... גלאָט נאָכגעמאכט... און איהר האָט אָנגענומען א חשק אויסלעשען די ליכט, אראָפּרייסען דאָס טישטוך... א נאקעטער טיש זאָל בלייבען... א נאקעטער טיש... ניין, זי קען דאָס ניט... זי האָט פאר עפּעס מורא... איהר איז דאָס שרעקליך... שבת!.. נאָר זי מוז דאָס טאָן, איינמאָל פאר אלע מאָל — אוים שבת. אז ער ארבייט איז ביי איהר אלץ איינס קיין שבת ניט.

זי איז אראָפּגעשפּרונגען פון בעט און מיט איין בלאָז גע־געבען א לעש־אוים די ליכט, נאָכהער האָט זי גענומען א נעהם־צונויף אין איין קנויל דאָס טישטוך און דאָס א שמיץ געגעבען אויף א בענקעל, נאָכדעם האָט זי געגעבען א דרעה־איין דעם לאָמפּ און אין שטוב האָט זיך געגעבען א גיס־אָן א געדיכטע פינס־טערניש...

נישט געשלאָפען.

אין אן ענגען צימער, אין א ברייטען הילצערנעם בעט, שלאָפטביילע מיט איהרע צוויי טעכטער. די קלענערע מינדעל, פערצעהן יאָהר אַלט, מיט א רויטען אונטערגעשוירענעם קאָפּ האָר, ליגט מיט איהר צוקאָפּענס, און גאָלדע, א שעהנע בלאָנ־דינקע פון צוואנציג יאָהר, ליגט צו־פוסען.

ביילע ליגט מיט'ן פּנים ארויף, מיט אַן אָפען מויל, און די פארמאַכטע אויגען איהרע קוקען אויף דער סטעליע. אַן אַלטע קאָלדרע, פון וועלכער עס קוקען ארוים שטיקלאך וואטע, דעקט זיי אַלע דריי צו, און א שטיק קאָלדרע, וואָס באדעקט ביילעס האַרץ, הויבט זיך אַרויף און אראָפּ פון איהר שווערען אָטעם. די שפּיציגע מאָרדע איהרע גיט אָפּט א ציטער און בלייבט מיט אמאָל שטעהן, ווי א גרויסע שטארקע האנד וואָלט זי מיט אמאָל איינגעהאַלטען. מינדעל ליגט מיט'ן פּנים צו דער וואַנט.

א שטילקייט שלאָפט אין שטוב. זי ליגט אָנגעשפּארט אויף די ווענט, אויף דער סטעליע, אויפ'ן טיש, אויף די פּאָר בענק־לאַך, אין יעדען ווינקעלע.

דאָס קליינע פייער'ל אין לעמפּעל, וואָס איז שטארק איינגע־דרעהט, באגראָבען אונטער'ן שווארצען קאָלפּאַקעל און אין דעם פארדרויכערטען שווארצען גלעזעל, זעהט אוים ווי א גוסס'ע נשמה אין א לאַנג פארקרענקטען גוף. אויף דער סטעליע ליגט א קיי־לעכדיגער רעדעל ליכטיגקייט.

גאָלדע שלאָפט נישט.

זי שלאָפט נישט פאר גרוים פרייד, וואָס זי האָט היינט געקראָגען ארבייט. שוין צוויי חדשים נאָך יום־טובים, און זי

האָט נאָך קיין שטאָך ארבייט נישט געהאט. ערשט היינט האָט זי געקראָגען ארבייט, איז פון גרויס פרייד קען זי ניט שלאָפען, ליגט זי און טראַכט:

... א מענטעלע! — דאָס מאַכט זי זיך פונ'ם ערשטען חודש פארדינסט. א מענטעלע, מיט א גלייכע פלייצע, מיט צוויי קליינע שפּעלטיכלאך פון הינטען, מיט סאַמעטענע מאַנ־קעטען און מיט גרויסע פערלמוטערנע קנעפּ...

שיך, קאַלאָשען, א ווארים קלייד, א הוט... — אלצדינג וועט זי זיך מאַכען, אבי זי וועט נאָר רעגעלמעסיג ארבייטען. א האלב טוץ העמדער — דאָס מוז זי האָבען ווי דאָס לעבען. זי האָט שוין נישט, וואס צו פארריכטען... א האלב טוץ... מאַראַזאָוו'ס לייווענד, און „קרוזשעוועס" דאַרף איהר קאָסטען אַן ערך... פיר ארשין אויף א העמד... אויף א העמד פיר ארשין... א רעכענונג... פיר מאָל זעקס... זעקס מאָל פיר... א רעכענונג... 24 ארשין. 24 ארשין איז אזוי גרויס... אזוי גרויס... ווי... און זי וועט אויס־נייהען דעם נאָמען מיט דער פאמיליע „ג. ס." — מיט אזא וועש וועט זי שוין אפילו צו דער חתונה נישט פארשעמט ווערען... כאָטש זי איז נאָך נישט קיין כלה. ניין, זי איז שוין עפּעס יאָ א כלה, זי פיהרט זיך שוין ארום מיט בעריל דעם מאשיניסט דריי יאָהר. איז... זי ווייסט? ער זאָגט, ער וועט זי נעהמען אָהן נדן... נו, וואָס־זשע איז די מניעה?... ער האָט זי געפרעגט אמאָל אין פארק, צי האָט זי איהם ליב — האָט זי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. וואָס האָט זי געשאָקעלט, אויף „יאָ" צי אויף „ניין", דאָס ווייסט זי עד היום ניט...

זי האָט גאָר אלע יאָהרען חשק צו א פריקאַשטשיק...

זי ווערט מיט אמאָל ברוגז אויף זיך, פארוואָס זי ווערט נישט אנטשלאָפען. זי וועט דאָך נישט קאָנען אויפשטעהן גאַנץ פריה. פארשפּעטיגען פעהלט איהר? נאָך דעם ערשטען טאָג! פארקעהרט, פריהער דאַרף זי קומען, פריהער פאַר אלעמען.

זי רוקט ארונטער דעם קאָפּ אונטער דער קאָלדרע, לעגט זיך אויף א זייט, ציהט איין די פיס, און פארקלערט זיך אויף פינף

דעם זייגער אויפצושטעהן. זי גלויבט, אז ווען זי פארקלערט פאר'ן שלאָפען, אויף וואָס פאר א שעה אויפצושטעהן, שטעהט זי טאקע דעמאָלט אויף. נאָר זי דארף זיך אָבער גענוג איינ'חזר'ן און קלערען: „5 אזייגער", „5 אזייגער", — און זי ליגט אונטער דער קאָלדרע און שעפּטשעט שטיל: „5 אזייגער", „5 אזייגער".

דערווייל ווערט איהר הייס און דושנע אונטער דער קאָלדרע. זי כאפּט ארויס דעם קאָפּ, דעקט זיך גוט איין דעם האלז און בלייבט ליגען — נישט געריהרט!... און איהר דאכט זיך, אז זי שלאָפט שוין; נאָר די געדאנקען, ווייזט אויס, ריהרען זיך נאָך, באוועגען זיך, ווארפען זיך איבער פון איין זייט אויף דער צווייטער, ריכטיג ווי נים וואָלטען זיי געקוועטשט אונטער די זייטען. זי ליגט א פּאָר מינוט פארטאיעט און דער „5 אזייגער" וואקסט ביי איהר, ווי מיט א כשוף. און פּלוצים דערמאנט זי זיך אָן דעם טאטען. שוין צוויי יאָהר, אז ער איז געשטאָרבען. א שטארקער ווינט איז דעמאָלט געווען, ווען דער טאטע איז געשטאָרבען; א ווינט מיט א רעגען. אלע דריי זיינען נאָכגעפּאָהרען נאָך דער לויה. די מאמע חלש'ט אויף דער דראָשקע. זי גיט א קוק אויף דער מוטער און דאָס הארץ הייבט איהר אָן ציטערען. זאָל כאָטש די מאמע לעבען! און עס דאכט זיך איהר, אז די מאמע וועט אויך גיך שטארבען. זי וויל זיך אָפּטשעפּען פון די געדאנקען, נאָר ווי אויף ווי להכעיס קלערט זיך ביי איהר ווייטער: אז די מאמע ליגט א טויטע אויף דער ערד איבערגעדעקט מיט שווארצען... צוויי ליכט ברענען צו־קאָפּענס...

די שרעקליכע געדאנקען באהערשען זי, און זי ווערט אלץ אונ־רוהיגער; און זי האָט שוין מורא קוקען אויף דער מאמען, זי האָט מורא פאר איהר אָפען מויל, פאר די פארמאכטע איינגעפאלענע אויגען, פאר איהרע קורצע, שיטערע האָר, וואָס ליגען צעוואָרפען איבער'ן קישען. און איהר דאכט זיך שוין, אז דער מאמעס פּיס זיי־נען קאַלט... זי רוקט זיך אָפּ, רוקט־צו איהרע פיס צו מינדלען. און דערפיהלענדיג נעבען זיך א ווארימען, געזונטען קערפּער, ווערט

איהר אביסעל היימליכער, און זי נורעט זיך איין אין קישען און ווערט אנשלאָפּען.

אָפּגעשלאָפען א האלבע שעה, האָט זי זיך אויפגעכאפּט מיט שרעק, מיינענדיג גאָט ווייסט, וויפיל זי איז אָפּגעשלאָפען. און דערזעהענדיג, ווי עס לייכט זיך אריין א ווייסער פאַס דורכ'ן לאָדען, איז זי ווי אָן אָפּגעבריהטע אראָפּגעשפּרונגען אויף דער פאָדלאָגע און אַ ציטער געגעבען פון קעלט, געכומען אויף גיך זיך אָנטאָן און דערביי האָט זי אָנגעהויבען וועקען מינדלען, מינדעל זאָל אויך אויפשטעהן צו דער ארבייט.

— עס איז, דאכט זיך, נאָך גאָר פריה, האָט זיך די מוטער אָפּגערופען מיט א קראַנק, צובראָכען קול: א פראָסט? — פרעגט זי גאָלדע'ן, א קוק כאַפּענדיג צום פענסטער — איבערגעקאָליט בין איך געוואָרען... מינצע! שטעה אויף, טאָכטער!... וואָס טוסטו עפּעס אָן? — ווענדעט זי זיך צו גאָלדע'ן, זעהענדיג ווי יענע טוט אָן דאָס אַלטע זומערדיגע קליידעל — נעם טו פון אויבען אָן דאָס שבת'דיגע, דער רוח וועט דאָס נישט צונעהמען — וועט דיר זיין אביסעל ווארימער... נעם, טאָכטער, דעם שאַל מיינעם... וויים איך, א שאַנד אין פּנים — א געזונד אין הארץ... דאָס טיגערן קאפּטעל פון הינטען, פון אויבען דאָס... אָט אזוי... מינדעל!... פאָלג מיר! טו אָן, זשאַלעווע נישט... ביי דער ארבייט וועסטו דאָס קאָנען אויסטאָן. אין שטוב מיט וואָס מען זיצט, זיצט מען... מינדעל!... וואָס יאָגסטו אזוי? קום אהער, וועל איך דיר צובינדען.

— וועסט שוין מיך באַלד דערוווערגען, זאָגט גאָלדע, ארויסרייסענדיג זיך פון דער מוטערס הענד.

— ווען דו ווילסט מיר פאָלגען, פּרובט זיך ביילע זאָגען דאָס, וואָס זי האָט פריהער מורא געהאַט: וואָלסטו אָנגעטאָן, ווייסט וואָס?

— אי, דול מיר שוין נישט מיין קאָפּ! האַקט איהר גאָלדע איבער און לויפט ארויס פון שטוב.

א געזילבערטע נאַכט. פון דער לבנה צום קלאָר־ווייסען

שניי און פון דעם שניי צו דער לבנה שפּינען זיך און קניפּען זיך ווייס־וואָלענע פעדים, דער הימעל איז ריין, שיטער שטעהען די שטערען, ווייט אָפּגעטרעטען איינער פון דעם צווייטען, דער שניי בליאַסקעט מיט טויזענטער מיליאַנען גאָלדענע שפּילקעלאַך, קיין שווארץ שטיקעל ערד זעהט מען נישט. דאכט זיך, די ערד האָט זיך אָנגעקליידט אין אַ הימעל־מאַנטעל און שלאָפט מיט אַ זיסען הימעל־שלאָף.

עס איז שטיל. די לאָדען זיינען אומעטום פארמאַכט. ערגעץ בילט אַ הונט טרויעריג אַנטקעגען דער לבנה. ערגעץ קלאַפּט אַ סטאַראָזש מיט דער קאַלעקאָטקע, און אינ׳ם קלאַפּען און אינ׳ם בילען פונ׳ם הונט דערפיהלט זיך די שטילקייט נאָך מעהר.

און גאָלדע האָט זיך גלייך געכאַפּט, אז זי האָט זיך אָפּ־גענארט. זי האָט זיך אומגעקוקט מיט מורא אין איין זייט, אין דער צווייטער זייט, דאָס הארץ קלאפּט איהר און זי ווייס ניט וואו אַ פוס צו שטעלען. זי איז אזוי געשטאַנען עטליכע מינוט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, צי זאָל זי מאַכען אַ שריט צוריק צי זאָל זי ווייטער געהן, און האָט זיך אומגעקעהרט אהיים. נעבען דער טיר האָט זי געטראָפען מינדלען, וועלכע האָט זיך געלאָזט געהן צו דער ארבייט. זי האָט איהר געהייסען זיך געהן לעגען שלאָפען. מינדעל האָט אויף איהר אַ שפּיי געגעבען, זיך מיט כעס אויסגעטאָן און צוריק זיך געלעגט שלאָפען.

גאָלדע האָט זיך אָן אָנגעטאָנענע ארונטערגערוקט אונטער דער קאָלדרע, און די פיס מיט די שיך האָבען ארויסגעקוקט אין שטוב. נאָר געשלאָפען איז זי שוין נישט. זי איז געווען בייז און האָט געשאָלטען איהר וויסט, פינסטער מזל, וואָס קיין שטי־קעל זייגער איז ביי זיי אין שטוב נישטאָ...

„די מאַדאַם".

(הומאָרעסקע)

נאָכ'ן עסען, אזוי ווי די מאַדאַם איז ארויסגעגאַנגען פון שטוב, איז פערעל, דאָס דינסט־מיידעל, אריינגעלאָפען אין זאַל אריין אַ קוק צו כאַפּען אויף זיך און זיך אַ שפּיגעל צו טאָן אין שפּיגעל. לענגער האָט אימיצער פון דער מאַדאַם'ס געסט, אַ וואוילער בחור און אַ יונגער, איהר, פערלען, געזאָגט, אַז זי איז אַ ביסעל געראָטען אין דער מאַדאַם. און זי קען עס ניט פאַר־געסען — אַ קלייניגקייט, אין דער מאַדאַם געראָטען צו זיין!

זי האָט אפילו אין קיך אַ שפּיגעלע, וואו זי קען זיך אָנקוקען און זעהן זיך אַ גאַנצען טאָג אומגעשטערט, אָבער דאָס שפּיגעלע איז פאַר איהר געווען גענוג אזוי לאַנג, ביז . . . יאָ, זי האָט זיך פריהער אויך פון צייט צו צייט אריינגעכאַפּט אין זאַל אריין און זיך באַטראַכט אין איהר גאַנצער גרויס. זינט אָבער יענער האָט איהר געזאָגט, אַז זי האָט עפּעס עהנליכעס צו דער מאַדאַם, איז דאָס קליינע קיך־שפּיגעלע פאַר איהר קליין און ענג געוואָרען. דאָ האָט זי דורכאויס געמוזט האָבען דעם גרויסען שפּיגעל, כדי זיך אינגאַנצען צו זעהן, כדי די גאַנצע פיגור צו באַטראַכטען און זוכען די עהנליכקייט צו דער מאַדאַם. און אַז מ'זוכט, געפינט מען; און אַז זי האָט אויסגעפונען, איז דאָס ביי איהר אריין אין אַ קרענקליכער אַמביציע טאַקע וואָס מעהר אויף דער מאַדאַם' עהנליך צו זיין. און דאָס מאָל איז איהר איינגעפאַלען, אַז דאָס קען זי נאָר דערגרייכען, ווען זי וועט זיך אויספּוצען אין דער מאַדאַם'ס קליידער.

ניט לאַנג געטראַכט, איז זי אריינגעלאָפען אין שלאָף־צימער

און דאָרטען פון דער קליידער־שאַפע ארויסגענומען וואָס ס'איז איהר צו דער האנד געקומען און אריין צוריק אין זאַל, איז צו־געגאַנגען צום שפּיגעל, אראָפּגעוואָרפען פון זיך איהר אָנטאָן און זיך געפּלייסט ארייַנצוקריכען אין דער מאַדאַם'ס קליידער און — נסים ונפלאות! — טאַקע א גרויסע עהנליכקייט צו דער מאַדאַם! אויב אזוי, איז דאָך כדאי ווייטער צו געהן. פאַר וואָס טאַקע ניט אָנטאָן דערצו אויך דער מאַדאַם'ס א הוט, און פאַר וואָס טאַקע ניט א שפּיל טאָן א ראָליע אזוי ווי די מאַדאַם?! אינטע־רעסאַנט, ווי דאָס וועט איהר פּאַסען: צי וועט זי דאָס קענען מאַכען אזוי ווי די מאַדאַם איהרע?

ניט געטראַכט לאַנג, איז זי גלייך צוגעגאַנגען צו דער קיך־טיר און באַפוילעריש א זאָג געטאָן:

— פּערעל, דו קענסט אויפגעבען!

און מיט א ברייטען מאַדאַמישען פאַרנעהם איז זי אריין אין עס־צימער און זיך ברייט געזעצט ביים טיש און זיך איינגעקוקט אויפ'ן טיש, גלייך עם וואָלט שוין פאַר איהר דאָס עסען געשטאַנען, און פּלוצים מאַכענדיג א ברוגז'ען, אָנגעבלאָזענעם פּנים, געזאָגט:

— פּערעל, האָסט ווידער געמאַכט געזאַלצען דאָס עסען!

און פּונקט ווי זי האָט פריהער געמאַכט דעם אָנשטעל, אז זי נעהמט זיך צום עסען, אזוי האָט זי איצט געמאַכט אַן אָנשטעל, אז זי האָט דאָס אָפּגערוקט און זי האָט זיך פאַרנומען רעדען צום אויבען־אָן, וואו דער הער זיצט כלומרשט:

— אָדער זי מאַכט געזאַלצען, אָדער דאָס עסען האָט ביי איהר גלאַט קיין אידישען טעם ניט. וויפיל איך האָב איהר שוין געלערענט: פּערעל, אז דו שיטסט זאַלץ אין טעפּעל און שיטענ־דיג פּיהלסטו, אז ס'איז שוין גענוג זאַלץ געשאָטען, טאָ שיט זיי מוחל דאָס איבעריגע אראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע, אויב דו פּוילסט זיך צוריקצושיטען אין טאָרבעלע אריין; שיט וואו דו ווילסט, אבי ניט אין טעפּעל אריין. ס'איז ניט אויסצוהאַלטען פון איהר.

זי איז פון מינוט צו מינוט אַלץ מעהר און מעהר אין דער ראָליע אריין, און אַלץ מעהר און מעהר זיך דערמאָנט אין זאַכען,

וואָס די מאַדאַם זאָגט איהר, און געפינענדיג זיך איצט אין דער ראָליע פון דער מאַדאַם האָט זי ניט געפונען קיין אַנדערע ווער־טער צו שפּילען די ראָליע איהרע, ווי נאָר די זעלבע ווערטער, וואָס די מאַדאַם רעדט אָפט צו איהר. ניט געטראַכט קיין סך, האָט זי זיך פון איהר אָרט און פון איהר ברייט מאַדאַמישען זיצען זיך אויפגעהויבען און איז אריין אין קיך און, דערזעהן דאָס געפעס ניט איבערגעוואַשען, האָט זי געזאָגט מיט אַזאַ לשון:

— נאָך שטעהט ביי דיר דאָס געפעס ניט איבערגעוואַשען?

זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווײַלע, זיך אומגעקוקט און דעם סאַמאָוואַר דערזעהן:

— און מענסט זיך מטריח זיין אָפּרייבען דעם סאַמאָוואַר. נישקשה, אויף מיר די עבירה. דו אַרבייטסט זיך ניט איבער. וועסטו ווינציגער אַ שעה זיצען פאַרלעגט די הענט.

און זיך ווידער פאַרטראַכט אַ ווײַלע און געזאָגט:

— זאָלסט ניט פאַרגעסען מיר אָפּצופּוצען די האַלבע טופ־ליעס, ווייל מיר געהען היינט אין טעאַטער. דו קענסט דאָך אוועקגעהן פון שטוב, האַ? דו וועסט אוועקגעהן און פאַרשליסען די טיר און וועסט מיינען, אַז דאָס איז אַ באַוואַרניש, זאָג איך דיר אָן, אַז... איסאַק!... זאָג דו איהר אָן, איך בעט דיך!...

אַלץ איז געגאַנגען ביי איהר כשורה. זי האָט געפיהלט, אַז זי רעדט וואָרט ביי וואָרט דער מאַדאַם'ס ווערטער און איז געווען זיכער, אַז אפילו דער טאָן, אין וועלכען זי האָט די ווערטער אַרויסגערעדט, און דאָס קול, אַלץ איז געווען פּונקט ווי ביי דער מאַדאַם. אָבער דאָס איז איהר נאָך אַלץ געווען ווינציג. ס'האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ס'איז נאָך ניט אַלץ... אַז עפּעס נאָך... עפּעס נאָך פעהלט... שאַ, אַחוץ רעדען צו דער דינסט, טראַכט דאָך די מאַדאַם עפּעס אויך וועגען דער דינסט... אָט וואָס ס'איז וויכטיג! איז וואָס־זשע טראַכט אַ מאַדאַם וועגען איהר דינסט?... יאָ, זי ווייסט: ווי לאַנג האָב איך גענומען צעהן פונט צוקער, האַ? און טיי? און אין דער וואַרעניע ווערט אַלעמאָל אַלץ אַ טיפערע גרוב... וואו קומט עס אַהין? ווער זיינען ביי מיר די

עסערס און ווער זיינען ביי מיר די טרינקערס, מישטיינס געזאָגט!... זי גנב'עט! אזא באַליאַטשקע זאָל זיך איהר זעצען!... בדיל הדל שטעלט זי מיר!...

זי איז געוואַקסען אין דער ראָליע. נאָר דאָ גאָר פּלוצים האָט זיך אַ קלונג דערהערט, און פּערעל האָט זיך געלאָזט לויפען צו דער פראָנט־טיר און לויפענדיג האָבען זיך געעפענט עטליכע העקלאַך פון דער מדאַמ'ס בליוזע, וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגען.

— קטאָ טאַם? — האָט זי מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ אַ פרעג געטאָן, און פון יענער זייט טיר האָט אַ מענער־שטימע געפרעגט:

— העד מערליעצקי איז דאָ?

— ניין — האָט זי געענטפערט.

— און מאַדאַם מערליעצקי?

זי האָט ניט געענטפערט, אויפגעשלאָסען די טיר און אריינגעלאָזט דעם אומבאַקאַנטען, כדי דער אומבאַקאַנטער זאָל זי זעהן און זאָל מיינען, אז דאָס איז זי די מאַדאַם מערליעצקי. ווען יענער אָבער האָט געפרעגט, צי וויסט זי ניט וואו דער הער און די מאַדאַם זיינען אַוועקגעגאַנגען, האָט זי זיך שטאַרק באַליידיגט געפיהלט און מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגען האַלב־געשטאַמעלט און האַלב־גערעדט:

— די מאַדאַם?... איך ווייס?... וואָס באַדאַרפט איהר די מאַדאַם?...

יא, זי האָט געדאַנקט און געלויבט גאָט, וואָס זי איז אָפּגעקומען מיט שרעק, אָבער צוריק אין דער ראָליע האָט זי שוין ניט געקענט אריין; וויפיל זי האָט זיך ניט אָנגעשטרענגט, איז עס ניט געגאַנגען. אָבער אַראָפּצוּוואַרפען פון זיך די מאַדאַמ'ס קליידער און די הוט האָט זי זיך נאָך אַלץ ניט געאיילט, און זי האָט געפּרוּווט מאַכען אַ לעצטע פּראָבע, און זעהר אַ וויכטיגע, ווי איהר האָט זיך געדאַכט, ווייל דאָס האָט זי ביז איצט געהאַט דורכגעלאָזען און נאָך פאַר זיך ניט באַוויזען, ווי דאָס וועט זיך איהר

איינגעבען. זי האָט געוואָלט נאָכמאַכען ווי די מאַדאַם געהט אוועק אין טעאַטער אריין, ווי אזוי זי פארנעהמט די קלייד מיט א האַנט און ווי אזוי זי גיט א קלונג פון יענער זייט טיר, פערעל זאָל נאָך איהר די טיר פארמאַכען, און מיט דעם האָט זי געזאָלט פארענדיגען די ראָליע איהרע. ס'איז איהר אָבער באַשערט געווען אין לעצטען מאָמענט א פאָלקאָמענער דורכפאַל: אזוי גלייך ווי זי האָט אָן עפען געטאָן די טיר, אזוי גלייך האָט זי דערזעהן דער מאַדאַם פאַר די אויגען. די מאַדאַם האָט זי קענטיג ניט דער־קענט אויפ'ן ערשטען מאָמענט און ביי איהר א פרעג געטאָן:

— וועמען באַדאַרפט איהר, מאַדאַם?...

חיים מיט „וואסקען".

(אַ בילד)

ביי אַ ווינקעל גאַס שטעהט חיים דער איזוואָשטשיק. ער זיצט אויף דער קעלניע און טראַכט: אַ פראָסט!...

ער גיט אַ ציה די לייצעס. דער איינגעדרימעלטער „וואַס־קע", וועלכער שטעהט אָראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מיט אַ פאַרבוי־גענעם פוס, כאַפּט אַ קוק צו חיים'ען. ער גלייכט זיך אויס, מיינט מן הסתם, אַז חיים הייסט איהם געהן. נאָר חיים מיינט דאָס ניט; ער וויל פּשוט „וואַסקע" זאָל ניט דרימלען און איהם זאָל זיין אַ ביסעל היימליכער.

„שוין לאַנג בין איך איזוואָשטשיק — טראַכט ער ווייטער — געוועזען אַמאָל גוטע צייטען, ווען „וואַסקע" איז יונג געוועזען. ניט איין מאָל געכאַפּט אַ קערבעל פאַר אַ „קאַניעץ"; דעמאָלט איז דאָס געוועזען אַ „וואַסקע"!..."

„וואַסקע" איז שוין ביי איהם צעהן יאָהר! — דערמאָנט ער זיך פּלוצים — וואָס האָט ער שוין מיט איהם ניט איבער־געאַרבייט?! פונקען האָבען דאָך געשפּריצט פון זיינע פיס! ער האָט די לייצעס ניט געקענט איינהאַלטען. ווי אַן אָדלער איז ער געפלויגען. אַז ער איז געשטאַנען, האָט ער מיט די פיס די שטיינער געריסען. און היינט דאַרף ער איהם צעהן מאָל שרייען „וויאָ", איידער ער ריהרט זיך פון אָרט. ער האָט גאָר אָנגע־הויבען פאַלען; אין מיטען וועג פאַלט ער. נעכטען ערשט איז ער געפאַלען פאַהרענדיג מיט אַ פּאַסאַזשיר. עס האָט זיך אָנגע־קליבען אַ רעדעל מענשען, מען האָט איהם מיט „וואַסקען" אַרומ־גערינגעלט פון אַלע זייטען, איינער האָט איהם גענומען שלעפּען

ביים עק, א צווייטער — ביי די אויערען. א גאַראַדאָוואָי איז צוגעגאַנגען און האָט איהם געגעבען מיט'ן פוס אין בויך אריין, און ער איז ארומגעלאָפען פונ'ם קאָפּ צום עק, פונ'ם עק צום קאָפּ. אויף לעצט איז ארוים א דוואָרניק מיט צוויי דריינגלאָך, מען האָט זיי איהם ארונטערגערוקט אונטער'ן רוקען און קוים מיט מאטערניש איהם געשטעלט אויף די פיס.

ווי שעהן איז ער געווען, ווען ער האָט איהם געקויפט — דערמאָנט זיך חיים — וואָס פאר א גריווע! וואָס פאר אן עק!!... זעקס יאָהר איז ער דעמאָלט אַלט געווען.

אינאיינעם זעכצעהן יאָהר — פאַלט איהם פּלוצים אריין א חשבון.

— „וואסקע"! — רייסט זיך ביי איהם ארוים פון מויל, און ער גיט א ציה די לייצעס, „וואסקע" זאָל זיך צו איהם אומ־קוקען — ווען איך וואָלט געווען אין דיינע יאָהרען!..

איהם דאכט זיך, אז ווען ער וואָלט זיין יונג, וואָלט ער עפּעס אנדערש, בעסערס געקענט טאָן, איידער דאָס וויסטע „איזוואָש־טשיקריי".

ווי אזוי איז ער געוואָרען אן איזוואָשטשיק? איין זאַך געדענקט ער, — אז קינדווייז איז ער שטאַרק מקנא געווען אן איזוואָשטשיק; נאָר איצט גלויבט זיך איהם ניט, אז ער האָט דאָס געקענט מקנא זיין...

זיצען כסדר אויף דער קעלניע!...

— „וואסקע"! וואָלסט עפּעס געגעסען? — פרעגט ער מיט אמאָל.

אז „וואסקע" וויל עסען, קלעמט איהם אויף דאָס הארץ? — פרעגט ער זיך אין געדאנק.

„וואסקע"! „וואסקע"!...

וואָלט „וואסקע" צו איהם געשטאַנען מיט'ן פּנים — קלעהרט ער — אזעלכע גוטע אויגען! זיי עפענען זיך אזוי ווייך און ליב־ליך... א מחיה!... ער קוקט! פּשוט אזוי זיך, גלייכגילטיג, מהיכא תיתא'דיג — פון איין זייט א שעהן הויז, פון דער אנ־

דערערער זייט א מיאוס; געהט דורך א מענש, א פערד, אן אָקס מיט לאַנגע אויסגעבויגענע הערנער — ער קוקט אויף אַלעמען אַלץ איינס...

ווען „וואסקע" שטעהט צו איהם מיט'ן פנים — כאַפּט ער ווייטער דעם זעלבען געדאַנק — וואָלטען זיי איינער אַנטקעגען דעם צווייטען געדרעמעלט; ער וואָלט געבויגען דעם קאָפּ צו „וואַסקען" און „וואַסקע" צו איהם...

אז „וואסקע" דרעמעלט, שאָקעלט זיך ביי איהם די אונטער־שטע ליפּ.

איהם חלומ'ט זיך עפּעס?... פערד חלומ'ט זיך דען?...

נעבאך! די פיס טוען איהם וועה שטעהענדיג.

און איהם — זיצענדיג...

דער רוח האָט איהם נאָך איצט אויך ניט גענומען, „וואַס־קען"! א גאַנץ שעהנער, א קליין שמאָל קעפּעלע, קליינע אויער־לאַך — א סימן פון א חכם.

ביי זיי איז אויך דאָ קלוגע און נאַרישע?...

— א חכם איז ער? — פרעגט ער זיך, טראַכטענדיג. — ער וויל עסען, און שווייגט...

איך וואָלט א בעלן געווען — טראַכט ער — א טאָג איהם ניט געבען קיין עסען. וואָס וואָלט געווען? ער וואָלט גע־שפּרונגען, געריסען זיך פון דער דראָזשקע? צי ער וואָלט גע־הירזשעט?... וואָס וואָלט ער געטאָן?...

איידעלע פיסלאך האָט „וואסקע". אזוי ווי מענשען, להבדיל. איינער האָט גרויסע פיס, איינער — קליינע.

ער איז איידעל און לאַנג, ווי דער נעבטיגער פּאַסאַזשיר...

— „וואסקע"! „וואסקע"! — רופט ער אויס פאַרטראַכט — מילא, איך... איך האָב א שלאַק אויף זיך מיט אזא מין קאָמאַנדע, בין איך אזוי געוואָרען. אָבער ער! דוכט זיך מיר, ווען איך זאָל האָרעווען צעהן מאָל אזוי פיל, וואָלט איך אזוי פיל ניט גע־עלטערט געוואָרען... וואו איז זיין עק? וואו איז זיין גריווע? וואָס פאַר א צעפּלאַך האָב איך איהם געפלאָכטען!...

— אויסגעקראַכען! — זיפצט ער אָפּ.
ביי איהם אַליין קריכען שוין אויס די האָר...
— מיר וועלעןביידע פּגר'ן! — זאָגט ער, און פּארקוקט זיך אויף „וואסקען" — האַ, „וואסקע"?
— קוקסט? איך פארשטעה דיין קוק! — זאָגט ער אין אַ פּאָר מינוט צו „וואסקען", באמערקענדיג, ווי יענער האָט צו איהם אויסגעדרעהט דעם קאָפּ — איך פיהל דיין הארץ... נו, וואָס איז גלייכער: דו זאָלסט עסען, צי מיין ווייב און קינדער ... אין דער־היים האסטו נאָך אַ ביסעל היי? צי אויפגעלאַפּעט אינ־גאַנצען?...
— וויפיל טעג נעמסטו זיך אונטער ניט עסען, „וואסקע"?
— איזוואָשטשיק! — האָט עמיץ אויסגעשריען.
— נו, „וואסקע", וויפיל, אשטייגער?...
— איזוואָשטשיק!!! — דערהערט זיך ווידער אַ געשריי.
חיים האָט זיך געגעבען אַ טרייסעל און זיך אומגעקוקט.
ער האָט געגעבען אַ ציה די לייצעס, אַ סמאָקע געגעבען און אויסגעשריען:
— וויאָ־אָ־אָ!!!
דאָס פערד האָט זיך אָבער ניט געריהרט.
— אין דר'ערד!... אַ כאָלערע!... נאָ־נאָ־נאָ!!!...
— איזוואָשטשיק!!!!!
— אַ כאָלערע!... סטאָפּ!... אַ מיתה משונה!... — האָט ער מיט ווילדען כעס געשריען, אויפשטעלענדיג זיך מיט אַלע כחות, גענומען קלאַפּען מיט'ן שטעקען פונ'ם בייטש וואוהין ער האָט נאָר געטראָפען — אַ נבלה!... אַ בראַנד!... אַ שרפה!!...
וויאָ־נאָ־נאָ!... וויאָ־אָ־אָ!!!

עטעלביילע די בלינדע.

(א בילד)

דרייסיג יאָהר איז עטעל־ביילע פליקערין.

ווער שלאָפט ניט אויף איהרע פעדערען? דער רבי, דער גבאי — דאָס גאַנצע שטעדטעל. דערמאָנענדיג זיך, אז דער רבי שלאָפט אויף איהרע פעדערען, ווערט איהר ווארים אין קאַלטען שטיבעל. ביים רבי'ן האָט זי קיין געלד פאר'ן פליקען ניט גע־נומען — ער האָט ביי איהר פארדינט, זי זאָל אומזיסט פליקען. זי פלעגט אָפט איהם דערעסען וועגען „קינדער", כאָטש קיין קינדער האָט זי טאָקע ניט געהאַט, געבליבען אַן עקרה... דריי מאַנען האָט זי גע'גט... אצונד איז זי שוין אַן אַלטע אידענע, א בלינדע, ליגט ביי ציפּע דער אלמנה אויפ'ן אויוועז. ציפּע'ן צאָהלט מען פון דער שטאָדט פאר עטעל־ביילע'ן צוויי גילדען א וואָך. אויך טראָגט מען איהר אריין, דער אַלטער, יעדען פרייטאַג א זעקעלע מיט עסען: ברויט, גרויפּען, פאַסאָליעס. דאָס טראָגט איהר אריין לעטע, איהרע א חבר'טע. עטעל־ביילע די פליקערין געדענקט נאָך אפילו, ווי זיי האָבען אין צייכענס געשפּילט, גע־מאַכט צוזאַמען מיט די באָרוועסע פיס שלאַנגען אין זאמד. ווי לעטע זאָל קיין צייט ניט האָבען פרייטאַג, ווען זי טראָגט איהר אריין דאָס עסען, רוקט זי צו צום אויוועז א לאַנגע באַנק, זיך דורכצורײַדען א ביסעל מיט איהר חבר'טע, און דער קאָפּ איהרער גרייכט צו עטעל־ביילע'ס פיס.

— וואָס טוסטו עפּעס, ביילצע? — איז די ערשטע פראַגע לעטע'ס.

— הא! וואָס איך טו? — פרעגט עטעל־ביילע איבער מיט

א שמייכעל, אָנבויגענדיג זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער אהין, פון וואַנען דאָס קול געהט.

עטעל־ביילע זיצט, הערט ניט אויף צו שמייכלען און וואַרט, לעטע זאָל איהר נאָך עפּעס פרעגען.

— ביילצע, געדענקסט? — רעדט ווידער לעטע מיט א פרעהליכען קול, — אז מיר האָבען שבת בייטאָג אין זאַמד א „שער“ געטאַנצט?

עטעל־ביילע ענטפערט אין א פּאָר מינוט ארום, און אין די פּאָר מינוט דערזעהט זי דאָס גאַנצע בילד, ווי זי דרעהט זיך אין זאַמד מיט לעטע'ן און נאָך מיידלאָך, וועלכע ווייזען קונצען, ווער האָט שעהנערע שליינג געמאַכט...

— גאָט'ס נסים! — ענטפערט עטעל־ביילע מיט א שמייכעל, פון וועלכען עס ווייזען זיך בלייכע יאַסלעס אָהן צייהן — צי איך געדענק?... וואו ביסטו? — פרעגט זי ווידער איבער א ווײַלע ארום און בויגט זיך אָן נאָך שטאַרקער, וויל לעטע'ן אָנטאַפּען מיט די הענט.

— נאַ! אָט בין איך! — ציהט איהר לעטע אוים די האַנט.

עטעל־ביילע האָט אָנגעגומען מיט ביידע הענט לעטע'ס האַנט און דאָס פּנים דריקט אוים צופרידענקייט...

— פאַר וואָס קריכסטו א ביסעל ניט אראָפּ? — פרעגט איהר לעטע — ס'איז דיר ניט היים?

— היים? — פרעגט יענע איבער.

לעטע ענטפערט ניט.

— מען קריכט אביסעל אראָפּ...

דאָס פּנים ווערט ביי יענער טרויעריג.

— וואָהין זאָל איך קריכען? מיינע שונאים . . .

— וואָס? — פרעגט לעטע ניט פאַרשטעהענדיג.

עטעל־ביילע ענטפערט ניט, דאָס פּנים ווערט איהר נאָך טרויעריגער. זי דערמאָנט זיך, אז לעטע איז זעהענדיג...

לעטע באַטראַכט איהר.

דאָס געשפּרעך ווערט איבערגעהאַקט. לעטע קריכט פון באַנק אַראָפּ און געהט אַוועק.

אין שטוב רעש'ט; די קינדער וויינען, שרייען; איינס וויל עסען, אַ צווייט רייסט זיך אויפ'ן אויוועז.

עטעל־ביילע פאַרקרימט זיך — דערהערענדיג, ווי דאָס קינד וויל אויפ'ן אויוועז, זי נעהמט באַלד דאָס זעקעלע, טאַפּט אַרום דאָס מויל פון דעם, בינדט עס אַרום ווי ווייט זי קאָן, און באַהאַלט עס צוקאָפּענס.

— מען טאָר ניט אויפ'ן פּעקעלע!... — שרייט זי פון אויוועז אַראָפּ.

און זי דערפיהלט באַלד, ווי צוויי קליינע הענטלאַך כאַפּען איהר די פּיאַטעס אַרום און זי הערט זיך שטיל איין, וואוהין דאָס קינד לאָזט זיך קריכען און שילט שטיל...

די מוטער דערהערט.

— די אַלטע מכשפה! זי בורטשעט שוין... דער רוח נעהמט איהר צו, אַז דאָס קינד וועט דאַרטען זיצען...

עטעל־ביילע ענטפערט ניט, בורטשעט, הערט זיך איין, צי קריכט ניט דאָס קינד צום זעקעלע. אָט דערפיהלט זי אַ שטויס.

— ער וועט דאָך מיר די קישקעס אַרויסזועצען! — שרייט זי אויס פאַרקרימענדיג זיך.

— זעה נאָר, ווי זי האָט דאָס ביסעל מורא פאַר.ן טויט! — זאָגט ציפּע ניט אויף קיין הויך קול.

אַ צווייט קינד וויל אויפ'ן אויוועז. די אַלטע דערפיהלט, ווי עס קריכט שוין. און זי ווייסט שוין, אַז זיי וועלען איהר מאַכען שוואַרץ שבת אינ'ם זעקעלע. זי האַלט צו מיט ביידע הענט דאָס זעקעלע און שרייט:

— האַרצעניו! נשמה'ניו! — וואָס האָסטו צו מיר? וואָס האָסטו זיי אָנגעשיקט אויף מיר?

— וואָס האָט איהר מורא? — שרייט צו איהר ציפּע אַרויף — זיי וועלען ביי אייך גאָרניט אויפעסען! — אוי, ס'אַן אַלטע קליפּה!

— וואָס האָסטו צו מיר ?! — שרייט ווידער די אַלטע — רבונו של עולם !...

זי וויל געוואויר ווערען, וואָס זי פאַרמאָגט דאָרטען, און טאַקע כאַפּען אַ ביס, איז איבער די קינדער קען זי דאָס ניט. ענדליך לאָזט זי אריין בגנבה אַ האנט אינוועניג, טאַפּט אָן אַ ווייך שטיקעל בולקע און נעהמט קייען, זי עסט מיאוס,—דאָס גאַנצע פּנים קנייטש זיך ביי איהר, קרימט זיך. און ניט אראָפּשלינגענדיג דעם ביסען, לאָזט זי ווידער אריין די האנט און טאַפּט ווייטער. אָט בלייבט זי שטעהן אין מיטען קייען און פאַרטראַכט זיך, גיט אַ קיי און בלייבט ווידער שטעהן. אָנגעטאַפּט האָט זי דאָרט אַ שטיקעל, וועלכעס זי קאָן זיך בשום אופן ניט אויסמאָלען, וואָס דאָס איז ; קוועטשט זי דאָס, דרעהט עס ; דער מח ברעכט איהר קלערענדיג, זי וואָלט דאָס ארויסגענומען און געוויזען ציפּען, האָט זי מורא, אפשר אַ גוטע זאַך, וועלען עס די קינדער צוכאַפּען, נאָר פועל'ן ביי זיך אזוי עסען, קאָן זי אויך ניט. אַ גאַנצע מלחמה קומט ביי איהר פאָר... צוריק מיט צעהן יאָהר, ווען זי איז בלינד געוואָרען, ווען לעטע האָט איהר די ערשטע צייט געבראַכט דאָס עסען, האָט לעטע איהר געגעבען יעדע זאַך אין האנט און אויסגערעכענט : דאָס האָט דער געגעבען, און דאָס יענער ; הייננט ברענגט זי עס און געהט זיך אוועק... פאַרשיווע לעטע... דאָס גוטע יאָהר וואָלט איהר גענומען, ווען זי שטעהט דאָ אביסעל, רעדט מיט איהר. זי האָט דען אימיצען חוץ לעטע'ן ? — קיינעם ניט... זי ליגט כסדר ווי אַ שטיין אויפ'ן אויוועו.

זי האָט מיט אמאָל דערפיהלט אַ הענטעל אין זעקעל.

זי כאַפּט אָן דאָס הענטעל, גיט עס אַ קניפּ און אַ שלעפּ ארויס... דאָס קינד צעווייינט זיך...

— אַ דונער זאָל איהר איינשלאָגען ! — שילט ציפּע.

די אַלטע ענטפערט ניט. זי האַלט נאָך אַלץ די האנד אין זע־קעלע און קאָן זיך ניט אויסמאָלען, וואָס אזעלכעס האָט זי דאָר־טען אָנגעטאַפּט. אַ באָבקעלע, אַ קוגעלע... ניין... וואָס דען ?... די רביצין האָט געמוזט שיקען... וואָלט זי ניט געווען מיט איהר

ברוגז וואָלט זי איהר פונדעסטוועגען געוויזען... ניין, זי מוז איהר פרעגען.

זי נעמט דאָס ארויס, האַלט אראָפּגעבויגען דעם קאָפּ צו דעם, און דאָס פּנים דריקט אוים טשיקאַוועקייט...

— ציפּע !

ציפּע ענטפערט ניט.

— ציפּע ! ?

ניטאָ קיין ענטפער.

— זי איז ניטאָ ? — פרעגט זי אין שטוב אריין.

— וואָס איז דאָרטען ? — וואָס וויל זי דאָרטען — שרייט ציפּע בייז.

— וואָס איז ? — פרעגט ציפּע ווייך.

— פ׳מינוטקעלע ! — בעט די אַלטע.

ציפּע שלעפּט צו די באַנק און פארקוקט זיך צו דער אַלטער.

— וואָס ?

— אַ הונדערט יאָהר זאָלסטו לעבען ! — זאָגט די אַלטע מיט אַ צופרידען שמייכעל, אויסציהענדיג די האַנד מיט דעם שטיקעל צו ציפּען. — וואָס איז דאָס ? זאָלסטו מיר יאָהרען האָבען... אַ טייגעכצעל... צי אַ...?

— ס׳אַ באָבקעלע ! — זאָגט ציפּע. אָפּקנייפּענדיג אַ שטי־קעל — אַ באָבקעלע פון רעטשען מעהל מיט קאַרטאָפליעס.

— ס׳אַ אודאי איהרס... פּעסי מעניעס... זאָגט ווידער ציפּע — פּעסיע מעניע האָט דאָס געמוזט געבען.

— פּעסיע מעניע ?... פרעגט איבער די אַלטע.

— פּעסיע מעניע באַקט תמיד אַזעלכע מינים.

— ס׳אַ כשרה נשמה אָט די פּעסיע מעניע... זעהסטו, זי פאַרגעסט ניט אָן מיר ; גאָט זאָל אָן איהר אויך ניט פאַרגעסען...

די קינדער פון אונטען און פון אויבען ווארפען זיך צום באָבקע־לע. ביי דער אַלטער הויבט אָן קלאַפּען דאָס האַרץ ; די אונטער־שטע ליפּ הויבט אָן ציטערען. זי ווייס, אַז דאָס באָבקעלע מוז פאַלען אַ קרבן.

— נעם, גיב זיי, די קינדערלאַך... די קינדערלאַך צו שטיקלאַך. שטאַרקט זיך די אַלטע זאָגען.

דאָס באָבקעלע ווערט אויף שטיקלאַך צוריסען.

אין שטוב ווערט אַ יום־טוב...

— קיין איד זאָל אייך נישט קאָנען! — שרייט ציפּע.

ציפּע קריכט פון באַנק ניט אַראָפּ, — זי איז נייגעריג זעהן דאָס איבעריגע.

און די אַלטע שטעקט אַריין די האַנט און טאַפּט ווייטער, אפשר איז דאָ נאָך עפּעס וואָס צו ווייזען ציפּען, און גלייך האָט זי אָנגעטאַפּט אַ שפּיצעדיגס, און זי פאַרקלערט זיך ווידער: זי איז אַליין טשיקאַווע טרעפען, וואָס דאָס איז. זי קאָן אָבער ניט דערקלערען, נאָר אויסציהענדיג זיך דערמיט צו ציפּען, פרעגט זי:

— אַ קניש?

— אַ קניש — ענטפערט איהר ציפּע.

— אַ קניש מיט פּאַסאָליעס! — זאָגט זי דאָס צווייטע מאָל אַנשפּאַלטענדיג איהם.

— קניש! קניש! — איז געוואָרען אַ ליאַרעם צווישען די חברה: — מאַמע, קניש!

— אוי, הערסט, ציפּע! דיינע קינדער... — זאָגט די אַלטע אויסציהענדיג די האַנט נאָכ'ן קניש — אַ ווייצענער?...

— פון געבייטעלטע מעהל — ענטפערט איהר ציפּע, אומקעהרענדיג איהר דעם קניש. ציפּע שטעהט נאָך אַלץ אויף דער באַנק און וואַרט, די אַלטע זאָל איהר נאָך עפּעס ווייזען.

נאָר די אַלטע האָט שוין אָנגעוואָרען דעם חשק, און דאָך שטופּט זי אַריין די האַנד אין זעקעל און נעהמט ווייטער טאַפּען. מיט אַמאָל האָט זי אָנגעהויבען שמייכלען: זי האָט דאָרטען אָנגעטאַפּט אַ גרויסע האַלבע בולקע. זי ווייס, אַז דאָס איז אַ האַלבע בולקע, נאָר דאָך מוז זי איהר עס ווייזען. זי דערלאַנגט ציפּע'ן די האַלבע בולקע.

ציפּע האָט אָפּגעבראָכען שטיקלאַך, געטיילט די קינדער.

— טייער געבעקס! — זאָגט זי.

זי כאַפּט אַליין אַ שטיקעל.

דער אַלטער׳ס פּנים ווערט נייגעריגער, שמייכלענדיגער.

— דער רביצינ׳ס אודאי — זאָגט ווייטער ציפּע, אָפּקנייפּענדיג אַ צווייטעם שטיקעל.

דער אַלטער׳ס פּנים איז מיט אַמאָל טרויעריג געוואָרען, העדרענדיג אַ „קליאַמקעריי״, זי האָט אויסגעצויגען די האַנד נאָך דער בולקע.

ציפּע קריכט פון באַנק אַראָפּ.

די אַלטע זיפצט אָפּ...

— — — — — — — — — — —

נאָך צוויי יאָהר האָט די אַלטע אַזוי געלעבט, אָנשטאָט אַ קישען איז זי אויף אַ זעקעל סוכאַרעס געשטאָרבען...

ביי די קינדער איז אין יענעם טאָג שמחת תורה געווען...

אונטערגעוואָרפען.

שלמה'קען, א אינגעל פון א יאָהר דרייצעהן, האָבען די עלטע־רען אָפּגעגעבען פאר א פּריקאַזשטשיק אין א גרויס געשעפט פון שניט־סחורה.

שלמה'קע איז די ערשטע טעג ווי א דולער אַרומגעלאָפען. דער בעל־הבית האָט איהם געשיקט אהער, די בעל־הבית'טע אהין, און די פּריקאַזשטשיקעס האָבען אויך נישט געזשאַלעוועט זיינע פיס.

ווען ער איז געשטאַנען ליידיג האָט ער געהאַלטען פארריסען דעם קאָפּ און געקוקט אויף די הויכע און ברייטע פּאָליצעס, וואָס זיינען געווען פול אָנגעפּאַקעוועט מיט סחורה און האָט זיך גע־וואונדערט: ווי נעהמט זיך דאָס צו איין מענשען אזוי פיל... גאַנצע בערג... וויפיל גארניטערלאַך וואָלט ער, א שטייגער, געקענט האָבען פון דער גאַנצער סחורה... פון דער גאַנצער, פון א העלפט... פון א העלפט?... פון א פיערט־חלק... און ער האָט נאָך געהערט זאָגען, אז ערגעץ הינטען איז נאָך פאַראַן גאַנצע סקלאַדעס... ער וואָלט א בעלן געווען אָנקוקען... דערביי דערמאָנט ער זיך, אז דער טאַטע זיינער האָט איהם שוין לאַנג געוואָלט אָפּ־געבען אין א געשעפט, נאָר ער האָט נישט געקענט דערפאַר, וואָס ער איז געגאַנגען אָפּגעריסען. און אין א לייטיש געשעפט וויל מען קיין אָפּגעריסען אינגעלע נישט צונעהמען... (עס פּאַסט טאָקע נישט, באַשטעטיגט ער מיט זיין שכל אין אזא געשעפט). איין שטיקעל סחורה ווען ער האָט, וואָלט ער זיך געמאַכט, אזוי ווי א גימנאַזיסט, א טוזשורקעלע... אויף ביידע זייטען מיט קנעפּ... שמאָלינקע, גאָר שמאָלינקע הייזעלאַך... אוי, וואָלט דאָס איהם גע־

פאַסט !... אַ שעהן אינגעל, ווייסט ער איז ער, און ווען ער פאַר־פוצט זיך נאָך אין אַזאַ גאַרניטור !...

ער וואָלט כאָטש געוואָלט פּנחס (זיין חבר) זאָל דאָ זיין... ער וואָלט איהם שוין מקנא געווען !... יענער איז אין אַ טיפּאָ־גראַפיע. פאַרוואָס איז ער אויך קיין פריקאַזשטשיק ניט געוואָרען ?... איהם דאַכט זיך, אַז אַלע דאַרפען וועלען ווערען פריקאַזשטשיקעס... כ'איז אַזוי גוט זיין אין אַזאַ געשעפט מיט אַזוי פיל סחורה...

* * *

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, נאָכ'ן אָנקומען אין געשעפט, פאַר־נאַכט, ווען ער האָט גענומען אויסקערען, האָט ער פּלוצלונג אויף דער פּאָדלאָגע אַ פּאַפּירענע 10־רובעלדיגע דערזעהן. דאָס האַרץ האָט איהם אַ קלאַפּ געגעבען, אין די אויגען האָט איהם אַ שווינ־דעל געטאָן, און געדאַכט האָט זיך איהם, אַז די פּאָדלאָגע האָט זיך צו דער סטעליע אַ רוק געטאָן. ער האָט דאָס געגעבען אַ הויב אויף, און אַ מינוט צייט דאָס באַטראַכט. ער האָט אַליין זיינע אויגען נישט געגלויבט, אַז דאָס איז געלד.

דאָ איז ביי איהם אַ מלחמה געוואָרען: איין געדאַנק האָט איהם געזאָגט ער זאָל דאָס אָפּגעבען, ווייל אַזוי ווי ער האָט דאָס דאָ געפונען האָט דאָס מסתמא דער בעל־הבית פאַרלאָרען. נאָר באַלד גיט דאָס איהם אַ ציה אָפּ אין אַ צווייטער זייט: צעהן רו־בעל... ער וועט זיך דאָך קענען מאַכען אַזאַ גאַרניטור. שמאַלע הייזלאַך... אַ טוזשורקעלע... אַ ווייס קעלנערעל... און אַז דער בעל־הבית האָט פאַרלוירען איז וואָס ?... ער וועט אפילו ניט וויסען... ער האָט אַזוי פיל געלד !... און עס קען גאָר זיין, אַז גאָרניט דער בעל־הבית האָט דאָס פאַרלאָרען, ווינציג מענשען געהען אַהער צו ?... און אַז ער וועט זאָגען, אַז ער האָט געפונען, וועט דאָס דער בעל־הבית ביי איהם צונעהמען און שוין !... איז ער שוין טאַקע בילבער, ער איז אַן אָרים אינגעלע... דער בעל־הבית אַזאַ רייכער... ער האָט אַ סך אַזעלכע... אפשר 10 טויזענד... און אַזוי פיל סחורה, גאַנצע „סקלאַדעס"...

ער האָט די 10 רובעל צו זיך אין קעשענע אריינגעלעגט; און מיט ציטערדיגע הענט האָט ער קוים דאָס קערען געענדיגט, און פאַר־געסענדיג אפילו זאָגען דעם בעל־הבית א גוטע נאכט, איז ער ווי א פייל פון בויגען פון געשעפט ארויס.

לויפענדיג האָט ער געקלערט זאָגען די עלטערען פון דער מציאה און דערביי האָט ער זיך אלע מאָל ביי דער קעשענע א טאַפּ געטאָן, צי ליגען די צעהן רובעל, נאָר ווי ער איז נאָר צו דער טיר צוגע־קומען, האָט ער דערויף חרטה געקראָגען און גוט פארשטופּענדיג דאָס פּאַפּירעל אין א ווינקעל קעשענע, איז ער מיט א געמאַכטער רוהיגקייט אין שטוב אריין.

א גאַנצע נאַכט האָט ער ניט געקענט שלאָפען. עטליכע מאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און א קוק געטאָן צו דער קעשענע, צי איז דאָס נישט קיין חלום די צעהן רובעל, וואָס ער האָט געפונען, און איבערצייגענדיג זיך, אז זיי זיינען טאַקע דאָ, האָט ער זיך צוריק אוועקגעלייגט און פאַנטאַזירט מיט אָפענע אויגען צו דער סטעליע, וואָס פאַר א גאַרניטור ער וועט זיך אָנטאָן...

גאַנץ פריה, ווען די זון האָט נאָר וואָס צו איהם אין פענסטער א קוק געטאָן און ער האָט דערהערט א פּישטש פון א פייגעלע, איז ער שוין אויפ'ן געלעגער געזעסען. פול מיט זיסער האָפנונג איז זיין הארץ געווען. ער האָט ווידער די צעהן רובעל ארויסגע־נומען פון קעשענע און זיי עטליכע מינוט באַטראַכט אויףביידע זייטען, נאָכהער איז ער פלינק פון בעט אראָפּגעשפּרונגען און האָט זיך אויף גיך גענומען אָנטאָן.

— שטעהסט שוין אויף? — האָט איהם די מוטער גע־פרעגט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ — ס'איז נאָך, דוכט זיך, נאָך פריה.

נאָר שלמה'קע האָט איהר נישט געהערט. ער האָט זיך אָנ־געטאָן, ארומגעוואַשען, און איז מיט א שפּרונג פון שטוב ארויס.

ער האָט לאַנג ארומגעשפּאַצירט לעבען געשעפט ביז מען האָט דאָס געעפענט. אזוי גלייך ווי דער בעל־הבית איז אריין אין געשעפט אזוי גלייך האָט ער א פרעג געטאָן:

— חברה! אפשר האָט איהר עמיצער צעהן רובעל געפונען?

אַלע ענטפערען אַז ניין.

— מיין ווייב האָט דאָ נעכטען צעהן רובעל פאַרלאָרען, און זי זאָגט, אַז אין ערגעץ האָט זי זיי נישט געקענט פאַרלירען נאָר דאָ אין געוועלב, איהר האָט קיינער נישט געפונען?

אַלע דרעהען מיט די קעפּ אַז נישט.

— זייט זיך מודה — זאָגט ווידער דער בעל־הבית, — ווער האָט געפונען? זאָגט אויס!

אַלע שווייגען, קוקען זיך איבער איינער צום צווייטען.

דער בעל־הבית קוקט אַ פּאָר מינוט מיט צוויי ווילדע איבער־געקערטע אויגען און גיט צו: קיינער נישט? ער כאַפּט אַ קוק אויף שלמה׳קען.

— און דו אויך נישט? — פרעגט ער איהם.

שלמה׳קע פאַרלירט זיך.

— האָסט נישט געפונען דאָ נעכטען צעהן רובעל?

— ניין, — ענטפערט שלמה׳קע קוקענדיג אויף דער פּאָדלאָגע.

ביים בעל־הבית האָט זיך דאָס גאַנצע פּנים אָנגעצונדען, די אויערען האָבען אָנגעהויבען פלאַמען און די אויגען נאָך שטאַרקער צו ברענען. ער איז צוגעגאַנגען צו איהם אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש מיט איין האַנד און מיט דער צווייטער איז ער איהם אין אַ קע־שענע אריינגעפאָהרען און נישט געפינענדיג אין דער ערשטער, איז ער אַריבער אין אַ צווייטער, אין אַ דריטער ביז ער האָט זי געפונען.

— וואָס איז דאָס?

— כ־כ איז... ע־ע־ע...

— וואָס ע־ע־ע, האָט פול מיט צאָרען דער בעל־הבית אי־בערגעפרעגט — וואָס עקעסטו וואָס? זאָג שוין, באַלד! וואו האָסטו די צעהן רובעל גענומען?!

אַלע פּריקאַזשטשיקעס שטעהען און קוקען.

— ... איך...

— נו, ניכער, מירקע גיב לשון! ווערטער לאָמיר הערען! וואו האָסטו די צעהן רובעל גענומען?

— ...איך האָב געקערט — שטאַמעלט ווייטער שלמה׳קע,

ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער — איך האָב געקערט... זעה איך ווי ס'ליגט... ס'ליגט... האָב איך געמיינט אַ פּאַפּירעל...

אַלע פּריקאַזשטשיקעס צולאַכען זיך.

— נו ? — פרעגט דער בעל הבית מיט אַ פאַרביסענעם שמייכעל.

שלמה'קע קען שוין נישט רעדען, איהם האָט זיך עפּעס אין האַלז געשטעלט נאָר אויף דערשטיקט צו ווערען.

— נו, וואָס־זשע איז געווען ? — פרעגט ווידער דער בעל־הבית.

שלמה'קע ענטפערט נישט.

אַ פּאָר מינוט איז געווען שטיל, דער בעל־הבית איז געשטאַנען מיט צעהן רובעל אין האַנד און געקוקט אויף שלמה'קע, ווי ער וואָלט זיך גע'ישוב'ט, וואָס ער זאָל טאָן מיט איהם. ענדליך האָט ער איהם פעסט אָנגענומען ביים קאָלנער, צוגעפיהרט צו דער טיר, און דאַרטען איהם הינטען געגעבען אַ קלאַפּ מיט דער קניה, זאָגענדיג דערביי : וואָן דו, גנב, דו ! אַרויס !

חנה׳לע.

(א בילד)

חנה׳לע האלט איהר קליין ברודערעל אויף די הענט, דאס ברודערעל וויינט, און זי העצקעט דאס ארויף און אראפּ און פּרוואווט דאס צו בארוהיגען:

— די מאמע! די מאמע! אט געהט די מאמע!

דאס קינד וויל עסען, גיט זי איהם א פינגער אין מיילכעל, בלייבט עס א פּאר מינוט שטיל און טשמאקעט סאפּענדיג דעם פינגער, מאטערט זיך מיט אלע כחות עפּעס ארויסצובאקומען פון איהם, נאר ענדליך, ניט האבענדיג גארניט פונ׳ם פינגער, צו־שרייט זיך דאס ווידער.

חנה׳לען רייסט אוים דאס הארץ קוקענדיג אויפ׳ן קינד, און זי איז אזוי בייז אויף דער מאמען פאר וואס זי איז נאך ניטא... זי וואלט שוין באדארפט זיין. און זי האט אנגעהויבען איבער־צוטראכטען: ווער וויים וואס מיט איהר דארטען ס׳האט גע־טראפען.

אפשר האט מען איהר, מיט׳ן קוישעל עפּעל, אין אוטשאס־טאק צוגענומען? ס׳האט שוין אמאל אזוי געטראפען. די מאמע איהרע האנדעלט אהן א נומער. און אזוי שטעהן אין גאס מיט א קוישעל עפּעל טאר מען ניט. א גאראדאוואי האט איינמאל דער מאמען איבערגעקעהרט מיט׳ן גרויסען גלאנצענדיגען שטי־וועל דאס גאנצע קוישעל מיט עפּעל, און האט זיי צוטראטען מיט די פים. נו, דער מאמען האט דאס ביים הארצען פארקלעמט, האט זי דעם גאראדאוואי א שלעכטווארט געזאגט. נו, האט ער איהר אין אוטשאסטאק אוועקגעטאסקעט. זי האט דארט

גענעכטיגט. פאַרטאָג איז זי ערשט מיט אַ לעדיגען קוישעלע אהיים געקומען. די גאַראַדאָוויעס מיט די פייער־לעשער האָבען זיי ביי איהר דאָרטען צוכאַפּט, און ווען זי האָט ניט געלאָזט נעהמען האָט איהר איין פייער־לעשער געוואָלט הרג'ענען, דער זשידאָווקאַ... אזוי האָט איהר די מאַמע דערצעהלט...

אַ גאַנצע נאַכט איז דעמאָלט חנה'לע ניט געשלאָפען. דאָס קינד האָט זיך געריסען, געריסען, ביז עס איז אנטשלאָפען גע־וואָרען אויף איהרע הענט, און אזוי איז דאָס אַ גאַנצע נאַכט ביי איהר אויף די הענט געשלאָפען... אַלע מאָל איז זי צוגע־גאַנגען צום טויער און דורך דער אייזערנער רעשאָטקע געקוקט: אפשר געהט זי?...

דאָס איז זומער געווען. נאָר איצט קומט דאָס איהר אויס אַ סך שרעקליכער. ווינטער!...

זי איז צוגעגאַנגען צום פאַרפרוירענעם פענסטער און לאַנג געהויכט, ביז זי האָט אויסגעהויכט אַ קיילעכיג רעדעלע, און דערזעהענדיג דעם ווייסען אינדרויסען, איז איהר נאָך אומעטיגער אויף'ן הארצען געוואָרען. אָבער זי איז דאָך געשטאַנען און גע־קוקט, געמיינט אפשר וועט זי דערזעהן דער מאַמען געהן. און זי האָט אזוי לאַנג געקוקט, ביז דאָס אויסגעהויכטע רעדעלע האָט זיך מיט אַ הייטעלע פאַרצויגען און זי האָט מיט אַ פאַר־ביטערט הארץ דאָס פענסטער פאַרלאָזט, און האָט זיך פאַרנומען מיט'ן קינד איבער דער שטוב ארומצוגעהן און ארומצושפּאַצירען, געמיינט איהם מיט דעם צו באַרוהיגען, און איינצייטיג האָט זי געזונגען צו איהם און געקוויטשעט און פאַרשיידענע אַנדערע קונצען געמאַכט. אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען. דאָס קינד איז זיך פון צייט צו צייט פאַרגאַנגען און דאָס אומבאַהאָל־פענע שוועסטערל האָט געמיינט, אַז אָט־אָט קומט אַ סוף צום פּיצעל ברודערל און אויסגענוצט אַלע תחבולות'ן און ס'האָט גאָר־ניט געהאָלפען, האָט זי גאָר אַריינגעוואָרפען דאָס קינד אין וויגעל אריין און גענומען טעלעבענדען דאָס וויגעל הין און צוריק, אַז דאָס קינד איז פון איין מאָל צום צווייטען, פון אַ קער אַהער

און אקער אהין שיעור ניט ארויסגעפאלען פון וויגעל ארוים מיט הכל שבהכל, וואס האט זיך אין וויגעל א חוץ'ן קינד געפונען. זי איז שוין געווען געבאך אויסער זיך, דאס דרייצעהן־יעהריגע מייד־רעלע, (נאך אלעמען אליין א קינד) און צום סוף האט זי אין דעם שרייענדיגען ברודערעל ארייננעווארפען עטליכע פייערדיגע פעטש... ס'האט אבער ניט פיל צייט גענומען און דאס הערצעל איהרס האט איהר אנגעהויבען וועה צו טאן פאר דעם פיצעל קינד... וואס איז דאס געבאך שולדיג? דאס קינד וויל געבאך זויגען... פון דער פריה אן ניט געזויגען... און געטראכט האט זי שוין ניט אזוי פון דער מאמען ווי פון דער מאמעס ברוסט... דער מאמעס ברוסט איז איהר ווי פאר די אויגען געשטאנען, און מאמעלע, דאס ברו־דערל, זויגט און דרעמעלט איין... זי האט זיך איצט אין דער מי־נוט קיין אנדער גליק ניט געוואונשען, ווי נאר דאס קינד זאל איינשלאפען. א גליקליכע וואלט זי געווען ווען דאס קינד ווערט אנטשוויגען...

אין שטוב איז שוין איינגאנצען פינסטער געווארען, כאטש אונטער דעם פארפרוירענעם פענסטער איז נאך דער גרויער ווינ־טער טאג געשטאנען. חנה'לע האט זיך ווידער ביים פענסטער אוועקגעשטעלט און געקוקט... ביי איהר איז ניט אנדערש געבלי־בען דאס מיט דער מאמען האט עפעס געטראפען... תמיד איז זי שוין לאנג דא אין דער צייט... זי איז שוין געווים אין אוטשאס־טאק... אוי, ווי שרעקליך דער אוטשאסטאק שטעלט זיך איהר פאר... זי האט איהם שוין אמאל פון אויסענווענינ געזעהן... א הויך טונקעל הויז, מיט גרויסע שויבען, אכט אין א פענסטער... דארטען איז די פאליציע... גראבע, געזונטע, רויטע פנים'ער... מיט גאלדענע קנעפ... זיי קענען זי נאך שיסען, דער מאמען, פאלט איהר איין א שרעקליכער געדאנק...

דאס ערשטע האט זי זיך געפרעגט וואס קען זי טאן מיט'ן קינד?... דאס האט איהר נאך מעהרער באאומרוהיגט ווי דער מור־טער'ס טויט... וואס קען זי טאן מיט'ן קינד?... זי וועט איבער

דעם א מאַמע ווערען... זי וועט האָבען אַ קינד... איהר קינד וועט דאָס זיין... זי וועט דאָס ארומוואַשען, רייניגען... דאָס האָדעווען...

און אויף וויפיל די געדאנקען זיינען איהר שרעקליך געווען, האָט זי דאָך אין זיי עפּעס אַ מין גוטסקייט געפיהלט... דאָס הארץ האָט איהר אַזש אָנגעהויבען קלאַפּען, און עפּעס אַ מין זיסע תאוה האָט איהר איינגאַנצען ארומגענומען, דאָס בלוט האָט איהר אַ זעץ געגעבען אין פּנים אריין... און האַלטענדיג דאָס קינד אויף די הענד האָט זיך איהר פאַרגלוסט שפּילען מיט איהם, גלעטען דאָס אויפ'ן הוילען לייב... זי האָט'ס געגלעט פונ'ם העלזעל ביז אַראָפּ צו די פּיסלאַך... יעדעס אבר'ל האָט זי אויסגעגלעט...

עפּעס האָט זיך איהר געגלוסט טאָן מיט'ן קינד, נאָר זי האָט ניט געוואוסט וואָס... איהר האָט זיך שטאַרק געגלוסט עפּעס טאָן מיט דעם... עס האָט איהר געריסען, געצויגען, זי האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס... נאָר געפיהלט האָט זי, אַז איהר איז עפּעס גוט פונ'ם קינד האַלטען, אַ געשמאַקע ווארימקייט צוגעהט זיך איבער'ן גאַנצען קערפּער... אַ זיסקייט טריפט אין איהר, צוגעהט זיך אין יעדער אבר...

...אַ מאַמע וועט זי זיין, אַ מאַמע איבער אַ קינד... זי האָט אַ קינד...

און דאָ האָט זי שוין דאָס קינד ניט אָנגענומען ווי פריהער, נאָר שוין גאָר אַנדערש... זי האָט זיך איצט געפלייסט ווי אַ מוטער דאָס איינשטילען... זי האָט גאָר איינגאַנצען געביטען איהר פריהערדיגען טאָן, מיט וועלכען זי האָט דאָס קינד איינגעשטילט... און ענדליך איז זי מיט אַ קלאַפּענדיג הארץ צום בעט צוגעלאָפען, האָט זיך מיט'ן קינד געגעבען אַ וואַליע אריין, האָט אויף גיך איהר בלוזקעלע צושפּיליעט, און האָט איינס פון איהרע קליינע ברוסטלאַך דעם קינד אין מיילעכעל אריינגעשטאָפּט...

— — — — — — — — — — — —

ווען די מוטער איז געקומען, האָט זי זיי ביידע געטראָפען שלאָפען, און דער שוועסטער'ס ברוסטעל איז נאָך אַלץ ביים ברודערעל אין מויל געלעגען...

דאַטשניקעס.

מיכל, אַ קליין אידעל מיט אַ קורצער צוויי־שפּיציגער באָרד, איז פרייטאָג פאַרנאַכט געקומען אויף דער דאַטשע. אַריינ־קומענדיג אין דעם קליינעם שטיבעל מיט דער ערדענער פּאָדלאָגע און דעם דאַך, וועלכער איז געווען אינווייניג אָפּגעשמירט און האָט שוין געדינט פאַר אַ סטעליע אויך, האָט ער באַלד אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די קורצע שבת'דיגע קאַפּאָטע, זיך אוועקגעזעצט, אָפּגעבלאָזען פון זיך, און ווישענדיג דעם שוויים פון פּנים, געפרעגט ביי די דריי טעכטער: וואָס הערט זיך? די וויב זיינע איז געשטאַנען ביי דער פּליטע און געטונקען דאָס לעצטע פישעל אין מעהל, און דאָס ארויפגעלייגט אויף דער סקאָוואָראָדע פרעגלען. דער בוימעל, וואָס זי האָט ארויפגעגאָסען אויף דער הייסער סקאָוואָראָדע, האָט ארויסגעלאָזט אַ ווילדען געשריי און באַלד האָט זיך נאָך מעהר ווי פריהער געגעבען אַ טראָג איבער דער שטוב אַ טשאַד, מיט אַ בלויען שיטערען רויך, וועלכער האָט זיך גענומען שפּאַצירען איבער'ן שטוב. נאָכהער, צוקומענדיג צו די צוויי קליינע פענסטער, זיך געגעבען מיט אמאָל אַ ציה אין דרויסען, ריכטיג ווי דאָס וואָלטען ארויסגעלאָפען די נשמות פון די פישלאַך.

מיכל האָט זיך גענומען פאָכען מיט'ן היטעל דעם פּנים, און פאָכענדיג, געכאַפּט אַ קוק צו די טעכטער, אמאָל צו דער וויב און זיך איינגעקוקט ווי זי פרעגעלט; איהם האָט זיך שטאַרק פאַרגלוסט אַ פישעל מיט אביסעלע סאַלאַטע, אָבער ס'האָט ניט געפּאַסט צו בעטען ניט אין דער צייט פון עסען.

די טעכטער זיינען געווען שטאַרק פאַריאָגט אין דער ארבייט.

די האָר זיינען ביי אַלע געווען ניט אין אָרדנונג, די הערצער „צעבראָסטעט״, די שטערענס האָבען געשוויצט, און אויף די אויבערשטע ליפען איז ביי זיי געשטאַנען, ווי קליינע פאַצירקאַך, טראָפען שוויים. די הענט האָבען זיך ביי זיי מאָדנע גיך געוואָרפען, די מאַשין האָט האסטיג געקלאַפּט, און איינע צו דער צווייטער האָבען אַלעמאָל געכאַפּט אַ קוק...

פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבען צו זעצען, האָט זיך מיכל מיט ווייב און טעכטער אַוועקגעלאָזט צום ים זיך באָדען.

מיכל האָט זיך דאָרטען ניט ווייט פון זיי, הינטער אַ שטיין, אויסגעטאָן, און אריינגעהענדיג אין וואסער, האָט ער, ניט ווילענדיג, דערזעהן די ווייב מיט די טעכטער, וועלכע האָבען זיך געשוויינקט ווי די קאַטשקעס. ער האָט באלד פארדרעהט דעם קאָפּ, און מיט אמאָל זיך אריינגעוואָרפען אין וואסער, און אין אַ ווייטע אָרום אַרויסגעשוואומען אויף אַנאנדער אָרט, זיך לאָזענדיג ווייטער שווימען, און געקוקט צו די ווייב מיט די טעכטער זעהען איהם, מאַכענדיג דערביי ווי אַ פארשייט אינגעל: פר־ פר־ר פר־ר־ר.

די טעכטער, דערזעהענדיג דעם פאָטער, האָבען זיך פאַר־שעמט, איבערגעשמייכעלט איינע מיט דער צווייטער, און זיך אַראָפּגעזעצט ביז די העלזער אין וואסער.

— וואוהין שווימסטו? — שרייט צו איהם די ווייב. ביי מיכלען האָט געגעבען אַ קלאַפּ דאָס הארץ, ווי ביי אַ קינד, וועלכעס כאַפּט אַ גלעט פון׳ם פאָטער נאָכ׳ן אָפּשמייסען. ער האָט זיך נאָך שטארקער געלאָזט שווימען, כאַפּענדיג אַלעמאָל אַ קוק אין זייער זייט. אָט גיט ער אַ טוק אָפּ דעם קאָפּ, ווערט נעלם און סטארעט זיך וואָס לייננער ליגען אונטער׳ן וואסער ביז ער דערפיהלט, אז אָט ווערט איהם שוין דאָס הארץ צוזעצט, איינהאַלטענדיג דעם אָטעם.

און נאָכ׳ן באָדען און שבת׳דיגען עסען האָט זיך מיכל זעהר גוט דערפיהלט, און איהם האָט זיך פארגלוסט אביסעל

פרישע לופט. האָט ער אַרויסגעשלעפּט צוויי בענקלאַך אין דרויסען, אויף איינעם זיך אַליין אַוועקגעזעצט, און אויפ'ן צווייטען האָט ער געלאַדען די ווייב, נאָר יענע האָט זיך אָפּגעזאָגט, אַ וואָרף געבענדיג אויף איהם אַ מאָרנעם קוק, פון וועלכען ער האָט שיער ניט חרטה געקראָגען אויף זיין פאַרלייגען. באַקומענדיג דעם „אָפּזאָג", האָט ער אויפ'ן צווייטען בענקעל אויסגעצויגען די פיס און אויף יענעם זיך אָנגעשפּאַרט, פאַרריסענדיג דעם קאָפּ צום הימעל. די פּאַפּירענע מאַנישקע איז אַרויס פון'ם קאַמזעל, זיך פאַרדרעהט אָן אַ זייט, און דורכ'ן העמד האָט אַרויסגעקוקט זיין שוואַרץ־האָריג האַרץ. דאָס ווינטעל האָט זיך אַלע מאָל אַריינגעכאַפּט אַהינצו און איז איבערגעגאַנגען הקפות איבער זיין פּלייצע, און דורכנעהענדיג, געוואָרפען מיט די האָר, וועלכע האָבען זיך ווי גראָז געשאָקעלט און איהם געקיצעלט.

די טעכטער, וועלכע זיינען אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירען, האָבען ביים טיש מיט איהם אַפילו קיין וואָרט ניט גערעדט; ער האָט זיי עפּעס געפרעגט, האָבען זיי איהם געענטפערט מיט אַ האַלבען מויל. איהם האָט דאָס אַפילו שטאַרק פאַרדראָסען. „טעכטער — האָט ער געטראַכט — זאָלען דאָס פרעגען: טאַטע, וואָס טוסטו?"

איהם האָט שטאַרק אָנגעהויבען וועה צו טאָן דאָס האַרץ, פאַרוואָס זאָל דאָס אַזוי זיין. ער האָט שטאַרק געוואָלט מיט זיי עפּעס ריידען, און אין האַרצען האָט ביי איהם אַזוי אָנגעהויבען קאָכען, דאָס ער איז גרייט געווען זיך צוואַויינען, פאַלען זיי אויף די העלזער, און לאַנג, לאַנג זיי קושען... — וואָס האָבען זיי צו מיר, — האָט ער ווייטער געטראַכט, — איך האָב און גיב זיי ניט?... טאַקע אמת, זיי דאַרפען... מיידלאַך דאַרפען שוין חתונה האָבען... אָבער וואָס בין איך שולדיג?... אמאָל געווען צייטען, ווען איך האָב פאַרדינט, האָב איך דען דאָס פאַר'שכור'ט?...

„זי" ווייסט דאָך דעם אמת. אויף איהר פאַרדריסט איהם נאָך מעהר ווי אויף די טעכטער — אַ ווייב... „זי", זי איז

אינגאַנצען... די טעכטער וואָלטען אַזוי ניט געווען, מען באַ־לײדיגט איהם, זיי קוקען אויף איהם ווי אויף אַ הונט. נו?... ווען זי זאָגט: קינדער עס איז ניט שעהן... אַ טאַטע... אַזאַ קליפּה, זי גיט זיי נאָך אונטער היץ... נו, קינדער, זיי ווייסען?...

ווייט אויפ'ן האָריזאָנט, רויט ווי אַ שטיק פייער, איז אויפגעגאַנגען אַ גרויסע לבנה. די פינסטערקייט איז אַביסעל שיטערער געוואָרען, אַזוי, אַז מען האָט שוין געזעהן פון ווייטע; געשטאַלטען פון מענשען, וועלכע האָבען זיך, ווי גערוקט פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען, שפּאַצירענדיג הין און צוריק, און וואָס די לבנה איז געגאַנגען העכער, איז זי קלענער און בלאַסער געוואָרען, און מיט איהר צוזאַמען איז בלאַס געוואָרען די נאַכט, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקען פאַר דעם אומגעריכטען גאַסט.

מיכל, וועלכער איז אַנדרימעלט געוואָרען אויף די בענקלאַך, האָט פּלוצים געעפענט די אויגען און ווילד גענומען באַטראַכטען די לבנה, וועלכע איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסען איבער זיין קאָפּ; נאָכהער האָט ער געוואָרפען אַ בלאָנזעדיגען קוק אַרום זיך און צונויפגעלייגט די הענט אויף דער ברוסט, און זיך פאַרקוקט אויף דעם ריינעם קלאָרען הימעל, און שטאַרק פאַרגעניגען דערפון געהאַט. ער האָט פאַרגעסען, אַז דער הימעל וועט אַמאָל מיט וואָלקענס זיין באַדעקט. און די בוימער וועלען אַמאָל דאַר און נאַקעט זיין. און די ערד וועט אַמאָל מיט שניי זיין באַדעקט. און דאַן וועט ער זיך קריגען מיט זיין פאַמיליע, זיי וועלען איהם טרייבען פון שטוב. אַלץ האָט ער פאַרגעסען. ער פיהלט נאָר, ווי אַ קליין ווינטעלע גלעט איהם דעם פּנים, שפּילט זיך מיט זיין באָרד, פאַר'גנב'עט זיך אין בוזעם, און אַ גרינגער געשמאַקער ציטער נעמט דורך זיין לייב. און ווי אַ קינד גיט זיך איבער דער מוטער, ווען זי האַלט איהם אויף איהר שוים, אַזוי גיט ער זיך איבער צו אָט די זיסע געפיהלען, און אַ זיסער דרימעל פאַרבלאָנדזעט אין זיין מוח, און שפּאַצירט אַזוי שטיל און ווייך, ווי אויף וואַטענע פיסלאַך. ער פאַרמאַכט ווייך די אויגען, און ער עפענט זיי ווי אַ עוף, וועלכע מען גלעט דאָס קעפּעל, האַלט זיי

אַ מינוט אָפּען און פאַרמאַכט זיי ווידער, און זיסינקע טרעלעלאַך גיסען זיך פון ווייט ווייט ערגעץ פון אַ מאַנדאָלינקע, און זיי שנורעווען, ציהען זיך ווי זיידענע פעדימלאַך און וועבען זיך דאָרטען אין זיינע איינגעשלאָפענע געדאַנקען, פלאָנטערן זיך מיט זיי צונויף, און איהם דוכט זיך, אז אַלץ אַלץ שפּילט, עס שפּילט זיך ערגעץ... און ער געפינט זיך אויך ערגעץ... ער שוועבט צוזאַמען מיט די טענער, שוועבט...

— מיכל, — וועקט איהם באַנציע, זיצענדיג אויף דער טיר, אַרויסקוקענדיג אין דרויסען.

זי באַקומט קיין ענטפער.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום: מיכל!

און ווידער ניט באַקומענדיג קיין ענטפער, הויבט זי זיך אויף פאַרקרימענדיג, געהט צו צו איהם און טאָרעט איהם.

— מיכל! מיכל! געה, איך האָב דיר שוין געבעט.

— באַלד, — ענטפערט ער, ניט עפענענדיג די אויגען.

— מיכל, — שטעהט זי ווידער צו צו איהם.

ער הערט, נאָר איהם איז שווער צו ענטפערען, און איהם פאַרדריסט שטאַרק, וואָס זי וועקט איהם.

אַ פּאָר מינוט איז שטיל. באַנציע מאַכט אַ פּאָר טריט הין און צוריק, מעשה דאַטשניצע, און איהר פאַרדריסט שוין שטאַרק אויף מיכלען, וואָס זי וועקט איהם, און ער וויל ניט אויפשטעהן און דאָס מאָל שרייט זי שוין ניט: מיכל! נאָר זי געהט צו, גיט איהם אַ שטאַרקען שלעפּ ביים אַרבעל און זאָגט: שטעה אויף!!

מיכל האָט אויסגעדרעהט צו איהר דעם קאָפּ און געזאָגט:

— ווייסט וואָס איך וואָלט אַ בעלן געווען?... שלאָפען אין דרויסען.

— ווייסט וואָס איך וואָלט אַ בעלן געווען, — רעדט איבער באַנציע, — זאָלסט אַריינגעהן שלאָפען.

— אַ מחיה אין דרויסען...

אויף לעצט האָט זיך מיכל אויפגעהויבען, די בענקלאַך מיט

איהם צוזאמען האָבען ארויסגעלאָזט א קרעכץ. ער איז אריינ־געגאנגען ווי א שכור, וואקלענדיג זיך א פּאָר מאָל פון די פיס, און איז געפאלען אויפ'ן געלעגער, וועלכער איז געלעגען אויף דער ערד פון זיינטוועגען צוגעגרייט.

און באָנציע זיצט ביים טיר און וואַרט אויף די קינדער. „ס'קעהר שוין זיין שפעט", טראכט זי, קוקענדיג און איינ־הערענדיג זיך אין אלע זייטען, דאָ שלאָפט מען שוין, דאָרט שלאָפט מען שוין... א גו ביי מאָראָסקען?... יאָ. מיידלאך... — גיט זי א טראכט. — יונגע קינדער... וואו זיינען זיי? זאָלען זיך בעסער אָפּרוהען... אזוי האָרעווען!... היינטיגע קינדער טאָר מען גאָרניט זאָגען... מילא, היינט איז שבת, וועלען זיי זיך קאָנען אויסשלאָפען, אָבער אין מיטען וואָך! ווען שלאָפען זיי!?... גאנצע נעכט...

— באָנציע! — הערט זי פּלוצלונג.

— וואָס? — פרעגט זי נערוועז.

— די קינדער זיינען שוין דאָ?...

ער באַקומט קיין ענטפער ניט...

ער ליגט מיט'ן פּנים ארויף, קראצט זיך דאָס הארץ, וואַרפט זיך אויפ'ן געלעגער. איהם איז שטאַרק ניט גוט, ער איז שוין א פּאָר מאָל אנדרימעלט געוואָרען, נאָר ער כאַפּט זיך אלעמאָל אויף. דערפיהלענדיג ווי עס בייסט איהם, און די היץ קאָן ער גאָרניט איבערטראָגען. ער ליגט אין א טייך שווייס.

און באָנציע וויל זיך עפּעס דערמאָנען. זי געדענקט, אז זי האָט נאָר־וואָס געטראכט וועגען עפּעס א שווערע זאך... נאָר וואָס געדענקט זי ניט.

מיכל גיט מיט אמאָל א טראכט: ווי גוט וואָלט געווען שלאָפען אין דרויסען! — און ווען ער איז מיושב געוואָרען מיט דעם געדאנק, דאָס ער מוז טאַקע ארויסגעהן אין דרויסען שלאָפען, האָט ער ווידער אמאָל א רוף געגעבען באָנציען, פאַרלייגען איהר דעם פּלאן. נאָר יענע האָט איהם בייז געענטפערט: „קיין איך זאָל דיר ניט קענען. וואָס באָנציעוועסטו, וואָס?"

— וואָס־זשע דאַרפסטו זיך מאָרדעווען ? — האָט ער שטיל און בייז געפרעגט.

— ס'זאָל מיט דיר אָנהויבען וואַרפען...

— . . . מכשפה — האָט ער שטיל געבורטשעט.

און פלוצלונג האָט ער זיך געגעבען אַ כאַפּ ווי אַן אָפּגעבריטער, געכאַפּט אונטער איין אָרעם דאָס קישען, אונטער'ן צווייטען דעם מאַטראַץ מיט'ן ליילאַך און זיך געלאָזט געהן.

— אַ פינסטער... אַ חושכ'דיגער... אַ וויסטער... אַ טעמנער חלום זאָל זיין אויף דיין קאָפּ, אויף דיינע הענט און פיס, אידען! ער געהט פון זינען אַראָפּ! — האָט זי אָנגעהויבען שיטען אויף זיין קאָפּ און אָנגעכאַפּט דעם מאַטראַץ און גענומען איהם שלעפּען אין שטוב אריין, און ער האָט געשלעפּט אין דרויסען. ביידע האָבען אָנגעהויבען שטאַרק סאָפּען. ער האָט גע'טענה'ט: איך וויל שוין דוקא יע שלאָפען אין דרויסען, און זי האָט געזאָגט, אַז ניט.

— וועלען מיר זעהן! וועלען מיר זעהן! — האָבען ביידע זיך געשפּאַרט, שטעהענדיג איינס אנטקעגען אַנדערען, ווי היהנער. און ביידע זיינען שטאַרק בלאַס געוואָרען. די הערצער האָבען ביי זיי אָנגעהויבען קלאַפּען, הענט און פיס ציטערען. אָבער ביידע זיינען פאַר'עקשנ'ט. איינער וויל ניט נאָכגעבען דעם צווייטען.

— לאָז! — פרופט זי זיך אויף לעצט אַ שלעפּ געבען דאָס קישען.

— נאָך ניט היינטיגס יאָהר, — ענטפערט ער מיט אַ פאַרדראָסיגען שמייכעל.

— נו, וועלען מיר שטעהן...

— נו, וועלען מיר שטעהן...

— אפילו אַ גאַנצע נאַכט.

— אפילו אַ גאַנצע נאַכט.

— נאָר זיי וועלען באַלד אָנקומען... — פרופט זי איהם שרעקען מיט די טעכטער.

— נו, נו...

ביידע נעמען איבער־אַ־ניי אָן דעם מאַטראַץ מיט׳ן קישען, ווילען וואָס מעהר פאַרכאַפּען, נאָר איינער דעם צווייטען לאָזט ניט, קלאַפּענדיג זיך איבער די הענט. אויף לעצט האָט זיך פּלוצלונג ביי מיכלען אין האַרצען עפּעס ווי געגעבען אַ הויב־אויף אַ גאַנצער שטורם ווינט, ער האָט זיך געגעבען אַ טרייסעל, ווי אַ לייב, און ביי איהם איז געבליבען דער מאַטראַץ מיט׳ן קישען. ער האָט איהם געגעבען אַ וואָרף, דאָס קישען אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט פון דער שטוב און זיך אויסגעצויגען. נאָר שלאָפען האָט ער ניט געקענט, ער האָט געהערט ווען די טעכטער זיינען געקומען, און זי האָט זיך פּאַר זיי געקלאָגט אויף איהם און איהם געשאָלטען. איהם האָט שטאַרק פאַרקלעמט ביים האַרצען. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּאָר טרערען און ביי זיך אָפּגעשוואָרען ער זאָל ניט דערלעבען גאַנץ פריה אהיים פאַרגעהן, אויב ער וועט נאָך אַמאָל קומען אויף דער דאַטשע.

אינדערפריה האָבען זיי געטראָפען אַ ליידיג געלעגער...

אַ קעלער.

דאָס איז אמאָל אַ וויין־קעלער געווען, איצט — אַ טאַקערייי־וואַרשטאַט. אויבען איבער די טרעפּ שטעהט „צוגעקלעפּט" צו דער וואַנד אַ בלעכען דעכעל, ערטער־ווייז מיט דורכגעזשאַווערטע לעכער. ווינטער קוקט דורך דער שניי דורך זיי און מיט אַ ווייסען שטילען טרויער באַטראַכט ער די שמוציגע, ערטערווייז אויסגע־פוילטע טרעפּ.

דער קויטיגער סופיט זעהט אויס ווי אַ פאַרוואָלקענטער הימעל. אין מיטען איז ער הויך און לאָזט זיך אַראָפּ צו די ווענד אַלץ נידעריגער און נידעריגער, און דער „האָריזאָנט" ליגט אָנגעשפּאַרט אויף אַ גאַנצען באַרג האָלץ, וועלכער צושפּילט זיך אמאָל און הויבט אָן וואַרפען מיט העלצלאַך און שפּענדלאַך, וועלכע צושפּרייטען זיך ווייט איבער'ן קעלער.

אין דער לינקער זייט, וואו עס ענדיגט זיך דער קעלער, ציהט זיך רעכטס אַראָפּ אַ מינע; פון פאָרענט איז זי קיילעכיג אויסגעמויערט ווי אַן אויוועז, געהט אַראָפּ משופּע און דעם ברעג פון איהר זעהט מען ניט. תמיד ליגט דאָרטען אַ באַרג פינסטער־ניש. קיינער פון די אַרבייטער האָט זיך נאָך ניט איינגעשטעלט אַראָפּגעהן אהינצו: מען זאָגט, אַז שדים האַלטען זיך דאָרט אויף.

דער קעלער אַליין איז אונגעהויער גרויס, און כאָטש ער איז אין אַלע ווינקלען פאַרוואָרפען מיט האָלץ און אין מיטען אָנטקעגען דער טיר שטעהען וואַרשטאַטען, דאָך איז נאָך דאָ גענוג לעדיג פּלאַץ.

אויף די ווענט זעהען זיך נאָך אויף איינינע ערטער עטליכע ציפערען 7, 15, 3 און נאָך אַ פּאָר נומערען, וואָס זיינען שוין

פאַרריבען און שווער צו דערקענען. אַריינקומענדיג דאָס ערשטע מאָל אין קעלער פאַלט אָן אַ פּחד: אין יעדער ווינקעל איז טונ־קעל און אומעטיג, ווי דער גאַנצער קעלער וואָלט געבענקט נאָך די שכורים, וועלכע האָבען דאָ געטאַנצט, געזונגען און געהוליעט, און דאָרטען ערגעץ אונטער'ן האַלז אין די ווינקעלאַך האָבען זיך די קולות באַהאַלטען און אָט־אָט, דוכט זיך, וועט פון דאָרטען זיך אַרויסרייסען אַ ווילדער קול, וועלכער וועט אָפּקלינגען אין דער גרויסער פוסטקייט.

6 מענשען אַרבייטען אין קעלער.

— ממזר! גנב! — זידעלט יאָסע די וואַרשטאַט זיינע, און ניט איהר מיט אַלע כוחות אַ קלאַפּ מיט'ן האַמער — אין דער ערד אַריין! עפּעס איז זי קאַליע געוואָרען.

ער באַטראַכט די וואַרשטאַט, טאַפּט אַרום, פּרובט זי, אַ דרעה געבענדיג אַהער און אַהין, גיסט בוימאויל, און וואַרטשענדיג עפּעס אונטער דער נאָז, נעמט ער זיך ווידער צו דער אַרבייט.

— וואָס, ר' יאָסע? אייער וואַרשטאַט איז קאַליע געוואָ־רען — פרעגט יאָסע'ן, שמייכלענדיג, נפתלי, איינער פון די אַר־בייטער.

ר' יאָסע ענטפערט ניט, און נפתלי גיט איראָניש אין אַ ווייל אַרום צו: ר' יאָסע וויל ניט ענטפערען.

— איך האָב מורא, ר' יאָסע, צי אייערע פּיס זיינען עס ניט קאַליע געוואָרען — זאָגט לייבעל, אַ צווייטער אַרבייטער.

— איהר טשעפּעט זיך ניט מיט ר' יאָסען — לצ'ט אַ דריי־טער, — אַניט וועט ער אייך ניט געבען זיין טאָכטער פאַר קיין כלה. ווערט אַ געלעכטער.

אויף די טרעפּ באַווייזען זיך אַ פּאָר שיך, נאָך די שיך אַ פּאָר ברייטע געוועגטענע הויזען. די הויזען ווערען וואָס אַמאָל קירצ־צער און קירצער. און אָט באַווייזט זיך אַ ברייט רעקעל מיט אַ פּאָר הענד, די הענד נידערען אַראָפּ, און עס שווימט אַרויס אַ בריי־טע ברוסט, און אין אַ מינוט אַרום ווערט דער גאַנצער קערפּער

איינגעשלונגען, נאָר אין די שויבען באַוויזט זיך אַ פּנים, דאָס פּנים גיט זיך אַ באַוועג און עס גיט זיך אַ פּראַל אויף די טיר.

דערזעהענדיג דעם בעל־הבית, זיינען די חברה שטיל געבלי־בען און האָבען זיך צוזאָגט מיט די וואָרשטאַטען.

— חברה! — זאָגט דער בעל־הבית ווי מיט אַ ברוגז'ן טאָן

— איהר ווייסט, איהר וואָלט געמעגט אַביסעל אונטערהאַיילען זיך, די אַרבייט מוז גע'פּטר'ט ווערען ביז פרייטאָג.

— אַ־אַ־אַ, ביז פרייטאָג — שרייען אַלע אויס.

— נו, וואָרט־זשע — זאָגט דער בעל־הבית נאָך מעהר ברוגז.

— ווען איהר ווילט צו אַרבייטען אַביסעל... ניט קיין סך... נאָר ניט שפּילען זיך, וואָלט איהר דאָס געוויס געקענט מאַכען.

— נו, גוט — רופען זיך די חברה אָפּ — נאָר וואָס־זשע ז'ען? אויף אַביסעל בראַנפען! יאָ, ר' פישעל?

— וואָס אַרט דאָס אייך! דאָס וועט שוין זיין.

— ניין, ניט „זיין", נאָר שוין טאַקע פאַר'ן עסען.

— שוין טאַקע, פאַר'ן עסען?

— יאָ, יאָ, שוין טאַקע פאַר'ן עסען! וואָס דאַרפען מיר וואַרטען אויף פרייטאָג? היינט איז אויך אַ טאָג.

ביי פישלען הויבט אָן שיינען אַ שמייכעל אויפ'ן פּנים. ער טראַכט אַביסעל און נעהמט זיך צו דער קעשענע.

ווען דער בעל־הבית איז אַרויסגעגאַנגען, האָבען חברה אָנגעהויבען טאַנצען: זיי ווייסען, אַז היינט וועט שוין זיין אַ פרעהליכער טאָג, נחום'צע וועט זיך שוין היינט משוגע מאַכען. אַזוי שטעהט נחום'צע ביי דער אַרבייט און מען הערט אפילו פון איהם קיין פּיפּס ניט. און ווען ער רעדט שוין מיט זיי אַ וואָרט, איז דאָס ביי זיי אַן עהרע, אַן עהרע, וועלכע זיי אַליין, די חברה, שעהמען זיך ביי זיך דאַרין מודה צו זיין. אין אמת'ען ווער איז ער? דאָך מיף אינוועניג — פיהלען זיי פאָרט עפּעס אַ מין גוטסקייט, ווען ער רעדט מיט זיי. אין יעדעס וואָרט זיינעם ליגט איראָניע און אַ קאַלט־טרוקען שמייכעל צוגיסט זיך אויף זיינע ליפּען.

דעם טאָג, ווען נחום'צע נעהמט אַביסעל בראַנפען, דערקענען

שוין אויף איהם די חברה. ווי נאָר ער עפענט די טיר, קומענדיג פון עסען, גיט ער אַ שמייכעל. דערנאָך געהט ער זיך צו פּאַמעליך צו דער ווארשטאַט, פּונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט זי אויפוועקען פון שלאָף. ער שמירט זי פּאַמעליך און קלאַפּט קוים אריין אַ שטיקעל האָלץ, גלעט אויס דאָס געצייג און דוכט זיך — גאָר גיט, ער שטעלט זיך ווי געוועהנליך צו דער ארבייט. נאָר אָפּארבייטענ־דיג אַ פערטעל שעה, גיט ער פּלוצלונג אַ שטאַרקען דרוק די „טריט״ פון׳ם ווארשטאַט און שרייט דערביי אויס: ע! וואָס פעהלט מיר וואָס?...

— קאָפּ־וועהטאָג — רופט זיך אָפּ איינער זעליג, און קענטיג איז, אז ער האָלט זיך גרעסער פון די איבעריגע שוין דערמיט אליין, וואָס ער האָט מיט נחום׳צען אזעלכעס צו זאָגען.

די איבעריגע דריי שווייגען, זיי דוכט זיך, אז איהם, נחום׳צען, מוז דאָס געוויס פארדריסען. נאָר נחום׳צע שווייגט אָבער. גלייך ווי ניט איהם מיינט מען. נאָר אין אַ פּאָר מינוט ארום שרייט ער אויס:

— יאָלד! מיין ווייב און קינדער זיינען מיר באַפאַלען?!

און דערביי צולאָזט ער זיך מיט דער ווארשטאַט נאָך שטאַרקער, קלאַפּט מיט דער טריט, רוקט דאָס שטיקעל געצייג אין האָלץ אריין מיט אַ מאָדנער גיכקייט און מאַכט מיט׳ן מויל צום טאַקט: טאַק־טע־דע־דאָק, טאַק־טע־דע־דאָק און טשיק! טשיק! און די שפּענד־לאַך שפּריצען ווי וואַסער פון אַ פאָנטאַן ארויס, גלייך איהם אין פּנים אריין.

— ער וועט שוין שטאַרבען אַ הונד — זאָגט ווייטער זעליג מיט אַ געלעכטער.

— פארקעהרט, ארט מיר ניט — ענטפערט איהם נחום׳צע.

— ער איז דאָך עפּעס עלטער פון אייך — געפינען די דריי פּאָר נויטיג זיך אָנצונעהמען פאַר זעליג׳ס עלטער.

— עלטער, שמעלטער — שרייט ער אויס מיט אַ פארדראָ־סיגען, נאָר פרעהליכען קול — און אז ער איז עלטער, האָט ער שוין מעהר פון מיר פּיסלאַך אויסגעטאָקט און טאַק־טע־דע־דאָק!... ע!

ע ! עפּעס מיין ווארשטאט... אנו־קא ?... פּאשאָל ! טאק־טע־דע־דאַק !... עלטער... און טאק־טע־דע־דאַק און טשיק ! טשיק ! טשיק !

ער פליהט אוועק מיט דער ווארשטאט, נאָך איהם די דריי חברה א חוץ זעליג׳ען מיט יאָסען ניט. זיי פלייסען זיך איהם נאָכמאכען. דער גאנצער קעלער הויבט אזש אָן צו הודיען פון דעם גיכען דרעהען, און דערביי הערען זיך משונה׳דיגע קוויטשען און טאקטען. און דער אַלטער יאָסע, וועלכער קאָן קיין טומעל ניט ליידען, דרעהט אַלע מאָל פארדראָסיג אוים דעם קאָפּ, ווארפט אויף די חברה א בייזען קוק וואָרטשענדיג דערביי עפּעס אונטער דער נאָז. און זעליג זאָגט ווי פאר זיך צושמייכלענדיג : דאָס איז א „באָסע קאָמאנדע !״

נחום׳צע ווערט ענדליך מיד, בלייבט שטעהן מיט דער וואר־שטאט, ווישט אָפּ דעם שוויים פון׳ם שטערען. דאָס פּנים זיינס ווערט טרויעריגער און טרויעריגער און פלוצלונג פארדרייסט ער דעם קאָפּ ארויף, פארגלאָצט די אויגען און הויבט אָן זאָגען : „אוי ! דו פאָהרסט אוועק ! אוי ! טייער לעבען מיינס ! אויף ווערמען לאָזטו מיך איבער״...

— אוי! לאָזט מיך איבער אויף די 4 ווענט, אוי ווערה, אָט חלש איך, אוי ווערה, אָט שטארב איך... אָט גערה איך אוים דאָ אויף דיינע הענד... און די חברה האלט אונטער : אָט גערה איך אוים דאָ אויף דיינע הענד...

יאָסען קלאפּט דאָס הארץ : תמיד, ווען די חברה איז פרעה־ליך, גערהט דאָס אוים צו זיין קאָפּ, זיי טשעפּען זיך צו איהם, מאכען חוזק פון זיין טאָכטער, וועלכע ברייגגט איהם יעדען טאָג אין א קליין טעפּעלע עסען. און דאָס מאָל האָט ער אויך ניט געגרייזט : אין א פּאָר מינוט ארום שרייט נפתלי אוים : ר׳ יאָסע !...

ר׳ יאָסע קוקט זיך אפילו ניט אום, ער ווייסט שוין וואָס דער „ר׳ יאָסע״ באדייט.

— ר׳ יאָסע איז פארטיפט אין שווערע געדאנקען — רופט זיך נחום׳צע אָפּ.

אַלעמען געפעלט דאָס זעהר, און אַלע פרעגען איבער: ר' יאָסע, איהר זייט פאַרטיפט אין שווערע געדאַנקען?

— הערסטו, — זאָגט לייבעל אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ער כאַפּט אַ קוק אויף יאָסע'ן און ענדיגט: — הערט איהר, יאָ, ער איז טאַקע פאַרטיפט אין שווערע געדאַנקען. ער קלערט אודאי, וועמען ריידען די טאָכטער זיינע פאַר אַ כלה.

אַזאַ טבע האָט שוין ר' יאָסע: אַז עס קומט אָן אַ נייער מענש צו דער אַרבייט, באַקאַנט זיך מיט איהם יאָסע דער ערשטער, פרעגט איהם באַלד, צי איז ער אַ באַווייבטער, און ווען יענער זאָגט איהם, אַז ניין, לעגט ער אַוועק די אַרבייט, זעצט זיך אַוועק אויפ'ן וואַרשטאַט, און פאַרפיהרט מיט איהם אַ שמועס. שמועסט אַזוי לאַנג, ביז ער דערצעהלט איהם, אַז ער האָט אַ טאָכטער, לויבט זי ביז'ן טאָג אַריין: אַ ווירטין אַ גרויסע, אַ פיין כשר קינד, אַ פאַר־דינערקע, אַ וועש־נעהטאָרין איז זי, האָט אַביסעל געלט אויך... און אַזאַ יונגען מאַן, ווי דער אָנגעקומענער, זוכט ער טאַקע. ער זעהט, ער דערקענט, אַז דאָס איז אַ פיינער יונגערמאַן.

נאָר אויפ'ן צווייטען טאָג, כאָטש יענער האָט איהם גאָר ניט — ניט יאָ, ניט ניין, געענטפערט, דערמאָנט ער שוין אפילו וועגען דעם גאָר ניט, און רעדט שוין פון דעם שידוך קיין וואָרט ניט, גלייך עס וואָלט גאָר ניט פאַרקומען.

— ווייסט — זאָגט לייבעל צו נפתלי'ן — פאַר דיר וואָלט זי געווען ווי געמאָסטען: זי איז אַ לאַנגע און אַ דאַרע און דו ביזט אַ לאַנגער און אַ דאַרער, וואָלט דאָס געווען אַ פּאָר פון גאָט אַליין.

— ניין, פאַרקעהרט, — זאָגט נפתלי, — אַ דאַרע דאַרף נעהמען אַ גראָבען און אַ גראָבער דאַרף נעהמען אַ דאַרער און אַזוי ווי דו ביזט אַ גראָבער קלומיק, איז זי טאַקע פאַר דיר ווי גע־וואונשען.

שמעריל, דער דריטער, איז מסכים מיט'ן צווייטען. כאַפּען זיך ביידע אַרויף אויף איהם: — ער איז גאָר פאַר איהר. גיב אַ קוק, שרייען ביידע פרעהליך אויס, טייטלענדיג מיט די פינגער

דאָ אויף יאָסען, דאָ אויף שמערלען — גיב אַ קוק, אויב ער איז ניט געראָטען אין ר׳ יאָסען. אדרבה קוק זיך צו, אויב ער איז ניט ווי צוויי טראָפּען ר׳ יאָסע, אַי וואָלט דאָס געווען אַ שווער מיט אַן איידעם!

זעליג׳ען פּאַרדריסט אפילו, וואָס מען לאַכט פון איהר אַזוי, ער געפינט אין איהר גאָר ניט אַזעלכעס, איבער וואָס מען זאָל אַזוי דאַרפען שפּאָטען. ווען ער שעהמט זיך ניט, וואָלט שוין לאַנג ביי איהר מיט איהם אַ שידוך געווען, ווען ער איז אָנגעקומען אהער צו אַרבייטען, האָט איהם יאָסע ווי אַלעמען פאַרגעלעגט דעם שידוך. ער געפינט, אַז דאָס וואָלט דוקא פאַר איהם זעהר אַ גלייכע זאַך געווען. ער איז שוין אַ בחור פון 35 יאָהר, קיין שעהנערע פון איהר וועט ער שוין ניט דערגרייכען און אַ פּאַרדינערקע איז זי אויך. נאָר ער האָט אָבער מורא אפילו זיך אַ וואָרט אַנצורופען, טאָמער וועלען זיי פון איהם חוזק מאַכען.

נחום׳צע וואַרפט אויגלאַך, דאָ אויף די אַרבייטער, דאָ אויף יאָסע׳ן. פּלוצלונג צושמייכעלט ער זיך, גיט זיך אַ בויג, כאַפּט אַ הויפען שפּענדלאַך און גיט אַ שאָט אויף די דריי חברה־לייט. און ס׳הויבט זיך אָן אַ גאַנצע מלחמה. דער וואַרפט דעם, דער — יענעם. איינער בויגט זיך איין אויף אָנצונעמען שפּענדלאַך, אַ צווייטער שטעלט זיך אויף און שיט שוין. עס ווערט אַ כאַפּעניש, אַ בוי־געניש, דער אַראָפּ, דער אַרויף. איינער קוויטשעט, אַ צווייטער שרייט, אַ דריטער לאַכט, און אין גאַנצען קעלער ווערט עפּעס אַ מין בהלה, שפּענדלאַך פליהען אין דער לופטען, אַלץ ווערט ווי מיט שניי באַשאָטען. און ר׳ יאָסע׳ן שאַנעוועט מען אויך ניט. יענער כאַפּט אַ שטיק האָלץ, אַ האַמער, און סטראַשעט, אַז ער וועט וואַרפען. טאַנצט דערביי אונטער מיט זיינע קליינע דאַרע פיסלאַך, אַז אָט־אָט דוכט זיך, שפּרינגט ער אַרויס. ער זידעלט, שילט מיט טויטע קללות.

דאָ זאָגט שוין נחום׳צע, אַז עס זאָל שוין זיין גענוג, און באַלד הערען טאַקע אַלע אויף.

שוויִיגענדיג טרייסעלט זיך יעדער באַזונדער אָפּ די שפּענד־לאַך פון די קעפּ און פון די בוזעמער און נעהמען זיך צו דער ארבייט.

* * *

ווינטער, צוויי אזייגער, הויבט זיך אָן פון די ווינקלען ארויס צורוקען די נאַכט. די נאַכט, וועלכע זיצט דאָרטען כסדר און קוקט מיט גדלות אויפ'ן טאָג, וואָס קאָן צו איהר ניט צוקומען. די וויִיס פאַרפרוירענע פענסטער, וועלכע שטעהען טיף אין דער ערד, ווערען טונקעלער און טונקעלער, די נאַכט וואַקסט אין קעלער, קריכט ווי פון דער מינע ארויס, קריכט אויף די מענשען, אויף די ווארשטאַטען, אויף די העלצער, אויף די שפּענדלאַך און מאַכט פון אלץ נאַכט...

— איך זעה שוין ניט ווי צו ארבייטען — הערט זיך אַ קול.

— איך זעה שוין אויך ניט.

— איך אויך ניט.

— מ'דאַרף אָנצינדען אַ לאָמפּ!

— אין דרויסען איז נאָך האַלבער טאָג...

— אָבער דאָ איז דאָך שוין פינסטער...

— דאָ וואָלט באַדאַרפט ברענען אַ גאַנצען טאָג אַ לאָמפּ... אַ גאַנצען טאָג איז דאָ פינסטער...

— אַ גאַנצען טאָג איז דאָ נאַכט...

אַלע ווארפען זיך איבער מיט קורצע פראַזען, אַלע ריידען ווי ברוגז'ע. אין יעדען טאָן פיהלט זיך אַ וועהטאָג, אַ פאַרדרוס, קיינער וויל ניט פאַרכאַפּען אַזוי פריה די נאַכט. און כאָטש זיי זעהען שוין ניט ווי צו ארבייטען, דאָך מאַטערען זיי זיך מיט אַלע כוחות, האַלטען איינגעגראָבען די אויגען אין די שטיקער העלצער, ארבייטען אָפּ נאָך עטליכע מינוט און כאַפּען אַ קוק אין דרויסען ארויס און הויבען אָן ווידער צו ריידען, אַז דאָ איז פינסטער...

יאָסע זיצט שוין אויפ'ן ווארשטאַט, ער זעהט שוין לאַנג ניט ווי צו ארבייטען, ער מוטשעט זיך אַ גאַנצען טאָג, ער וואָלט גע־וואָלט אַ גאַנצען טאָג זאָל ברענען אַ לאָמפּ. ער זיצט און שוויִיגט,

ריהרט ניט מיט קיין אבר, און עס דאכט זיך, אז דאַרטען זיצט א שטיק נאכט און פיהרט מיט'ן קעלער א געהיים געשפרעך...

— נפתלי, רופט זיך עמיצער אָפּ — וויפיל וואָלסטו געוואָלט, אז דו זאָלסט איצט אראָפּגעהן אין מינע אראָפּ.

— ווער, איך?... אפילו פאר קיין הונדערטער ניט.

כאָטש בייטאָג איז דאַרטען ניט ליכטיגער, ווי ביינאכט, דאָך וויל נפתלי בייטאָג ניט מעהר ווי 25 רובעל.

עס ארבייט שוין איצט קיינער ניט, אלע זיצען אויף די וואר־שטאטען, קיין מענשען זעהט מען ניט, נאָר שווארצע שטיקער, וועלכע טיילען זיך אָפּ פון דער פינסטערקייט.

— נו, וואָס וועט זיין? ער וועט באלד אריינקומען און מיר זיצען צוזעצט אויף די ווארשטאטען.

— מ'דארף אָנצינדען די לאָמפּ.

אָפּגעארבייט א שעה אָנדערטהאלבען ביים לאָמפּ, כאפט נפתלי ארויס זיין קליין ניקעל זייגעריל פון זשילעט־קעשענע און ווי ער וואלט ניט געגלויבט זיינע אויגען, קוקט ער א מינוט צייט און שרייט ענדליך פארדראָסיג אויס: טפו זאָל דאָס ווערען, געהט עס ניט איינגעהאלטען?

— וויפיל? פרעגען אלע, אויסגלאנצענדיג די אויגען, און ווארטען אויף אן ענטפער.

נאָר ער ענטפערט ניט באלד און קוקט נאָך אלץ אויפ'ן צי־פער־בלאט, און זאָגט קוים ארויס מיט א גאנץ שטילען קול: ערשט א האלב פינף?

— האלב 5 — פרעגען אלע איבער ערשטוינט.

— ס'זאָל ערשט זיין ניט מעהר ווי האלב 5? פרעגט איינער דעם צווייטען.

— ניין, עס איז ניט מעגליך.

— עס קאָן ניט זיין אין דער וועלט.

— עס דארף שוין זיין שפעטער...

זיי קאָנען ניט גלויבען, אז איצט זאָל מעהר ניט זיין ווי האלב 5. זיי דוכט זיך, אז זיי ארבייטען שוין לאנג ביי א לאָמפּ,

זיי קאָנען גאָר אַליין ניט משער זיין וויפיל. די הערצער ווערען ביי אַלעמען שווער און טרויעריג, ווי מען וואָלט זיי אָנגעזאָגט די ערגסטע בשורות. און די ארבייט ווערט ביי זיי נאָך שווערער, נמאס'ער. אַלעמען גלוסט זיך אַנטלויפען וואָס גיכער, אַנטלויפען פון דאַנען, אַנטלויפען ערגעץ ווייט, ווייט...

— הערסטו, דיין זייגער געהט איינגעהאַלטען.

— אַ ציבעלע — ניט קיין זייגער — שרייט אוים נחום'צע פאַרדראָסיג.

דער זייגער דיינער איז אַ ליגנער, אַזוי ווי דו — שרייט זעליג.

נפתלי שטעהט ווי אַ שולדיגער און קוקט טרויעריג אויף זיין אומגליקליך זייגעריל, ווי מען מאַכט דאָס צו שאַנד און צו שפּאָט. ער קוקט דערויף, ווי ער וואָלט זיך מישב געווען, אַריינצולעגען עס אין קעשענע אָדער ער זאָל עס אַוועקוואַרפען.

מיט אַמאָל לויפט נחום'צע צו, גיט אַ ריס ביי איהם דאָס זייגעריל. ער כאַפּט אַ קוק דערויף, לעגט דערנאָך צו זיין אויער און הערט זיך איין צו עס געהט. די אויגען זיינע שטעהען עט־ליכע סקונדען ווי פאַרגליווערטע.

— ס'געהט?

— דאָס זייגעריל געהט?

— ס'שטעהט?

— דאָס זייגעריל שטעהט.

נחום'צע ענטפערט ניט, פּונקט ניט איהם פרעגט מען. ער גיט ווידער אַ קוק אויפ'ן ציפערבלאַט, גיט ווידער אַ לעג צו צום אויער, און איהם דוכט זיך, אַז דאָס זייגעריל קלאַפּט שוואַך... ווערט ער עפּעס ווי אויפגעמונטערט... אפשר געהט דאָס פאַר־מעלאַך?... און ס'קאָן שוין זיין אַ סך מעהרער?... ענדליך גיט ער איהם אָפּ, שווייגענדיג, דאָס זייגעריל, לאָזט זיך פאַמעלאַך מיט אַן איינגעהאַלטענעם גערדריקטען כעס צום וואַרשטאַט און נעהמט זיך פויל אַרבייטען.

די שטילקייט ווערט נאָך געדיכטער, נאָך דריקענדער. אַלץ

שווייגט, פּונקט ווי ס'איז באַשוואָרען צו שווייגען. און הערט זיך איין אין דער שטילקייט. און די שטילקייט הערט זיך איין אין דער שווייגעניש... און שווייגענדיג, רעדט זיך עפּעס... עס פּיהלט זיך אַ לשון, אַ שווייגענדיג לשון, אַ לשון, וואָס מען קאָן נאָר פּיהלען...

— עפּעס מיין וואַרשטאַט מאַכט מיר היינט אויף שטיק — דערהערט זיך נחום'צעס קול.

מיינער אויך — ענטפערט אַ צווייטער.

זיי שטעלען אָפּ די וואַרשטאַטען, באַקוקען זיי, באַטראַכטען זיי, שמירען אָן און אַרבייטען ווייטער. עס ווערט ווידער שטיל, אַלע שטעהען פאַרזונקען אין טרויעריגע געדאַנקען, וואָס וועבען זיך, ווי מיט אַ שוואַרצער געהיימער האַנד. איינער פאַרגעסט אָן צווייטען, יעדערער פּיהלט זיך איינזאַם, עלענד, אַליין אין אַ קעלער, אין אַ באַזונדער גרויסען קעלער אַרום און אַרום מיט מינעס, מיט געהיימע טירלאַך... און די מינע רוימט איין שוואַר־צע סודות מיט איהר גרויסען שוואַרצען פּיסק... און אַלע ווינקע־לאַך שטעהען און שווייגען, און די העלצעלאַך, וועלכע ליגען דאָרטען אין די ווינקלען און ווערען שוואַך באַלויכטען פון'ם לאָמפּ, ליגען אין אַ טיפען דרעמעל. די ווענד שטעהען און קו־קען ווי ברוגז איינע אויף די אַנדערע. און דער קויטיגער סופיט קוקט אַראָפּ אויף די שוואַרצע פּאָדלאָגע, און גראָבע שפּינוועבס הוידען זיך הין און צוריק.

— נפתלי גיב זיי מוחל אַ קוק אויפ'ן זייגער — בעט זיך יאָסל.

— אַ פּיערטעל אויף 7 — ענטפערט נפתלי.

— ערשט אַ פּיערטעל אויף 7?

— עס זאָל מעהר ניט זיין ווי אַ פּיערטעל אויף 7 — וואונדערען זיך אַלע.

ווידער נעמען זיי זיך אַרבייטען און יעדערער באַזונדער וואַרפט אַרויס מאָדנע שטיק פון אומגעדולד, איינער קלאַפּט מיט דער טריט, אַ צווייטער — רייסט מיט אַלע כחות דאָס שטיק

האַלץ מיט'ן גענייג, אַ דריטער — שילט... און באַלד ווערט שטיל ווי נאָך אַ שטורמווינד, עס הערט זיך דאָס טאַקען און דער גאַנג פון די וואַרשטאַטען, און דער קעלער שטעהט און שלינגט דעם רעש אין זיינע גרויסע אויערן. אַט צוקוויטשעט זיך ביי אימיצען אויפ'ן וואַרשטאַט אַ העלצעל, עס וויינט מיט אַ יאָמערליכען געוויין, אַט פאַרגעהט זיך, אַט־אַט לאָזט עס אוים די לעצטע כחות, פאַרטיג...

נפתלי, וויפיל איז דער זייגער? — פרעגט ווידער אימיצער.

— זיבען — ענטפערט נפתלי, און צולעגענדיג דאָס זייגער'ל צום אויער, שרייט ער פרעהליך אוים: דאָס זייגער'ל שטעהט! ס'שטעהט!

— וואָס דען! — שרייען אַלע פאַרדראָסיג אוים און דאָך פרעהליך — ערשט 7 אַ זייגער איך האָב פריהער געהערט, ווי דאָס זייגער'ל קוים וואָס ער איז געקראָכען — ענדיגט נחום'צע.

— ס'איז שוין געווים 9 דער זייגער.

— געווים!

— מעגסט שוין דיין זייגעריל אויסבייטען אויף אַ נייעם.

— אודאי, וואָס דען? אז מען פאַרלאָזט זיך אויף זיין ציבעלע.

— ר' יאָסע שאַבאַש! הערט אויף צו קרעכצען!

— שאַבאַש־ שאַבאַש! — שרייען אַלע.

יאָסע גיט אויף זיי אַ ווייכען קוק, טוט אַ נאַרישען שמייכעל, און הויבט זיך אָן אָפּטרייסלען די שפּענדלאַך פון דער באָרד.

אַלע כאַפּען זיך אין איילעניש אָנצוטאָן, נאָר דאָ עפענט זיך די טיר און דער בעל־הבית באַווייזט זיך אין אַ גראָבען טולופּ.

—וואוהין איז? פרעגט ער פאַרוואונדעט.

— וואָס הייסט וואוהין?... אהיים — ענטפערען זיי איהם.

— וואָס הייסט אהיים!... משוגע... וואָס איז די גדולה מיט אייך?... ער כאַפּט דערביי אַרוים דאָס זייגער'ל פון זשילעט

קעשענע, גיט אַ קוק: משוגע זיינען אייערע קעפּ! אַ פיערטעל אויף 8 אַהיים?

— אַ פיערטעל אויף 8???

— נאַט, גיט אַ קוק... נאַ דיר גאָר אַהיים שוין.

— אַלע זיינען געבליבען שטעהן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און נאָך אַ פּאָר מינוט אַזוי שטעהן אין פאַרצווייפלונג האָבען זיי זיך געלאָזט געהן צוריק צו די וואַרשטאַטען מיט פּאַמעליכע טריט, ווי מען געהט נאָך אַ טויטען, און האָבען זיך געשטעלט צו דער אַרבייט.

אַ בופעט.

ביי אַ גרויסער באַליע, אין קליינעם שטיבעל, שטעהען איטע מיט איהר טאָכטער לאָה׳צע און וואַשען גרעט. נעבען זיי, ביי אַ מולטער, שטעהט מלכה,די אינגערע טאָכטער, און וואַשט „קלייניגקייטען״

די אויבערשטע העלפטען קערפּערס זייערע זיינען איינגע־הילט אין אַ גרויער גערדיכטער פּאַרע, וועלכע זעצט פון דער באַליע און פון דער מולטער ארויס. די פּאַרע צוגעהט זיך איבער׳ן שטוב און אַלעם ליגט, ווי אין אַ געדיכטען טומאַן, און עס פּיהלט זיך אַ שווערער, פייכטער ריח פון שוויים...

ביי ביידע טעכטער באַוועגען זיך שטאַרק די קערפּערס פון זייער אָנגעשטרענגטער אַרבייט. ביי מלכה׳ן פאַלט אָפטער עזות׳דיג אַראָפּ אַ בינטעל שוואַרצע האָר גלייך אין איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען. נערוועז פאַרשאַרט זי זיי מיט איהר ראָזעווען פייכטען עלענבויגען, און נעמט זיך ווידער צו דער אַרבייט.

מיכל, איטע׳ס מאַן, דרעהט זיך אַרום אין שטוב הין און צוריק אַ פאַרטראַכטער און טרייבט די פּאַרע פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטען. וואָרפט פון צייט צו צייט אַ פאַרטראַכטען קוק אויף די טעכטער און טראַכט וואָס צו טאָן מיט די הונדערט רובעל, וואָס ער האָט ערשט ניט לאַנג ירושה באַקומען פון זיין אַלטער מוטער. ער וויל עפּעס מאַכען אַ שטיקעל פּרנסה און ווייסט ניט וואָס פאַר אַ פּרנסה מ׳קאָן מאַכען פון הונדערט רובעל. גאַנצע טעג דרעהט ער זיך אַרום אין די גאַסען און קוקט, און באַטראַכט אַזעלכע פּרנסות, וואָס נאָך זיין השערה נאָך דאַרף מען ניט האָבען קיין גרעסערען קאַפּיטאַל ווי ער פאַרמאָגט, און דער עיקר איז

זיין אויפמערקזאמקייט צוגעצויגען געווארען צו בופעטען. בופעטען דארפען קיין סך געלט ניט האָבען. הונדערט רובל איז אפילו אויך צופיל און אויב ס'געהט אוועק... ער איז א בעלן געווען זיך צוקוקען וואָס איז די מעשה, וואָס אין איין בופעט אַריין האַלט מען אין איין געהן און געהן, און אַ צווייטער בופעט שטעהט און פוסטעוועט. ביי דער זייט געהען מענשען און פון יענער זייט געהען מענשען. אין דער זייט איז היים און אין יענער זייט איז היים. יענע מענשען ווילען טרינקען און די, וואָס געהען אין דער זייט ווילען טרינקען. פאַרוואָס זשע, פרעגט ער ביי זיך. געהען אהער אין דעם בופעט אַריין אַזוי פיל מענשען און אהין אַזוי ווינציג?

איז מיכל אַ בעלן געווען אויסגעבען צוויי קאָפּיקעס אויף וואסער און זעהן וואָס אינוועניג טוט זיך, אפשר איז אינוועניג אין די בופעטען עפּעס אַנדערש?

איז ער אַריין אין איין בופעט. דאָרטען איז געשטאַנען ביי דער סטאָיקע אַן אַלטיטשקער איד, מיט אַן אַלטיטשקער אידענע. טרינקענדיג האָט ער ארויסגעקייקעלט זיינע גרויסע אויגען פון גלאָז אַרויס און זיך איינגעקוקט אויף יעדער שטיקעל סחורה. נאָכהער איז ער אַריבער אין צווייטען בופעט. דאָ איז ער אפשר אַ פיערטעל שעה געשטאַנען ביז ער האָט זיך דערוואַרט אויף אַ גלאָז וואסער. אַזוי פיל מענשען זיינען געווען. מיינסטען יונגע לייט. דאָ איז געשטאַנען אַ יונג מיידעלע, אַ יאָהר אַכטצעהן, און האָט וואונדערליך גיך געאַרבייט מיט איהרע שעהנינקע ווייסינקע הענטלאַך; דאָ אָנגעגאָסען, דאָרטען דערלאַנגט, און דערביי איינעם אַ ווערטעל אַ וואָרף געגעבען, אַ צווייטען אַ ממזר'שען וואונק מיט איהרע שעהנע אויגעלאַך.

ארויסגעהענדיג פון'ם בופעט איז איהם אַלעס קלאָר געוואָרען. גאַנץ פשוט: ס'שטעהט אַ שעהן מיידעל, דערפאַר געהען דאָ אַריין אַ סך יונגע-לייט טרינקען וואסער. און האָט גלייך אויפ'ן אָרט באַשלאָסען צו עפענען אַ בופעט און האָט זיך געלאָזט געהן אהיים מיט אַ גדולה, ביז אָבער ער איז אהיים געקומען

האָט זיך די גוטע שטימונג זיינע געביטען... עפּעס מיידלאַך אין א בופעט, יונגע לייט,כאָטש ער האָט זיך געפּרואווט איינרעדען, אַז נישט דערפאַר וואָס ער האָט טעכטער וויל ער זיך עפענען א בופעט, נאָר פּשוט... ער האָט שוין גאָר לאַנג דערפון געקלערט... נאָר זיצען?... נו ווער קען זיצען? ער וועט זיצען? דאָס ווייב?... און אַזוי איז שוין נאָך דעם באַשלוס אַוועק א פּאָר טעג, און ער האָט מהאי טעמא ניט געקאָנט זאָגען דאָס, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגען. וואָלט אימיצער א טענה געמאַכט פון דעם הונדערטער, טראַכט ער פּאַרדראָסיג, וואָלט ער באַלד גע־זאָגט, אַז ער האָט באַטראַכט צו עפענען א בופעט; נאָר אויף צו להכעים שווייגען אַלע און אַליין אָנהויבען דערפון קען ער נישט און חוץ דעם דוכט זיך איהם, אַז די טעכטער וועלען זיך אָנ־שטויסען...

ער איז בייז אויף זיך: פאַרוואָס קען ער נישט זאָגען? אָט דוכט זיך זאָגט ער שוין און שווייגט נאָך אַלץ... און אַזוי ווי איהם איז הייס און ער געהט אַפּ מיט שוויים, פעלט איהם איין צו מאַכען א טענה פון דער היץ און ווי אַזוי איהם דאַרשט שטאַרק, אַז ער האָט געמוזט אויסגעבען צוויי קאָפּיקעס אויף וואַסער...

— א מין היץ? — רעדט ער שטיל אַרויס — אין דער ערד אַריין... איך בין שיער פאַרברענט געוואָרען... צוויי קאָפּיקעס אויף וואַסער אויסגעגעבען...

ער בלייבט שטיל, איהם טוט שטאַרק הנאה פון דעם איינ־פאַל. דאָ וועט איהם געוויס געלינגען צו מאַכען א טענה פונ'ם בופעט...

נאָר אַזוי ווי קיינער רופט זיך נישט אָפּ זאָגט ער ווייטער:

— בופעטען... בופעטען מאַכען היינט גוט... א קליינינגקייט אַזאַ מין היץ, איך האָב מיך קוים דערשלאָגען צו א גלאָז וואַ־סער...

ער איז אַנשווייגען געוואָרען און געזעהן, אַז קיינער רופט זיך ניט אָפּ, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— נו, וואָס פאַר אַ פּרנסה קען מען זיך מאַכען אַז ניט קיין בופעט! אַ באַקאַליע־געוועלביל? דאַרף מען אויך האָבען ווי אַם וועניגסטען צוויי הונדערט רובעל. און ווער וויים צו מען וועט לייזען, בופעטען לייזען אַלע... איצט איז די צייט דערפון...

— די בעסטע געשעפטען מאַכען היינט בופעטען!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער צוגעגעבען:

דאָס איז דאָס בעסטע געשעפט, מ'דאַרף אין דעם קיין סך געלד נישט אַריינלעגען.

ער איז אַ ווײַלע שטיל געבליבען און ווידער געזאָגט:

— איך האָב באַטראַכט צו עפענען אַ בופעט.

די לעצטע ווערטער האָבען זיך אָהן זיין ווילען פון זיין מויל אַרויסגעריסען, נאָר פאַרפאַלען.

— איך קלער — האָט ער אָנגעהויבען שטאַמלען — אַז איהר וועט זיין וואוילע און פיינע קינדער, נאָר באַלד פאַרכאַפּט ער זיך: נאָך וואָס זאָגט ער דאָס?...

— וואָס באַלעבאָטשעט ער — האָט זיך דאָס ווייב אָפּגע־רופען, נישט אויפהויבענדיג די אויגען פון דער באַליע אַרויס.

נאָר ער איז שוין אָבער ביי זיך געווען פעסט, אַז די מייד־לאַך פאַרשטעהען איהם.

—דער אויבערשטער קאָן אונז העלפען — האָט ער געזאָגט מיט אַ ווייכען קול — דער אויבערשטער קען אונז העלפען... הא וואָס זאָגט איהר קינדער? . . .

— יאָ, יאָ טאַטע — האָט זיך אָפּגערופען די קלענערע טאָכטער. — איך האָב שוין לאַנג געוואָלט זאָגען...

— נאָר וואָס דען?... — האָט מיכל שטרענג אַ פרעג גע־געבען — און דאָ האָט ער פּלוצים באַמערקט, ווי זי שטעהט אָהן אַ בלוזע, און ווי עס קוקען אַרוים די ווייסע בריסט איהרע פון אויסגעגאָרסירטען העמד... מיכל האָט זיך עפּעס ווי אָהן געדאַנ־קען פאַרטיפט אין דעם און הגם די געדאַנקען זיינע האָבען ניט געהאַט קיין פאָרמע און קיינע געשטאַלטען האָט ער דאָך גע־פיהלט, אַז עפּעס האָט ער וועגען וואָס צו פאַרטראַכטען זיך,

איידער דער באַשלוס פון צו עפענען אַ בופעט ווערט אָנגענומען...
נאָך אַמאָל קוק געטאָן אויף איהר און זייטיג אויף איהרע בריסט,
און דאָס, וואָס ער האָט דאָ ביי דער טאָכטער געזעהן, האָט זיך
איינג צוזאַמענגעבונדען מיט'ן בופעט און מיט די יונגע לייט,
וואָס געהען אַ סך אין יענע בופעטען וואו עס שטעהען מיידלאַך...

— אזוי, האָסט שוין לאַנג געטראַכט דערפון? — האָט ער
מיט באַהאַלטענעם פאַרדרוס און חשד געזאָגט — איך האָב גאָר
ניט געוואוסט, אַזוי?... און זעהסטו, אָט דערפאַר אַליין וועל
איך שוין קיין בופעט ניט עפענען, דו הערסט, ניין! ניטאָ פאַר
דיר קיינע בופעטען!

די האָרבאַטע.

זי האָט שוין פון לעבען נישט געהאלטען, אָבער א מוטער האָט זי געוואָלט זיין...

ביז דרייסיג יאָהר איז זי ביים פענסטער געזעסען און מיט פארטראכטע, אומעדיגע אויגען געקוקט אין דרויסען, און געוואָלט טרעפען: ווער פון דעם המון, וואס ציהט זיך ווי א שטראָם איבער די טראָטוארען, וועט זי נעהמען...

געווים נישט דער, אפילו נישט יענער, דער אָפגעריסענער...

אזוי האָט זי ביי זיך באשלאָסען און אָפגעזיפצט...

זי איז א קאליקע, א האָרב פון פאָרענט און פון הינטען, קליין און דאר.

איינזאם, עלענד האָט זי זיך געפיהלט.

ענדליך האָט זי אָנגעהויבען טראכטען וועגען א קינד. דאס איז ביי איהר געווען די ערשטע פאנטאזיע אין לעבען.

און קלעהרענדיג, ווי די פאנטאזיע אויסצופיהרען, האָט זיך איהר מוח געבראָכען, איהרע גלידער האָבען געצויגען, און די אויגען זיינען געוואָרען אויפגעפלאמט...

און ס'האָט זיך עפּעס געפונען איינער אַזעלכער, וואָס האָט זיך לאַקאָמעט אויף איהרע עטליכע הונדערט רובעל און האָט מיט איהר חתונה געהאָט, אָבער אין א פּאָר חדשים ארום האָט ער זי אוועקגעוואָרפען.

איהר האָט דאס נישט שטארק געארט, זי האָט שוין געפיהלט...

זי האָט ענדליך א טאָכטער געבוירען.

זי האָט צום קינד אָן אָם גענומען, ווייל אליין האָט זי נים

געהאַט מיט וואָס דאָס קינד צו זויגען, און דערצויגען. צום יאָהר איז זי געווען גליקליך, וואָס זי איז פּטור געוואָרען פון דער אַם, ווייל זי האָט די גאַנצע צייט געשפּירט עפּעס אַ מין אייפערזיכ־טיגקייט, וואָס דאָס קינד איהרס האָט געקלעפּט צו דער אַמ׳ס ברוסט.

דעם טאָג, ווען דעם קינד איז צוויי יאָהר געוואָרען, איז ביי איהר געווען אַ גרויסער יום־טוב און דעם זעלבען טאָג ביינאַכט, ווען זי איז איבער׳ן קינד׳ס וויגעלע געזעסען, האָט זי זיך גאָר פּלוצים דערמאָנט, אַז זי איז אַלט געווען צוויי יאָהר, ווען ביי איהר האָט דער האַרב אָנגעהויבען צו וואַקסען.

איהר האָט מיט אַמאָל דאָס האַרץ אַ קלאַפּ געגעבען, און זי איז אַ דערשראָקענע געבליבען זיצען...

אין צימער איז שטיל געווען. דאָס קליינע נאַכט־לעמפּעל מיט׳ן בלויען קלאָש, וועלכעס איז געשטאַנען אויפ׳ן קליי־נעם טישעל נעבען פענסטער, האָט צוגאָסען איבער׳ן צימער אַ בלוי־שוואַכע ליכטיגקייט; אַלעס איז געווען צונויפגעגאָסען אין איין בלויער פארב, אַלעס האָט שטיל זיך אָנגעקוקט מיט די בלויע פּנימ׳ער: די שאַפע, מיט דער עטאַזשערקע, אַ וואַנד מיט אַ וואַנד, דער סופיט מיט דער פּאָדלאָגע. אויף איין וואַנד, נעבען דער טיר, וועלכע פיהרט אין קיך אריין, קוקען זיך אָן אַ ווייסער האַנדטוך מיט אַ שווארצער בלוזע, וואָס די ארבעל זיינען דאָפּעלט לאַנג.

איהר האָט מיט אַמאָל געטריבען אַ חשק, אַ קוק געבען דעם קינד אויף די אַקסלען.

— וואָס וועט טאַקע זיין? — פרעגט זי זיך אַליין, — אַז ביים קינד וועט אויסוואַקסען אַ האָרב? — און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דאָס קינד איז געשמאַק געשלאָפען, האָט זי דאָס פון שלאָף אויפגעריסען און ארויסגענומען פון וויגעלע און צוגעטראָגען צום לעמפּעל, און מיט לויפענדיגע, ברענענדיגע אויגען גענומען באַ־טראַכטען, טאַפּענדיג נערוועאיש מיט די הענט, די אַקסלאַך...

דאָס קינד האָט שטארק געשריען, אָבער איהר האָט דאָס

ניט געריהרט, די האַנט איהרע איז געלאָפּען איבער דער פּלייצע און די אויגען נאָך איהר. אָט, האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז דאָס אקסעלע איז העכער און זיך איינקוקענדיג אינ׳ם צווייטען, האָט זיך איהר אָנגעהויבען דאכטען, אז דאָס צווייטע איז העכער, און די אויגען האָט איהר שטארק אָנגעהויבען שווינדלען. זי איז מיט אמאָל שטעהן געבליבען שוועה אפּאטעמענדיג, אויסדריקענדיג דערביי א מיאוסע גרימאסע, ווי א גוסס, וואָס ציהט אין זיך אריין דעם לעצטען שלונג לופט; דער קאָפּ האָט זיך איהר אָנגעהויבען דרעהען, צוזאמען מיט׳ן גאנצען צימער, די אויגען זיינען ביי איהר מאָדנע גרויס און קיילעכדיג געוואָרען, א פּאָר מינוט זיינען זיי געשטאַנען און ווילד געקוקט אין איין פּינטעל אריין.

ענדליך איז זי צו זיך געקומען. זי האָט אוועקגעשטעלט דעם פוס אויף א בענקעל און דאָס קינד ארויפגעלעגט אויף די קניע מיט דער פּלייצקע ארויף, און פון דאָס ניי גענומען באַטראַכטען, אָבער דאָס מאָל ניט געכאַפּט, נאָר פּאַמעלאך געטאַפּט, און ס׳האָט זיך איהר געדאכט, אז זי האָט אָנגעטאַפּט...

זי האָט נערוועאיש גענומען בייסען דעם נאָגעל פון דעם מינדסטען פינגער, און אויפגעהערט ערשט דאַן, ווען זי האָט דערפיהלט א שטארקען וועהטאָג. זי האָט א ברענענדיגען קוק געוואָרפען אויפ׳ן קינד, וועלכעס האָט ווי אויף צו להכעים ניט אויפגעהערט גוואַלדעווען.

„א האָרבאַטע״, — האָט זיך ביי איהר, ווי א שטורם, געגעבען א טראָג אין קאָפּ און דאָס הארץ האָט ביי איהר אָנגעהויבען גיך, נאָר שווער, צו קלאַפּען. די אויגען זיינען ביי איהר געוואָרען מיט בלוט פארגאָסען...

און שפּעטער א ווײלע איז זי מיט צוויי פעסט־איינגעשרימפּענע פויסטען אָנגעפאַלען אויפ׳ן קינד און דאָס אָנגעהויבען צו שלאָגען אין פּנים, אין בויך, אין די זייטען, וואו זי האָט נאָר געטראָפען. און מעהר האָט זי געשלאָגען אויף דעם אקסעלע, וואו עס האָט זיך איהר אויסגעזעהן, אז עס וואַקסט דער האָרב.

אַ שטוב.

אַלע פריהמאָרגען געהט דאָרטען די שטוב אויף רעדער. מ'שלאָפט ביז דער לעצטער מינוט און, אז מ'שטעהט אויף, האָט מען שוין קיין צייט ניט און עס ווערט אַ איילעניש, אַ יאָגעניש און אַ כאַפעניש. דערצו טרעפט עס זעהר אָפט, אַז די מיידלאַך פאַרבייטען זיך מיט די בלוזקעס, און אַמאָל פעהלט איינער אַ זאָק; און לייזער, דער איינציגער זוהן, ברודער און בחור אין שטוב, זוכט דעם גאַרטעל פון די הויזען; און דער אַלטער, דער פאָטער, דער מאַן און בעל הבית פון דער שטוב זוכט דעם טלית און תפילין ערגעץ ביי די מיידלאַך אין די בעטען; און די אַלטע, ־עם אַלטענ'ס ווייב, די קינדער'ס מוטער און די בעל הבית'טע פון שטוב, זוכט אַלע זאַכען וואָס אַלעמען פעהלט און וואָס אַלע זוכען. און אַז גאָט העלפט, אַז יעדער האָט שוין וואָס איהם האָט געפעהלט, ווערט ערשט דערנאָכדעם אַ גערודער, וואָס דערגעהט ניט זעלטען צו אַ געשלעג אפילו איבער'ן קראַן, וואָס יעדער וויל פריהער פאַר זיך צו פאַרכאַפּען אָפּצוואַוואשען זיך. דערווייל ווערט אַ כלאָפּעריי. שרייט די אַלטע וואָס מ'מאַכט אַ ליאַפּ, שרייט אויף איהר דער אַלטער וואָס זי ליאַרעמט, בייזערט זיך דער זון זייערער וואָס זיי „זשומען", שרייען די טעכטער ס'זאָל זיין שטיל און אזוי דערגעהט עס אַמאָל ביז אַ מלחמה, איינער כאַפּט אַ קישען, אַ צווייטער אַ בענקעל און ס'געהט אַ קלאַפּעריי פון בענקעל אין קישען אריין, און פון קישען אין בענקעל אריין, און ס'איז ליהודים, איינמאָל פרעהליך!

אַכט אַזייגער בלייבט אַלע מאָל די שטוב ליידיג, די געלע־גערס וואָס שפּאַרען אָן אין אַלע ווינקלען שטוב בלייבען ליגען אין אַ כאַאָטישען צושטאַנד. און אַזאַ פּנים האָט די קיך וואו עס

בלייבט פון וועטשערע דאָס געפעס ניט איבערגעוואַשען, כאָטש עס ווערט אפילו גערעדט אַלע אָוועַנד נאָך וועשערטע וועגען איבערוואַשען דאָס געפעס. יעדער פאַר זיך פאַרשטעהט זעהר גוט, אַז די אַרבייט דאַרף מען טאָן, אָבער יעדע איינע פאַרשטעהט ווידער, אַז דאָס באַדאַרף טאָן אַ צווייטע פּערזאָן און יעדע פּער־זאָן טענה'ט פאַר זיך און בלייבט גערעכט, אַז די פּערזאָן וואָס טענה'ט קען עס ניט טאָן. די אַלטע זאָגט, אַז זי איז אַן אַלט מענש, מעגען זי די קינדער פּאַשאַנעווען, זי האָרעוועט אַ גאַנ־צען טאָג מיט'ן ביטערען שוויים, ווערט „פאַרסאַכנעט“ און פאַר־ברענט (זומער), ווערט איבערגעקאַליעט און געגרפּרווירען (ווינ־טער). זאָגט זעלדע, די עלטסטע טאָכטער, אַז זיצען און אָפּזיצען צוועלף דרייצעהן שעה און זיך ברעכען דעם רוקען איז פיל ערגער און שווערער... טענה'ט לאה, די איינגערע, אַז שטעהן אַ גאַנצען טאָג אויף די פיס איז הונדערט מאָל ערגער ווי זיצען. פאַלט שוין דער גורל אויף קריינצען, קריינצע זאָל איבערוואַשען דאָס געפעס, ווארפט זיך קריינצע אויך אָפּ פון דער אַרבייט. ווען זיי וואָלטען געוואוסט, ווי די מאַדיסטקע יאָגט זי אַרום גאַנצע טעג. און ס'איז נאָך ערגער ווי דער מאַמע'ס אַרומגעהן מיט'ן קאָשיק, ווי זעלדע'ס זיצען און לאה'צעס שטעהן, טייערע מיצאָצע! טענה'ט זי. זי וואָלט בעסער געזעסען גאַנצע טעג ווי זעלדע זיצט, אָדער זי וואָלט פּופּצעהן שעה געשטאַנען, אבי מ'זאָל זי ניט אַרומטרייבען ווי אַ הונט גאַנצע טעג. און אַזוי בלייבט יעדע איינע פאַר זיך גערעכט, און דאָס געפעס בלייבט ניט איבערגעוואַשען און ס'שטעהט אַזוי לאַנג ביז מ'דאַרף אַ צווייטען מאָל קאָכען וועטשערע, און אַזוי ווי קאָכען קאָכט די אַלטע, און זי דאַרף נעבאַך האָבען די טעפּלאַך, פאַלט נעבאַך דער גורל אויף איהר, אַבי זי „האָפּקעט“ זיך אָן אומזיסט און אומנישט.

— כדאַי! — רעדט זי איין זיך אַריין. (זי מיינט, אַז עס איז ניט כדאַי קינדער אויף דער וועלט צו ברענגען).

נאָך וועטשערע צוגעהען זיך די קינדער און פאַרברענגען זיך יעדער אויף זיין אופן. די אַלטע האַלט אפילו אָן אויג אויף די על־

טערע צוויי, כאָטש זיי געהען און פרעגען ביי איהר קיינמאָל ניט: צי געהן, צי ניט, ווייל מיידלאך וואָס פאַרדינען און מאַכען זיך א לעבען פון זייערע פאַרדינסטען, פרעגען ניט קיין דעות ביי א מאַמען: יאָ צוגעהן, צי ניט. אַגב טראַכט אליין די אַלטע, אז וואָס וועלען זיי טאָן אין שטוב, וואָס? איין באַגעהר האָט די אַלטע, אז גאָט דער לעבעדיגער זאָל זיי געבען שכל, די טעכטער, אז זיי זאָלען וויסען ווי זיך אויפצופיהרען... און אפשר האָבען זיי טאַקע שכל. דאַכט זיך איהר, אז זיי וועלען זיך ניט לאָזען פאַרנאַרען... ס'ווילט זיך גלויבען, אז ניט. און ווייטער וואָס קען זי וויסען: אפשר איז דאָרטען איינער און א צווייטער מיט וועמען די טעכטער געהען (מסתמא, וואָס דען־זשע, אליין דרעהען זיי זיך ארום?) נאָך קליגער פון זיי, די טעכטער, און... זי זאָל עס בעסער ניט דערלעבען, גאָט שטאַרקער... פאַרקעהרט, זי טראַכט, האָפט און גלויבט, אז אָט־אָט א ליאַדען טאָג וועט איינע אָדער א צווייטע אָדער גאָר ביידע מיט אמאָל אַראָפּקומען מיט צוויי בחורים און זיי פאָרשטעלען פאַר דער מאַמען: אָט דאָס, מאַמע, איז מיין חתן, וועט זאָגען איינע. און די צווייטע וועט אזוי אָדער אנדערש זאָגען, און ס'וועט אויך מיינען דאָס זעלבע.

נאָר דער אַלטער לעבט שוין פאַר זיך, ווי א איד אזעלכער, וואָס האָט שוין אַראָפּגעוואָרפען דעם עול פון צו שפּייזען ווייב און קינדער, און טוט עפּעס דאָרטען אין גאַס און „מאַכט פאַר זיך שבת". דאָס הייסט, אז ער איז אין שטוב און לעבט אויפ'ן אייגענעם רעכנונג פון זיינע פאַרדינסטען און ווייב און קינדער געהען איהם גאָרניט אָן... אז זי, די אַלטע, רעדט אין איהם אריין, הערט ער זי אויס און העלפט איהר מיט א קרעכץ, וואַרפט גלייך נאָך ווערטערע, אַראָפּ די שטיוועל, לייגט זיך אריין אין בעט און ווערט גאַנץ געשמאַק אנשלאָפען און די אַלטע, נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעטאָן די שטוביגע ארבייט, פאַרנעמט זיך ערשט אויסצוסאָרטירען די אייער, וואָס זיינען איהר געבליבען נאָכ'ן מסחר און די נייע סחורה ווידער, וואָס זי האָט שוין צוגעגרייט אויף מאָרגען, אַרויסצוטראָגען אין מאַרק אריין, איז גוט, אז זי בלייבט אליין, טוט זי אומגע־

שטערט די ארבייט איהרע. איז אָבער שלעכט, אז די קליינע, די קלענסטע, ביי פערצעהן יאָהר אַלט, בלייבט איבער אין שטוב חזר'ן די אוראָקען איהרע, וואָס לייזער דער ברודער פארגיט איהר און צווינגט איהר זי זאָל לערנען. זי מוז קענען די „אזבוקע", זאָגט ער. יאָ, ס'איז זעהר פיין און גוט פון לייזער'ן און זעהר לייטיש פון דער קליינער, וואָס נאָכ'ן טאָג ארבייט, זיצט עס ביים טיש, נאָר פארוואָס מוז זי דוקא שרייען און חזר'ן אויף א קול?

— א, בע, גע, דע.

זי שטערט דער אַלטער אויסצוסאָרטירען די סחורה איהרע. זי פאַרפּלאָנטערט איהר דאָס צעהלען.

— אָט האָסטו איין צעהנדליג... פינף... און דאָס וואָס איז? זי גיט עס א טרייסעל אנטקעגען פייער און הערט ווי ס'בויטעט זיך. — אזא יאָהר אויף איהר דאַרטען מיט איהר סחורה, אָט האָסטו מיינע רוחים...

— א, בע, גע, דע.

— קריינצע! זעהסט, זי האָט מיך שוין פארפּלאָנטערט, אַז פארפּלאָנטערט זאָלען מיינע שונאים ווערען... צוויי צעהנדליג, א האַלב צעהנדליג...

— דע, יע, זשע.

די קליינע חזר'ט אזוי לאַנג, ביז די בוכשטאַבען פארלירען ביי איהר יעדע באַדייטונג פון צופיל חזר'ן און ווערט אזוי אנדרימעלט מיט'ן קאָפּ און מיט'ן פּנים אויפ'ן ביכעל. און אין איהר פאַר־שלאָפענעם מוח שטעלען זיך אוים די בוכשטאַבען אין אומפאַר־שטענדליכע ווערטער:

„בעק מעיעזש דע".

דערשרעקט זיך פאַר די אונזיניגע ווערטער, כאַפּט זיך אויף און פארנעהמט זיך ווידער צום חזר'ן און גראַד מיט מעהר לוסט,

— א, בע, גע, דע, יע, זשע, זע...

* * *

געלעבט אינאיינעם, אין איין שטוב, יעדער פאַר זיך, האָט זיך יעדער געהאַט זיינע פאַנטאַזיעס, און געלעבט אין א באַזונדער וועל־

טעל. דער אַלטער זיצענדיג אָדער ארומדרעהענדיג זיך אין דרוי־סען אין וועגעל, אָדער ביים וועגעל, האָט ווינטער געטראכט, אז ס'איז קאַלט און זיך געמאַלט די היים מיט'ן הייסען סוף, וואָס ער וועט אין דער היים עסען. די אַלטע האָט געהאט איין באַגעהר צו בלייבען ביי וואָס ווינציגער סחורה און וואָס מעהר פדיון. די עלט־סטע טאָכטער האָט געטראכט וועגען חתונה האָבען און וועגען זיין ביי זיך א בעל־הבית'טע, פון קאָכען און פון עסען ווען און וואָס זי וועט וועלען. די אינגערע האָט פאַנטאזירט, אז מ'וועט זיך אין איהר פאַרליבען און דער וואָס וועט זיך אין איהר פאַרליבען וועט דוקא זיין א רייכער מאַן, ווי אזוי זי וועט געהן שעהן אָנגעטאָן, און נאָך און נאָך אזעלכע וואוילע און גוטע זאכען. און דער בחור, לייזער, וואָס האָט געארבייט ביי א טאָקער, האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי ער וועט אמאָל ווערען „מייסטער" פאַר זיך, ווי אזוי אין דרויסען וועט ביי איהם הענגען א שילד, וואו עס וועט שטעהן אָנגעשריבען: „סטאָליארנאיא מאסטערסקאיא לאזאר יוכעלניקי". און די קלענ־סטע, זי האָט נאָר גאָט געבעטען, אז גאָט זאָל צושיקען דער מאַ־דיסטקע איהרע רייכע קונדען און זי זאָל קענען כאפען עטליכע קאָפּיקעס אויף טיי.

* * *

שבת נאָכ'ן עסען איז דאָס אַלטע פּאָר פּאָלק געבליבען אַליין און איינזאַם, ווי זיי וואָלטען גאָר קיינמאָל קיין קינדער ניט געהאַט.

האָט אברהם אראָפּגעוואָרפען די גרויסע שטיוועל און האָט זיך מיט די באָרוויסע בלאָטיג־שווייסיגע פיס אויסגעצויגען אין בעט; ביילע האָט זיך געלעגט אנטקעגען אין בעט. ביידע האָ־בען זיך פארקוקט אויף דער סטעליע און זיך פארטראכט. און פארטראכטערהייד האָבען ביידע, ווי די עופות, צוגעמאכט די אוי־גען און ביידע זיינען אנשלאָפען געוואָרען.

און נאָכ'ן שלאָפען איז זיי שטארק ניט גוט געווען אויף די הערצער. ריכטיג, ווי עס פאָהרען אוועק גוטע און רייכע קרובים... עטליכע מינוט ליגט מען שטיל. נאָכדעם דרעהען זיי זיך אוים מיט די פנים'ער איינער צום אנדערען. ער פארבלאָנדזשעט אויף איהר בית א קוק, און זי אויף איהם, און ביידע וואַרפען זיך איבער מיט

זיפצען. דערנאָך מיט איינציגע ווערטער. און די איינציגע ווער־טער ווערען וואָס אמאָל געדיכטער, ביז עס פלעכט זיך אויס א שמועס. איינמאָל האָבען זיך ביידע אזוי צערעדט און ס'איז ביי זיי אוועק אזא שמועס:

— ביילע! — איך קלער דאָס... הערסטו, ווי דער קבצן...

— די חברה... וואָס מיינסטו וואָס פאַר די...

— א דאָס א שטייגער אָ דאָס געלד, וואָס איך גיב אוועק פראָקאָט פאַר'ן ווענעלע...

— פאַר די דריי קאָפּיקעס, וואָס איך גיב זיי אַלעמען מיט...

— 10 קאָפּיקעס א טאָג, באַרעכען... רעכען אויס, ס'איז 3 קאַרבען א חודש.

— וואָלט מען געקאָנט אָפּקאָכען א טייערע זופּ...

— אין 3 חדשים וואָלט איך געהאַט א ווענעלע...

— אַלע זאָלען זופּען...

— נאָך וואָס א ווענעלע...

— אזוי טריקענט מען א גאַנצען טאָג...

— מען ווערט פאַרטריקענט — האָט דער אַלטער געזאָגט כאַ־פּענדיג איהר וואָרט „טריקענט”. און דער שמועס איז אויף עט־ליכע מינוט איבערגעהאַקט געוואָרען, און ביידע האָבען זיך פאַר־טראַכט דעריבער, וואָס זיי טריקענען.

צולעצט האָט זיך פאַרבונדען א שמועס וועגען די קינדער:

— מיידלאַך וואָס דאַרפען קומען צו לייטען, — האָט ביילע גע'טענה'ט — איך אין דער עלטערער'ס יאָהרען האָב שוין 5 יאָהר חתונה געהאַט און האָב שוין געהאַט א זוהן.

דערווייל האָט זי זיך דערמאָנט, אז דער זוהן איז מיט 3 יאָהר צוריק געשטאָרבען.

— אזא יונגער בוים, וואונד איז דער מאמען! אזא מין לויטערע צורה דאַרף ליגען אין דער ערד...

וואָלט דען ניט גלייכער געווען, איך זאָל ליגען אין דער ערד? ... וואָס בין איך, מ'שטיינס געזאָגט, אן אַלטער צובראָ־כענער שאַרבען...

דער אַלטער האָט געקוקט מיט גלעזערנע אויגען צו דער סטעליע, און פאר זיינע אויגען איז אויסגעוואקסען דער גע־שטאָרבענער זוהן און זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דעם זוהנ'ס נשמה געהט אַרום אויף די שפּיץ פינגער און הערט זיך איין אין זייערע רייד וואָס זיי רעדען, און ער איז אנשווייגען געוואָרען און אַזוי לאַנג געשוויגען ביז דער טאָג האָט זיך אַרויסגע'גנב'עט און די נאַכט איז צוגעפאַלען.

— פינסטער — האָט זיך דערהערט ביילע'ס קול.

— פינסטער — האָט געענטפערט דער אַלטער.

— מ'דאַרף זאָגען „גאָט פון אברהם" זאָגט ביילע.

— און איך האָב נאָך קיין מנחה ניט געדאַוונט — האָט אברהם טרויעריג געענטפערט.

און ביידע זיינען אויפגעשטאַנען פון די געלעגערס, זיך גע־צויגען און געגענעצט.

— ס'איז מיר עפּעס ניט גוט... — האָט ביילע געזאָגט.

— מיר אויכ'עט — האָט אברהם געענטפערט.

עס הערט זיך אַ שטאַרקער גענעץ.

— גאָ־ט פון אברהם, פון יצחק, און פון יעקב —

און ווי אַ ווידער־קול האָט אברהם געענטפערט: „אשרי יושבי ביתך עוד"...

— אַ גוטע וואָך! — האָט ביילע געזאָגט.

— אַ גוטע וואָך! — האָט אברהם געענטפערט.

אַ מינוט שטיל.

— וועסט זיין אין שטוב? — האָט ביילע געפרעגט אַנטו־ענדיג די שאַל.

— איך וועל אריינגעהן צום שכן — האָט אברהם געענט־פערט מיט אַ שטילען אומעט.

— און איך געה אריין צו דער שכנה — האָט ביילע געזאָגט.

זי האָט אויסגעלאָשען דאָס לעמפּעל און ביידע זיינען אַרויס פון שטוב מיט שטילקייט און מיט אומעט, ווי אַלטע בעזדיטני־קעס, וואָס האָבען קיינמאָל קיין קינדער ניט געהאַט.

אַ ביטערע עלטער.

„וואסקע" איז שוין עטליכע יאָהר ביי זיידמאַנען אין שטוב. זי האָט זיך דאָרטען אויסגעהאָרעוועט. היינט איז זי אַן אַלטע קאַץ, האַלט אין איין שלאָפען: ווינטער נעבען דעם אויוועז און זומער אויפ'ן פענסטער.

אַליין איז זי אַ שוואַרצע מיט אַ פּאָר גרויסע ליכטיגע אויגען אינמיטען מיט שוואַרצע פּאַסיקלאַך, גרויסע וואָנצען; גערט פּאַ־מעלאַך צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. קיין מייז כאַפּט זי שוין ניט, זי איז יוצא מיט אַ קוק אויף אַ קלעצעלע פּאָדים, וואָס קייקעלט זיך איבער דער פּאָדלאָגע; נאַשט ניט אפילו ווען דאָס פליש ליגט אויפ'ן זאַלץ־ברעטעל, געהט אין ערגעץ ניט, און האָט מיט קיין שום קעץ קיין משא ומתן.

אַז זי דערהערט, מען עסט, הויבט זי זיך אויף, ציהט פריהער אויס די פּאָדערשטע פיסלאַך, דערנאָך די הינטערשטע, האָרבעט זיך אויס, גענעצט אָפּ, און כאַפּט אַ קוק צום טיש. געהט זי צו צום בעל־הבית אָדער צו דער בעל־הבית'טעס פיס, גיט אַ רייב דעם קאָפּ, ריהרט פּאַמעלאַך מיט'ן עק און קוקט אַרויף מען זאָל איהר עפּעס געבען, איז אַז מען וואַרפט איהר עפּעס אַראָפּ, זעצט זי זיך פּאַמעלאַך, נעמט עסען, דרעהט דעם קאָפּ אין איין זייט, און דער צווייטער, און גיט אַ שלינג אויסציהענדיג דעם האַלז.

נאָכ'ן עסען, געהט זי ווידער שלאָפען, און נאָכ'ן שלאָפען וואַשט זי זיך אַרום געהט זיך דורך דער שטוב און געהענדיג כאַפּט זי אַמאָל אַ קוק הינטער דער שאַפע, אַ שמעק אין אַ שפּאַלט אַזוי זיך פון רגילות, מיינט חלילה ניט דאָרטען קיין מייז צו כאַפּען, און אפילו ביינאַכט, ווען זי הערט ווי עס קומט פּאָר אונטער'ן

פאַרלאָגע אַ גאַנצע מלחמה, ליגט זי זיך גאַנץ רוהיג אויף איהר געלעגער, הערט זיך נאָר איין און וואַרפט מיט די אויערען.

איין מאָל ווינטער, ווען זי איז געשלאָפען נאָך אַ זאַטען וואַרמעס, האָט זי דערפיהלט ניט קיין אַנגענעמענעם ריח און דער־הערט מאָדנע טריט אין שטוב. זי האָט אָנגעהויבען וואַרפען מיט די אויערען שטאַרק פאַראינטערעסירט און געעפענט די אויגען, האָט זי צו איהר גרויס פאַרוואונדערונג באַמערקט אַ פּאָר הינטישע אויגען. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען זיך איינקוקען אין דעם גאַסט, וועלכען זי האָט פון אייביג אָן פיינט.

אַ שלעכטע עלטער איז געקומען אויף „וואַסקע׳ן": וואַרפט מען עפּעס אַראָפּ אונטערען טיש כאַפּט דאַס באַביק אוים, ליגט זי לעבען דעם אויוועו באַלייגט ער זיך אויך לעבען איהר, און וואו זי געהט נאָר, באַלד איז ער נאָך איהר: קאַטשעט זיך אויפ׳ן רוקען און קלאַפּט איהר מיט די פאָדערשטע לאַפּקעס, און זי מיידט איהם אוים. ער וויל זיך דוקא מיט איהר אונטערשפּילען, נאָר זי ענטפערט איהם מיט אַ בייזען קוק און שפּאַנט זיך פּאַמעלאַך אַוועק, קוקענדיג דאָ אין איין זייט, דאָ אין אַ צווייטער.

אָט אַזוי איז זי תמיד נע ונד. ער טרייבט איהר פון איין אָרט אויפ׳ן אַנדערען. דעם ביסען פון מויל רייסט ער איהר אַרויס, אפילו שלאָפען רוהיג לאָזט ער איהר אויך נישט.

איינמאָל האָט זיך „וואַסקע" שטאַרק פאַרבענקט נאָך אַ שטי־קעל פלייש. זי איז אַריין אין קיך און דערזעהן עס ליגט פלייש אויפ׳ן זאַלץ־ברעטעל. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, דערנאָך צוגע־גאַנגען, אַרויפגעשטעלט די פאָדערשטע לאַפּקעס אויפ׳ן ברעטעל, אַרומגעשמעקט, נאָכדעם האָט זי אַריינגענומען אַ שטיק פלייש אין מויל און זיך געלאָזט לויפען אונטערען בעט, און גראַד טרעפט זי זיך אויפ׳ן וועג מיט באַביק׳ען. באַביק איז מלא רציחה געוואָרען, האָט זיך אַ וואָרף געגעבען אויף איהר מיט אַ האווקעריי, און זי איז געבליבען שטעהן מיט דעם שטיק פלייש אין מויל און געוואָר־טשעט, געריבען מיט׳ן אָנגעבלאָזען עק אָן דער פּאָדלאָגע; ביידע קוקען זיך אָן מיט אַ שרעקליכער שנאה. זי שטעלט זיך אין סכנה

און פּרואווט געהן, נאָר באַביק גיט זיך ווידער אויף איהר אַ וואָרף מיט אַ בייזען שטעל אַרוים די פאַדערשטע לאַפּעס, ציהט אוים צו איהר די מאָרדע און שפּירט נאָך איהר יעדע באַוועגונג; זיי שטעהען אַזוי אַ פּאָר מינוט און קוקען זיך איינער דעם צווייטען גלייך אין די אויגען אַריין גרייט אויסצושיסען.

פון דעמאָלט אָן איז ביי זיי די שנאה געוואָרען גרעסער; באַביק האָט זי געיאָגט פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען; וואַסקע איז געוואָרען איינגעדאַרט ווי נאָך אַ קימפּעט, זי האָט זיך גע־דרעהט אין קיך, געריבען זיך אין דער דינסט גלייך ווי זי וואָלט ביי איהר געבעטען מחילה אויף איהרע זינד, נאָר יענע האָט זי געטריבען פון זיך אַפּטער, אָנגערייצט באַביק'ען אויף איהר און זי איז ווי משוגע אַרומגעלאָפען איבער דער שטוב, געשפּרונגען אויף בענקלאַך, אויף די פענסטער, אויפ'ן טיש, אָבער מען האָט זי פון דאָרטען אַראָפּגעטריבען און זי איז ווידער אַריינגעפאַלען צו באַ־ביק'ען. און אַלע: דער בעל־הבית, די בעל־הבית'טע מיט די קינ־דער האָבען זיך אָוועקגעשטעלט און שטאַרק הנאה געהאַט ווי די צוויי „חברה" האַלטען מלחמה: וואַסקע גיט אַלע מאָל אַ פּאַרסקע מיט אַ ווילדער בייזקייט, אויסגעצויגען אַ לאַפּקעלע מיט אַרויס־געלאָזטע נעגעל, גרייט אויף צודראַפּען, און באַביק קוקט איהר גלייך אין די אויגען אַריין, שטשערעט די ציינער, דרעהט מיט'ן עק, און דאָס געדויערט בלויז, ביז מען זאָגט איהר „באַביק וואָזמי" דעמאָלט גיט ער זיך שוין אַ וואָרף אויף איהר, גיט אַ ביס און שפּרינגט באַלד אָפּ, וואַרפט זיך אין אַ צווייטער זייט און זי ליגט איבערגעקערט און וואַרפט מיט די פיסלאַך מיט אַרויסגעלאָזטע נעגעל.

וואַסקע איז אין דער צייט פאַרגאַנגען אין טראָגען, און אַז עס איז געקומען די צייט, וואָס זי האָט זיך באַדאַרפט אָפּקעצלען, האָט זי אָנגעהויבען זוכען אַן אָרט באַביק זאָל איהר ניט געפינען, און ווען די בעל הבית'טע האָט געעפענט די שאַפע האָט זי זיך אַריינגעגנב'עט און מיט מורא, מיט פחד זיך אָפּגעקעצעלט. באַ־ביק האָט אָבער דערשמעקט, ער האָט זיך אַרויפגעשטעלט מיט די

צוויי פאָדערשטע לאַפּעס און אָנגעהויבען האָווקען אויף די טיר־לאָך, די בעל־הבית'טע האָט געעפענט די שאַפע און דערזעהן, ווי עס וואַרפען זיך קליינע, בלינדע קעצעלאַך, הויבען די קעפּעלאַך און קוויטשען. זי איז אָפּגעשפּרונגען מיט אַ קוויטש און באַביק איז אַריינגעשפּרונגען מיט אַ ביל, אָבער די קאַץ האָט זיך געשטעלט אַנטקעגען און ניט צוגעלאָזט צו די קעצעלאַך. ענדליך איז מיט אַ גרולה אַריינגעשפּרונגען די דינסט מיט אַ שמאַטע אין די הענט, נאָך איהר צוויי קליינע קינדער דער בעל הבית'טעס, זי האָט אָפּ־געטריבען באַביק'ען, פאַרנומען די קעצעלאַך אין דער שמאַטע, נאָך איהר איז געגאַנגען די בעל־הבית'טע און געקרימט זיך, די קינדער האָבען געוויינט און געבעטען מען זאָל איבערלאָזען די קע־צעלאַך; באַביק איז געגאַנגען פון איין זייט, געשפּרונגען, געוואָלט כאַפּען די שמאַטע; די קאַץ פון דער צווייטער זייט האָט טרויעריג געקוקט, גלאַנצענדיג די אויגען מיט געבעט, מען זאָל זיי איהר אָפּגעבען.

ענדליך זיינען זיי אַלע צוגעקומען צום מיסט־קאַסטען. די דינסט האָט זיי אויסגעשאָטען, און די קאַץ איז באַלד אַריינגע־שפּרונגען צו זיי, און ווען אַלע זיינען שוין אַוועקגעגאַנגען איז נאָך באַביק אַ פּאָר מינוט געשטאַנען און געקוקט אויפ'ן קאַסטען און דערנאָך זיך געגעבען אַ וואָרף און אַ לעק געגעבען דער בעל־הבית'טעס האַנט גלייך, ווי ער וואָלט איהר געדאַנקט, וואָס ער איז פּטור געוואָרען פון דעם שונא. אויף מאָרגען, ווען דער סמטעניק־גוי האָט פאַרנומען דאָס מיסט, האָט ער די קעצעלאַך אויך פאַר־נומען.

פון דעמאָלט אָן קומט שוין וואַסקע קיינמאָל ניט אַריין אין שטוב; זי שטעלט זיך אָפּטער אַווקע אַנטקעגען די טיר, שטעהט אַ צעהן מינוט און קוקט טרויעריג פאַרטראַכט...

פון שרעק.

אברהם משה איז שבת געגאנגען פון שוהל זעהר אויפגע־לייגט און געהאט גרויס פארגעניגען, הערענדיג, ווי אידען און ווייבער, וואס זיינען געגאנגען הינטער איהם, פון פארענט און ביי די זייטען, האבען גערעדט און געלויבט זיין הייגטיגען דאווגען און, אריינקומענדיג אין שטוב, האב ער צו דער שטוב, צו די ווענט, געזאגט א הויכען „גוט־שבת" און א פאטש געטאן איין האנד אן דער צווייטער און גענומען זאגען זמירות מיט א געזאנג.

לאה, די ווייב זיינע, וואס איז געקומען פון שוהל מיט א ווײלע שפעטער פון איהם, האט האסטיג אראפגעווארפען פון זיך דעם שבת'דיגען בורנעס מיט די שווארצע קנעפ און האט א צופרידענע און א גליקליכע פון די פילע שבחים, וואס זי האט געהערט זיך שיטען אויפ'ן מאנ'ס קאפ, גיך און פלינק געעפענט דאס טשאלענט־ברעטעל און א געבעט איז ביי איהר אויפ'ן הארצען געלעגען אויסגעגאסען, אז דער טשאלענט זאל זיין זעהר געראטען. אין דעם מאמענט איז אריינגעלאפען די צוועלף־יאהריגע מיידעלע זייערע מיט'ן צוויי־יאהריגען אינגעלע, וועלכען זי האט אויף די הענד געהאלטען. זי איז גלייך צוגעלאפען צו דער מוטער און איהר אריינגערוימט אין אויער אריין:

— אוי, מאמע, איך האב געהערט, אז אלע זאגען, אז דער טאטע האט היינט אזוי גוט געדאווענט!

נאכ'ן עסען האט לאה פארהאנגען ביידע פענסטער, איינס מיט א שאל, דאס צווייטע מיט א טישטוך, נאכהער האט זי צורווארפען די בעט, וועלכע איז געווען הויך פארבעט מיט בעט־געוואנד, פון אויבען, אויף דער קאלדרע, ארויפגעלעגט א קישען און א ווייכען קוק געגעבען אויף איהם, אברהם משה'ן, ער זאל געהן זיך

ליגען. אברהם משה האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאַפּאָטע, די שיך, און זיך אַריינגעלעגט אין בעט אַריין; נאָך אים לאה — אין צווייטען.

דאָס מיידעל איז אַוועקגעגאַנגען, נאָר דאָס קליינע אינגעלע איז געבליבען. ער האָט זיך באַלייגט מיט'ן טאַטען אין בעט און זיך פאַרנומען שפּילען מיט'ן פאַטער'ס באָרד און וואָנצעס. אברהם משה אליין איז געלעגען אין רחבות פון גייסטיגען פאַרגעניגען און טאַקע באמת געפיהלט דעם תענוג פון דער נשמה־יתירה... טאַקע ווי עפּעס א נייע נשמה וואָלט איהם צוגעקומען, און כמעט ווי ניט געפיהלט, ווי דאָס קינד שפּילט זיך מיט זיין באָרד און וואָנצעס און זיך גאָר פאַראינטערעסירט אין דעם געזאַנג פון א פליג, וואָס האָט ערגעץ דאָ און דאָרט געזונגען. דאָס געזאַנג האָט געוואַנדערט פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען און צוזאַמען מיט'ן געזאַנג פון דער זאַטער שבת'דיגער פליג האָט ער געטראַכט פון זיין היינטיגען ראש חודש בענשען און אזוי אַריינטראַכטענדיג זיך האָט ער זיך אַרויסגעשלאָגען פון שלאָף און איז אַריבער מיט די געדאַנקען אויף יאָהרען און יאָהרען צוריק; ער האָט זיך דערמאָנט, דאָס ווען ער איז נאָך גאָר א קליינינקער געווען פלעגט ער זינגען ביים שלש סעודות אין שול, מיט א דין קול'כעל האָט ער געזונגען. זיין קול'כעל האָט זיך געהערט מעהרער פון אַלעמענס. נאָכדעם האָט מען איהם צוגענומען אַלס אַן אונטער־העלפער אויף ימים־נוראים. פינף רובעל האָט ער גענומען, געדענקט ער, און פּלוצלונג איז פון ערגעץ א חזן אַראָפּגעפאַלען, א חזן מיט משוררים'לאַך... טלתים'לאַך קליינינקע, יאַרמעלקאַלאַך אַכט־עקיגע. ער האָט זיי שטאַרק מקנא געווען. ער האָט זיך צוגעשאַרט צו איין זינגערל, האָט מיט איהם א שמועס פאַרפיהרט... נאָכדעם, געדענקט ער, איז צו איהם צוגעגאַנגען דער חזן, האָט איהם געגעבען א קניפּ אין בעקעל און דאָ האָט ער שוין מיט'ן חזן גערעדט. יענער האָט איהם אויסגעפרעגט און ער האָט געענטפערט... שבת צו נאַכט איז ער שוין ביים חזן אויף דער סטאַנציע געווען. ער האָט איהם פאַרהערט: און אַלט האָט ער... דער חזן רעדט שוין אָפּ מיט איהם ער זאָל מיטפאָהרען. ער לויפט

מיט א גדולה אהיים, דערצעהלט דאס דער מאמען; זי וויינט, און זונטאג אויף דער נאכט האט ער זיך גענומען פאקעווען. די מאמע שפאלט א חלה אויף צווייען, שמירט מיט פוטער. דער טאטע גיט איהם מיט א האלב פעקעל טאבאק מיט צוויי ביכעלאך פאפיראס־פאפיר, און מאנטאג אין דער פריה — ער פאהרט שוין.

ווי לאנג ערשט איז דאס געווען, און איצט איז ער שוין אליין א חזן און זיך ווידער דערמאנט אן זיין היינטיגען דאווגען, האט זיך איהם א גליקליך שמייכעלע איבער'ן פנים צוגאסען און געהאט איין באגעהר — די וואך זאל וואס גיכער איבערפליהען און אז ער זאל שוין ווידער שטעהן ביים עמוד. ער איז געווען זיכער, אז איבער אכטאג שבת וועט ער נאך שעהנער דאווגען און אריינטיפענדיג זיך אין דעם. האבען זיך דארטען אינווענינ ביי איהם טענער און נגונים געשאפען, און גאר פלוצלונג האט זיך אין מיטען א בייזער געדאנק אריינגעריסען: „און וואס וואלט געווען, ווען דו וואלסט אנגעווא־רען דיין שטימע?“

דער בייזער געדאנק האט זיך פלוצלונג א ווייז געאטן און בליץ שנעל פארשוואנדען געווארען, אבער דאך געלאזט נאך זיך עפעס א מין שווערקייט... פארגעסען גלייך אן דעם געדאנק, איז ער דאך געבליבען פארזונקען אין א שווער געמיט און ניט געוואוסט פון וואנען און פון וואס דאס קומט צו איהם... און דא האט ער ווידער דערהערט דאס געזאנג פון דער זאטער שבת'דיגער פליג, וואס האט נעזונגען מיט בייטאג'דיגען אומעט פון נאך שבת'דיגער סעודה און געמיינט, אז דאס איז דאס, אז דאס איז דער אומעט וואס שטיקט איהם... ער האט אנגענומען דאס קינד פאר די הענטלאך און עס אריבערגעווארפען צו דער מוטער אין בעט אריין, און געזאגט צו איהר, ניט קלעהרענדיג בשעת מעשה, צי שלאפט זי, צי זי איז וואך:

— באדארפט געווען ארויסטרייבען די פליגען, באדארפט געווען.

* * *

עס איז אוועקגעגאנגען א פאר וואכען. אברהם משה האט אינגאנצען אן דעם געדאנק פארגעסען. נאר ווען דאס ווייב איז

פלוצלונג אריינגעפאַלען און האָט איהם דערצעהלט, אַז אהרן לייב קאָזאַק האָט פאַרלאָרען דריי הונדערט רובעל, האָט איהם געגעבען אַ קלאַפּ דאָס האַרץ און דער גערדאַנק: וואָס טוסטו ווען דו פאַר־לירסט די שטימע? איז איהם ווידער אריין אין קאָפּ אריין און ער האָט זיך גלייך דערמאָהנט, אַז דאָס איז דער שבת'דיגער גע־דאַנק, וועלכען ער האָט געזוכט און איהם דענסטמאָל ניט געקענט געפינען. איהם איז איצט דערפון שווער געוואָרען אויפ'ן האַרצען און דאַך גרינג, וואָס ער האָט זיך דאָס דערמאָנט...

אַ פּאָר מינוט איז ער געשטאַנען און האָט זיך נישט געקענט ריהרען פון אָרט און אויף אַ טשעקאַוואָסט זיך אַליין געפרעגט: טאַקע וואָס וואָלט איך געטאָן? אַ שמייכעל האָט זיך פון דער באָרד ארויסגע'גנב'עט און זיך ארונטערגעכאַפּט אונטער זיינע געדיכטע וואָנסען, וואָס האָבען זיך געגעבען אַ צונעהם און באַלד צוריק איינגעצויגען. ער האָט אָנגעהויבען ארומגעהן איבערן שטוב מיט איינציגע, פּאַמעליכע טריט און שטעהן געבליבען מיט פאַר־לייגטע הענט אויף דער ברוסט און געקוקט דער ווייב אין מויל אריין, ווי זי דערצעהלט עס איהם מיט אַזאַ היץ און פייער, ווי דער קאָזאַק נעהמט ארום אַ צודולטער און די קאָזאַטשקע שלאָגט זיך קאָפּ אָן דער וואַנט, און זיך אַזוי געזאָגט:

— מה רעש? מ'פאַרלירט אַמאָל בעסערע זאַכען! עס וועלט, נו?

די ווייב האָט איהם גאַנץ היבשליך פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און מיט היץ געזאָגט:

— איך האָב מורא, אַז ווען דו וואָלסט פאַרלאָרען דריי רובל, וואָלסטו זיך, מיינע שונאים, אויפגעהאַנגען.

און ס'איז אוועק דער טאָג און נאָך טעג און וואָכען. פאַרגעסען אין אהרן לייב קאָזאַק מיט זיין אבידה און פאַרגעסען אינ'ם גערדאַנק, וואָס איז צו אברהם משה'ן צוזאַמענגעקומען מיט דער נייעס. נאָר איין מאָל ביינאַכט, ווען ער האָט זיך איבערגעדרעהט פון איין זייט אויף דער צווייטער, איז איהם ווידער אריינגעפאַלען דער גערדאַנק... געקומען לכתחילה ווי אַ נייער און זיך גלייך געלאָזט

דערקענען, אז ער איז אן אלט-באקאנטער, א גאנץ היימישער, וואס האט זיך ערגעץ באזעצט ביי אברהם משה'ן און זיצט דארטען און אברהם משה אליין ווייסט דערפון נים.

ער האט זיך באלד ארויסגעשלאגען פון שלאף און זיך נים געקענט אפגעבען קיין רעכענונג, צי קומט ער, אט דער געדאנק, פון קלארען און וואכעדיגען צושטאנד, צי פון א חלום איז עפעס אזא רעשטעל פארבליבען... טא ווען האט זיך עס איהם אזא חלום גע'חלומ'ט? ער האט שווער אפגעזיפצט. עפעס מוז דא שוין זיין... האט ער טרויעריג א טראכט געגעבען, און כדי פטור צו ווערען פון דעם געדאנק, האט ער צוריק איינגעגראבען דעם פנים אין קישען אויף אנשלאפען צו ווערען. נאר שלאפען האט ער שוין נים געקענט. אזוי איז ער געלעגען ביז אין דרויסען האט אנגעהויבען בלוי צו ווערען, און אין שטוב איז די נאכט בלאס געווארען. ער האט זיך פויל אויפגעהויבען, פויל אנגעטאן, זיך ארומגעוואשען, נאכהער אויפגעשטעלט דעם סאמאוואר, האט געעפענט דאס פענסטער און זיך אוועקגעזעצט טיי טרינקען, און ווען ער האט אפגעטרונקען די טיי האט ער מיט צארן גענומען וועקען דאס ווייב מיט די קינדער און האט געשריהען, וואס מען שלאפט אזוי שפעט. לאה האט אויסגעגלאצט אויף איהם די אויגען און האט איהם גוט מכבד געווען. נאכהער, ווען זי האט דערזעהן דעם סאמאוואר שטעהן שוין אויפ'ן טיש, האט זי זיך דערשראקען: — וואס איז? ביסטו עפעס נישט געזונט? — האט זי א פרעג געטאן מיט א ציטעריג קול.

ער האט נישט געענטפערט. דאס האט נאך מעהרער אריינגעווארפען לאה'ן אין אן אומרוהיגקייט, און זי האט ווייטער געפרעגט: וואס שווייגסטו?

און אזוי שווייגענדיג האט ער זיך שטיל און פאמעליך אויפגעהויבען פון טיש און האט אראפגענומען דעם טלית און תפילין, וועלכער איז געהאנגען אויף דער וואנט, און איז אוועקגעגאנגען אין שוהל אריין דאווענען.

דאס מאל האט ער געדאווענט פרימער ווי אלע מאל, און ביי

דער שמונה עשרה, אז ער איז צוגעקומען צו „אָנא ה׳ חטאתי״, האָט ער זיך שטאַרק געקלאַפּט אין האַרצען און געזאָגט וואָרט ביי וואָרט, די אויגען זיינען ביי איהם געווען שטאַרק צונויפגעצויגען און דער פּנים פאַרקרימט; דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטען אביסעל אָן א זייט און די גאַנצע פיגור זיינע איז געשטאַנען ווי אָן אויס־געגאָסענע. ענדיגענדיג די תפלה „אָנה ה׳ חטאתי״, האָט ער נאָך מיט מעהר הארץ גענומען זאָגען די צווייטע תפלה (כאָטש אזוי זאָגט ער זי זעהר זעלטען): אתה הוא ה׳ האלהים, הזן ומפרנס ומכלכל מקרני ראמים עד ביצי כנים, הטריפני לחם חקי, רבונו של עולם! טאַטע דער באַרעמדיגער! לחם חקי!... לחם חקי!... והמציא לי ולכל בני ביתי מזונותי קודם שאצטרך להם, בנחת ולא בצער. דאָ האָט ער נאָך מעהר איינגעקנייטשט די אויגען און פאַר־קרימט דעם פּנים. „בנחת ולא בצער״, טאַטע זיסער! דאָ האָט ער אָפּגעזיפצט. און ווען ער איז געקומען צו „ואל תצריכנו לידי מתנת בשר ודם״, האָט ער דאָס עטליכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט, זיין פּנים האָט זיך מאָדנע געקרימט און איז אויך עטליכע מינוט פאַרזונקען געוואָרען אין שווערע געדאַנקען...

נאָך דער שמונה עשרה האָט ער זיך לייכטער דערפיהלט. איהם איז אפילו נאָכדעם אריינגעפאַלען א געדאַנק, ער זאָל פאַס־טען דעם טאָג, ווייל צו א חלום איז זעהר גוט א תענית. נאָר נאָך א פּאָר מינוט קלערען, האָט ער באַשלאָסען עפּעס אריינצוּוואַרפען אין פּושקע אריין, און האָט עס טאַקע באַלד געטאָן. ער איז צוגעגאַנגען צו דער פּושקע, וואו עס שטעהט אָנגעשריבען מיט גרויסע ווערטער: „מתן בסתר יכפה אף״, האָט אריינגעוואָרפען א פּאָר קאָפּיקעס, נאָכהער האָט ער אָוועקגערופען אָן א זייט א דריי אידען פון זיינע גוטע פריינד און האָט זיי דריי מאָל געזאָגט: „חלמא טבא חזאי״, און זיי האָבען איהם זיבען מאָל געענטפערט: „חלמא טבא חזיתא״. ווען ער איז מיט אַלעם פאַרטיג געוואָרען, האָט ער גענומען קלערען וועגען דעם געדאַנק און וועגען דעם חלום און האָט געשמייכעלט, האָט חוזק געמאַכט פון זיך אליין. עס האָט ביי איהם באַקומען א פּנים פון חוזק. אויפ׳ן האַרצען איז

איהם געווארען פריי, ווי מען פטר'ט אמאָל ארוים אַ אומגעבעטענעם גאסט. ער האָט אויף גיך צונויפגעלעגט דעם טלית און תפילין, איז מיט גיכע טריט אוועקגעגאנגען אהיים, און ווי ער איז נאָר ארויפגעקומען אויפ'ן שוועל, האָט ער פרעהליך א פרעג געגעבען לאה'ן: „שוין אפשר פארטיג ווארמעס?" און באלד זיך א קעהר געגעבען צום מיידעל און געזאגט: „גיב א שפרונג, נעהם מיר אביסעל בראָנפען", און דערביי האָט ער זיך א נעהם געגעבען צו דער קעשענע.

דאָס מאָל האָט ער זיך שוין ארומגעטראָגען מיט'ן געדאנק א פאָר וואָכען. און אָפט אזוי זיך, נישט פון דעם און נישט פון יענעם, האָט איהם פלוצלינג געגעבען א פיק אין קאָפּ אריין אָט דער געדאנק, נאָר ער האָט זיך אָבער דערפון גארנישט געמאכט.

* * *

פאר יום־טובים האָט זיך דער געדאנק באנייט, אָפט און אפטער, צווישען יאָ און ניין, האָט אברהם משה אָנגעכאפּט און אוועקגעשטעלט די ווייב און געצוואונגען איהר, זי זאָל אויסהערען די שטימע זיינע. ס'האָט זיך איהם אָנגעהויבען דאכטען, אז אין דער שטימע אין זיינער איז שוין אָפּגעקומען א פארענדערונג, נאָר אנדערע באמערקען עס נאָך ניט, אָדער אפשר האָט שוין יאָ ווער באמערקט, נאָר מ'שווייגט און מ'וויל איהם ניט מצער זיין.

— הער מיך אוים און זאָג מיר דעם אמת — האָט ער מיט אַן אומעט קול געזאגט צו איהר און איין מאָל און א צווייטען מאָל זיך צוזונגען:

„בראש השנה יכתבון וביום צום כפור יחתמון, כמה, כמה..."

און איינמאָל צוגעקומען צו די ווערטער: „ומי ברעב", איז איהם איינגעפאלען, ווי ער מיט ווייב און קינדער וועלען הונגערען, און דאָ האָט זיך ווירקליך ביי איהם דאָס געזאנג אין מיטען דערינען איבערגעריסען, און ער האָט געזאגט צו איהר:

— א וואס זאָגסטו, דו הערסט?

— וואָס, משוגענער? וואָס הער איך, וואס? איך הער גאָרנישט.

און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי ס'שטעהט אַן אַנדער חזן ביים עמוד, און דאָס איז ניט קיין אַנדערער ווי נחום. אַ, נחום קוקט שוין לאַנג אַרויס אויף זיין מפּלה. יענער קוקט אַלע מאָל מיט קנאה אויף איהם... יענער רייסט זיך אַלע מאָל אויף אַלע כלים, ווען ער דאַווענט שחרית, און שמייכעלט צו די בעלי־הבתים און גבאי פון שוהל...

— וואָס וואָלסטו אַ שטייגער געטאָן, ווען איך וואָלט פאַר־לאָרען די שטימע?

די אידענע האָט איהם אָנגעקוקט און האָט גע'חרמה'ט אויף שונאי ציון אַלע בייזע חלומות:

— וואָס איהם פאַלט איין!

— יאָ, נו... וואָס וואָלסטו געטאָן?

— לאָז מיך געמאך, איך בעט דיך! — און האָט זיך געלאָזט אוועקגעהן פון איהם, נאָר ער האָט זי מיט שלעכטקייט און ביטער־ניש אָנגעכאַפּט פאַר'ן האַנט און צוגעהאַלטען:

— וואָס וואָלט איהר געטאָן? איהר וואָלט געגעסען שטיינער, שטיינער וואָלט איהר געגעסען.

זי האָט זיך אויסגעריסען פון זיין האַנט, אויסגעשפּיגען און אַרויס פון שטוב איך קיך אַריין, און ער איז צוגעגאַנגען און זיך אין פענסטער פאַרקוקט, געוואָלט אַרויס פון שטוב, נאָר ער האָט מורא געהאַט אַרויסצוגעהן אין דרויסען אַרויס, ווייל ס'האָט שוין געבלאָזען אַ קיהל ווינטעלע און ער איז נאָך געווען זומערדיג אָנגע־טאָן, און כאָטש ער טראָגט נאָך קיין מאָל אין דער צייט ניט קיין וואַרעם לייבעל, איז איהם איצט איינגעפאַלען, אַז איצט דאַרף ער עס שוין יאָ האָבען. ער איז צוגעגאַנגען צו דער קליידער שאַפע און האָט גענומען באַטראַכטען זיין ווינטערדיגען מלבוש. ער האָט עטליכע מאָל געגלעט דעם פוטער, ווי מען גלעט אַמאָל אַ קאַץ אָדער אַ הונט. נאָכדעם האָט ער עפּעס אָנגעהויבען צו זוכען, פאַרלייי־גענדיג איין מלבוש אויף'ן צווייטען און ענדליך אַ פרעג געגעבען:

— וואו איז מיין לייבעל?

— וואָסער לייבעל? — האָט לאה איבערגעפרעגט.

— מיין לייבעל, מיין ווינטערדיג לייבעל. ווייסט ניט וואָס פאַר א לייבעל?

— איך זאָג, אז ער איז היינט אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט.

— איך בין אויפגעשטאַנען אויף דער רעכטער, ניט אויף דער לינקער — ענטפערט ער שטיל צאָרענדיג — איך האָב געהאַט א לייבעל, א לייבעל האָט איך געהאַט, א ווינטערדיג לייבעל, וואו איז דאָס?

— האָסט דאָך דאָס שוין אַליין אוועקגעוואָרפען, האָסט געזאָגט, אז דו וועסט עס שוין מעהר ניט טראָגען.

— יאָ. אבער וואו־זשע איז דאָס?

— א, דאָס זוכסטו אין שאַפע איצט? — פרעגט זי מיט א איראָנישען שמייכעל.

— וואָס איך זוך... נאָר וואו איז דאָס לייבעל?

— רבונו של עולם! — געהט שוין לאה ארוים פון געדולד — האָסט דאָך שוין דאָס אליין אוועקגעוואָרפען. האָסט געזאָגט, אז דו ווילסט דאָס שוין נישט טראָגען.

— אָבער פאַרוואָס זאָל דאָס נישט זיין?! — שרייט ער אוים.

— דו משוגענער, דו! — שפּרינגט שוין לאה ארוים — וואָס ווילסטו? וואָס טשעפּעסטו זיך?

— ... דאָס לייבעל — ענטפערט ער שטיל.

ער פאַרמאַכט די שאַפע, געהט צו צום פענסטער, כאַפּט א קוק און דרעהט זיך צוריק ארוים מיט'ן פּנים אין שטוב, שטעלט אָן די אויגען אויף לאהן.

— און וואָס וועט פאַרט זיין? — פרעגט ער אין א פּאָר מינוט ארום.

לאה באַטראַכט איהם א פּאָר מינוט און פרעגט ענדליך:

— וואָס ווילסטו?

— זי פרעגט ערשט וואס איך וויל? — ענטפערט ער פול

מיט באַליידיגונג — איך האָב איהר שוין צוואַנציג מאָל געפרעגט וואו דאָס ליבעל איז און זי פרעגט ערשט וואָס איך וויל.

— נישטאָ קיין ליבלעך... מיינסט אין אמת'ן, אז איך דארף פון דיר אזוי פיל ליידען?

א פּאָר מינוט שטיל.

— פאר א יאָהרען האָסטו דאָך שוין אויך ניט געטראָגען דאָס ליבעל, וואָס איז דיר פּלוצלינג אריין אין קאָפּ? — האָט זי שוין געזאָגט אביסעל ווייכער.

— פאר א יאָהרען טאָקע נישט און היינט יאָ...

— נו, מילא, וואָס קען דאָ זיין? — ועסטו זיך אָננעהמען אויף א ליבעל.

— ניין, אָננעהמען נישט... יענעם... יענער ליבעל וואו איז?

— אידען! האָסט דאָך אליין איהם אוועקגעוואָרפען! -- שרייט זי אויסער זיך. — עס איז דאָך שוין געפאַלען פּיצלאַך פון דעם.

— אָבער זיין דארף דאָס!

— ווער־זשע איז דיר משה מחויב צו היטען דעם אוצר דיינעם! — האָט לאה ווייטער געשריען.

— ... אוצר? — פרעגט ער קאַלטבלוטיג, און דאָס פּנים זיינס ווערט נאָך בלאַסער — ועסט נאָך קיין ברויט אויך נישט האָבען...

— רבונו של עולם! — וואָס איז דאָס מיט איהם!

— מיט מיר איז גאָר נישט — האָט ער ווידער שטיל געענטפערט — דאָס ליבעל...

— באַהיט זאָל מען ווערען, רבונו של עולם! דער איד איז חסר דעה...

א פּאָר מינוט שטיל.

— און נאָך וואָס דארפסטו דאָס? האָסט נישט וואָס אָנצוטאָן?

— איך דארף! איך דארף! — האָט ער אויסגעשריען -- איך וועל מיר נאָך דעם האלז צוקיהלען...

— נו, ווער־זשע לאָזט דיר נישט ?...

— ...ניין. איך קען מיר איצט ניט קיין לייבלאַך נישט מאַכען — האָט ער ווייטער געזאָגט, פאַרשטעהענדיג וואָס זי מיינט — פאַרשטעהסט ?... איך קען נישט !... נישט אמאָל !.. איך דאַרף זעהן, איך זאָל מיר דעם האַלז נישט צוקיהלען...

— איך זאָג, אַז דער איד געהט אַראָפּ פון זינען !...

* * *

וואָס אַ טאָג צו ראש השנה איז אברהם משה אַלץ נערוועזער און קאַפּריזנער געוואָרען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דעם לעצטען שבת האָט ער געדאַוועט, שבת סליחות... געדאַכט ? מ'האָט איהם אַפילו נעגעבען אָנצוהערען, הגם אויף אַ גאַנץ איידעלען שטייגער... לייב יאָשע'ס האָט איהם געגעבען אָנצומערקען, אַז ער האָט עס געמאַכט קורץ און שאַרף.. און דער גבאי האָט עפּעס געקוקט אויף איהם און געשמייכעלט, און האָט זיך אָפּגעדרעהט, ניט זיך צו טרעפען מיט איהם... און אברהם עטיל'ס ? אברהם עטיל'ס האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן וועגען דער קדושה, אַז די קדושה איז גאַנץ שפּיציג אַרויס, און ניט דערמאָנט דאָס איבעריגע דאַווענען. הייסט עס אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש, אַז דאָס גאַנצע איבעריגע דאַוונען זיינס האָט ניט געטויגט. און נחום, וואָס האָט זיך עפּעס נחום אזוי געשמאָלצען ?..

ער איז פילע מאָל אין פאַרלויף פון אַ פּאָר טעג צוגעשטאַנען צו דער ווייב מיט פאַרשידענע פראַגעס און פאָרשונגען: אפשר ווייסט זי עפּעס און האָט זי עפּעס געהערט ?

— וואָס ווילסטו, וואָס ? — האָט די אידענע צוטומעלט נעפרעגט.

— גאָרניט... עט אזוי זיך. איך פרעג עס...

— וואָס פרעגסטו ? וואָס ווילסטו ? אויף'ן עולם התוהו ביזטו ?

— נו, פאַרשטעהט זיך, מ'וועט פאַר דיר אין די אויגען ניט נעהן ריידען.. פאַרשטעהט זיך, אַז ניט. אָבער דו וואָלסט זיך נעמענט צוהערען...

— צו וואָס? — האָט זי דאָס געדולד שוין פאַרלאָרען.

און ער האָט איהר אַריינגעקוקט טיף אין די אויגען אריין און פארביטערט געזאגט:

— דו מאכסט זיך בלא ידע, אַ? ווייסט גאָרניט, אַ? גאָרניט באַמערקט? קיין שינוי, אזוי ווי דעמאָלט, קיין שינוי. ניט פון יענעם שבת אָן, פון יענעם שבת? אַלץ איינס, א האַרעלע ניט געענדערט, ניין, אַ? ניין.

— נו, אז אפילו, אז יאָ א האַרעלע? אפשר ביסטו צוגעקיהלט, נו? וועסטו אם ירצה השם געזונט ווערען. וועסטו אויס־טרינקען א פּאָר רויהע אייער...

— אידענע, איך בין ניט צוגעקיהלט... ווער האָט דיר געזאָגט, אז איך בין צוגעקיהלט... ס'איז עפּעס אנדערש, אידענע. דו הערסט, ס'איז עפּעס אנדערש.

— דער איד איז ניט ביי די געדאנקען! — האָט לאה מיט א ציטער אין איהר קול געזאגט.

— מאָהל דיר, אז איך בין שוין ביי די געדאנקען — האָט ער געענטפערט — און האָט אריינגעטראכט מיט וועהטאָגדיגער בענקשאפט וועגען יענעם שבת.. דאָס איז דאָס לעצטע מאָל געווען. פאר'ן טויט קומט מען תמיד צו זיך... ער געדענקט גוט די זיסע טענער וואס האָבען זיך געגאָסען פון זיין האלז. שוין, ער וועט שוין מעהר אזוי קיין מאָל ניט דאווענען...

איין מאָל, א פּאָר טעג פאר ראש השנה איז ער אויפגעשטאַנען א גרויסען פארטאָג, און געקומען פון סליחות, האָט ער זיך אוועק־געשטעלט אנטקעגען זיין ווייב אין א הארטער פארשטיינערטער פּאָזע, און א זאָג געטאָן:

— אידענע!

— נו, וואָס איז שוין ווייטער?

אזוי ווי ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען, האָט ער אָנגעוויזען אויפ'ן מיידעל, וואָס איז געזעסען ביים טיש און איבער־געביסען:

ס'עסט שוין גאַנץ פריה, עס עסט שוין!

לאה האָט זיך שטאַרק געוואונדערט. זי ווייסט, אז ער ושאַלעוועט קיין מאָל די קינדער קיין עסען ניט, האָט זי איהם אן ערשטוינטע אָנגעקוקט.

— וואָס קוקסטו מיך אָן? — האָט ער גיפטיג געפרעגט. איז א ווײַלע אנשווינגען געוואָרען און ווייטער געזאגט:

— איך האָב געזעהן ביי לייטען ווייבער טוען עפּעס. כ'ווייס ווי ס'מאַכט זיך, די שעה זאָל ניט זיין... א מאַן ווערט קראַנק.. א מאַן שטאַרבט, איז גוט אז דאָס ווייב קען עפּעס פּאַרדינען.

— רבונו של עולם, געוואַלד! — האָט לאה אויסגעשריען — וואָס וויל דער איד פון מיר!

— .. ס'מאַכט זיך דאָך — רעדט ער ווייטער שטיל און קאַלט — א מענש האָט דאָך מיט גאָט קיין קאָנטראַקט נישט געמאַכט.. היינט לעבט ער... ס'הייסט היינט... היינט... נו, א שטייגער אונזער שכן, דער טענדלער... ער געהט ארוים אין גאַס און אין מיטען וועג, די שעה זאָל נישט זיין, ער ברעכט זיך אוים א פוס... און נישט קיין טענדלער.. אָדער א בעל מלאכה, צום ביישפּיל... ער האַקט זיך אָפּ א האַנט... יעדערער, פאַרשטעהסטו, אין זיין פאַך, צי א חזן, א שטייגער... אָט לאָמיר זאָגען, ס'איז איצט קיהל, אָט אזוי ווי אַציגד אין דרויסען, און ער טרינקט זיך אָפּ טיי... צי אזוי אפילו כאַפּט זיך ארוים אין דרויסען און קיהלט זיך צו דעם האַלז און דער חזן האָט א ווייב מיט קינדער, און וואָס קענען זיי דערנאָך טאָן? ...

— געוואַלד! — האָט לאה אויסגעשריען — דער איד איז פון די גערזאַנקען!

— פון די געדאַנקען? ... — האָט ער איבערגעפרעגט.

— אידען! וואָס איז ער אָנגעשטאַנען אויף מיין לעבען!

— אויף מיין לעבען? ...

אידען! אידען! — האָט זי שטיקענדיג זיך מיט טרערען געשריען.

— ... אידען, אידען? ...

— איך וועל אנטלויפען! איהם אָפּטרעטען די שטוב!

— אָפּטרעטען די שטוב ?...

— רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ גזר האָט מיר געטראָפען ?

— אַ גזר ?... — האָט ער מיט אַ פאַרדראָסיגען שמייכעל איבערגעפּרעגט... עפּעס וואָלט ער זיך געוואָלט אָן איהר נוקם זיין, אָן איהר מיט דיר קינדער... אָן אַלעמען... איהם אַרט שוין איצט נישט וואָס ער וועט אָנוועהרען די שטימע. ער וואָלט אָן זיך אַליין אַ נקמה דערלעבט, ווען ער וועהרט אָן די שטימע. ער וואָלט זיך מחיה געווען, ווען ער זעהט דער ווייב מיט די קינדער הונגערען...

* * *

דאָס אַלטע יאָהר האָט געצעהלט זיינע לעצטע שעה'ן, און וואָס ס'איז אַוועק מעהר אַ שעה, איז אברהם משה אַלץ אומעטיגער און אומעטיגער געוואָרען. דער אומעט און דער שרעק פאַר'ן אָנקומענדיגען גרויסען יום טוב איז ביי איהם פון שעה צו שעה געוואַקסען... ער איז זיכער געווען, אַז ווי נאָר ער וועט צוגעהן צום עמוד און אַ זאָג טאָן: „יתגדל!” וועט עם עפּעס זיין אַ אַנדער קול, אַ פרעמד קול, און דער עיקר, וואָס ס'וועט גאָר אין גאַנצען קיין קול ניט זיין, נאָר עפּעס אַ קרעה פון אַ האָהן... ער וועט אַ קרעה טאָן: „יתגדל” און אַ סוף, פאַרטיג, אויס חזן אברהם משה...

געקומען פון „זכור ברית”, וואָס נחום האָט געזאָגט פאַר'ן עמוד, וואָס ער האָט לאַנג זיך געציקעלט און געדרעהט און זיך גע'בריה'ט וואָס לענגער זיך ציקלען און דרעהען דעם „הנשמה לך”, איז ער געקומען אהיים, אברהם משה, שפּעט ביי נאַכט און זיך אַריינגעלייגט אין בעט אריין, האָט ער ברייט ארומגעטראַכט וואָס איהם שטעהט פאַר, ווען ער וועט פאַרלירען דאָס קול זיינס. אַז ער וועט עס פאַרלירען, אין דעם איז שוין גאָר ביי איהם קיין ספק ניט געווען, פאַר יום טוב, צי נאָך יום טוב; צי וועט ער ביים ערשטען „יתגדל” אַ קרעה טאָן ווי אַ האָהן, צי אין מיטען דאַווענען, דאָס האָט ער זיך ניט געקענט פעסט פאַרשטעלען, נאָר אַז דאָס וועט געשעהן, אין דעם איז ער זיכער געווען. איז אפשר גאָר אַ סברה, ער זאָל גאָר אין גאַנצען ניט צוגעהן צום עמוד ?... אפשר

וועט ער זיך גאר מאכען קראנק ?... ס׳קען דאָך טרעפען, אז א חזן זאָל קראנק ווערען גראד דוקא פאר אזא יום טוב ?... אויב עס קען טרעפען מיט אַן אנדערען אידען, אז ער זאָל קראנק ווערען ערב יום טוב, פארוואס קען עס ביי א חזן ניט טרעפען ?

— לאה ! — האָט ער א רוף געטאָן פון זיין בעט צו לאה׳ן וואָס איז געלעגען אין צווייטען בעט.

— נו ? — האָט זי זיך גלייך מיט אומרוהיגקייט אפגערופען.

— מיר דאכט זיך, אז איך ווער קראנק — האָט ער מיט א טרויעריגער שטימע געזאגט.

די אידענע זיינע איז אראפגעשפרונגען פון בעט מיט אומ־רוהיגקייט און זיך צולאָזט און צורעדט, ווי זי וואָלט זיין קרענק געוואָלט פאררעדען און איהר מורא פאר זיין קרענק פארטומלען. און דער איד אברהם משה האָט איהר אויף אלע איהרע פראגעס ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען. ער האָט ניט געוואוסט וואס פאר א קרענק צוצוטראכטען פאר זיך, אז ס׳זאָל טאַקע זיין אזא וויכטיגע קרענק, וואס זאָל איהם באפרייען פונ׳ם עמוד... אין אמת׳ן האָט ער קיין געפעהרליכע קרענק ווי זיינע, וואָס ער האָט געהאָט, ניט באַדארפט געוואוען צו צוטראַכטען... נאָר פאר ווען האָט ער עס געקענט דערצעהלען, אפילו פאר דער אייגענער ווייב ניט... אין דעם פאל איז זי איהם געווען אזוי פרעמד ווי אלע פרעמדע ווייבער. זי וואָלט איהם געזאגט, אז ער איז משוגע און מעהר גאָרניט. וואָס איז משוגע, ניט קיין קרענק ?

ער האָט זי פאמעליכקע אפגעשטופט פון זיך און געהייסען געהן צו זיך אין בעט אריין, אָבער די ווייב האָט שוין ניט געוואָלט אָפטרעטען.

וואָס איז דיר ? זאָג, וואָס דיר איז ?

זי האָט געוואָלט אָנצינדען פייער, נאָר ער האָט ניט געלאָזט.

— נאָך וואָס איז פייער, נאָך וואָס ? די קינדער וועלען זיך אויפכאפען... ס׳איז מיר גארניט.

זי איז אפגעגאנגען פון זיין בעט, און ער האָט וואָס טיפער אין דער נאכט אריין, אלץ טיפער אריינגעטראכט, וואָס עס וועט

זיין, אז ער וועט פארלירען די שטימע זיינע... דאָס ערשטע וואס ער וועט טאָן איז, אז ער וועט פארלאָזען דאָס ווייב און קינדער (אלץ איינס וועט ער זיי ניט קענען מפרנס זיין). ער וועט ווערען א פרוש און וועט זיך אוועקלאָזען אין דער ווייטער, ווייטער פרעמדער וועלט אריין. דאָרט וואו ער וועט טאָגען, וועט ער ניט נעכטיגען, און דאָרטען וואו ער וועט נעכטיגען, וועט ער ניט טאָגען... ער וועט זיצען יום ולילה און לערנען, דאָ ערגעץ אין א בית המדרש, דאָרטען ערגעץ אין א „שטיבעל". גאנצע טעג אין טלית און תפילין וועט ער זיצען, וועט קאלופען פון די הרובעס און וועט זיך שפייזען.

די גאנצע מעשה איז איהם שוין גאר געפעהלען געווארען. און פונקט אזוי ווי פריהער האָט עס איהם געשראקען אָט דאָס פארלירען דאָס קול, אזוי, פארקערט, איז ער שוין גערן געווען, אז דאָס זאָל שוין געשעהן, און איין מאָל פאר אלע מאָל זיך באפרייען פון דעם גערדאנק און פטור ווערען. הגם איהם האָט איינצייטיג אָנגעכאפט א וועהטאָגדיגע בענקשאפט נאָכ'ן עמוד, כאָטש נאָך איין מאָל לאָזען הערען אנדערע און אליין הערען די שטימע זיינע... אָבער ס'איז א פראגע, צי האָט ער זי נאָך די שטימע... אפשר האָט ער זי שוין גארניט... כאָטש נאָך איין מאָל, איין מאָל... „רבונו של עולם, חזקיני ואמציני אך הפעם!"

אָט די ווערטער האָט ער ארויסגערעדט און אליין ניט געפיהלט אז ער רעדט זיי, און וואָלט אפשר אויך נאָכדעם ניט געוואוסט, ווען די ווייב פרעגט ניט איבער וואָס ער זאָגט.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פאמעליכקע און שטיל האָט ער אָנגעצונדען דעם לאָמפ, האָט אפגעגאָסען די נעגעל און זיך אוועקגעשטעלט מיט'ן פנים צו מזרח, האָט ער ארויסגעלאָזט:

— יתגדל ! ! !

און ס'האָט זיך אָנגעהויבען גיסען א טאָן נאָך א טאָן, ווי גאר ניט פון קיין מענשען-כלי, און אין יעדען טאָן האָט זיך געפידלט אזוי פיל ציטערדיגע און פלאטערדיגע בענקשאפט.

יתגדל ! ויתקדש ! ! שמי רבא ! ! !

און די ווייב איז געשטאַנען הינטער איהם מיט פארבראָכענע הענט און געפיבערט. זי האָט איהם איין מאָל און א צווייטען מאָל גערופען ביים נאָמען און ער האָט זיך ניט אפגערופען. ער האָט ניט געהערט דאָס רופען איהרס. געהערט נאָר זיינע טענער, און וואָס א טאָן איז ביי איהם שטאַרקער, זיסער און וועהטאָגדיגער ארויס, איז ער אלץ פעסטער איבערצייגט געווארען אז דאָס איז ניט זיינע איצטיגע טענער, אז דאָס זיינען גלגולים פון זיין פריי־הערדיגען, אמאָליגען זינגען, וואָס זיינען איצט געקומען צו איהם זיך אפגעזעגענען מיט איהם אויף תמיד.

— אברהם משה! אברהם משה! אברהם משה! — האָט דאָס ווייב גערופען צו איהם מיט א ציטערדיג קול, און ער האָט זיך ביים דריטען מאָל פאמעליך אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו איהר און אָפגעזיפצט פון פולער ברוסט, ער האָט ארויפגעלעגט די האנט אויף איהר אקסעל און געזאגט צו איהר:

— לאה, וועסט כאור הבקר, ווי עס וועט נאָר טאָג ווערען, צוגעהן צום גבאי און איהם זאָגען, אז ער זאָל באצייטענס זיך באַ־זאָרגען מיט א בעל תפלה... רעד ניט, רעד ניט גאָר ניט, אזוי זאָלסטו טאָן, ווי איך הייס דיר. און טאָמער וועט ער דיר פרעגען, וואָס מיר איז, זאָלסטו זאָגען, אז איך האָב מיך צוגעקיהלט, אז איך בין קראנק. אזוי זאָלסטו זאָגען... איצט לעש אוים דעם לאָמפּ און מיר געהען שלאָפען... שלאָפען, שלאָפען, אידענע, אוים חזן אברהם משה!

„די מויד".

איך וועל מיר ערלויבען א קורצע הקדמה צו דער קורצער ערצעהלונג וואס איך געה דאָ געבען. „די מויד" איז א לעבעדיגער טיפּ, וואָס איז שוין פון מיר באשריבען געוואָרען צוריק מיט א יאָהר פופצעהן, און איך וואָלט אָט די ערצעהלונג, ווי אַלע אַנדערע ערצעה־לונגען, וואָס זיינען פון מיר געשריבען געוואָרען אין יענע יאָהרען, צורוה געלאָזט. דאָ אבער האָט געטראָפען אזא פאַל וואָס איך מוז עס טאָן. אָט הערט צוליב וואָס: איך האָב מיך דאָ צופעליג באקאַנט מיט מיינעם א לאַנדסמאַן, מיט א יונגענמאַן וואס איז געבאָרען און אויסגעוואקסען אין דער זעלבער שטאָדט, וואו איך האָב געכאַפּט דעם טיפּ „די מויד", באקענט זיך מיט מיר, האָט ער א שמייכעל געטאָן און א זאָג געטאָן:

— ניטאָ שוין אייער „מויד".

און דער יונגערמאַן האָט מיר דערצעהלט, אז מ'האָט זי, אָט די „מויד", געפונען א דערשטיקטע ביי איהר דאָרטען אין בעטעל, הינטער איהר שפּאַניש ווענטעל... געטראָפען האָט עס מיט איהר מיט פינף יאָהר צוריק, ס'הייסט פונקט אין יענער צייט פון מלחמה און פון בירגער־קריג, ווען די נויט אין „די שמאָלע געסלאַך" האָט זיך א דאַנק אָט די אומשטענדען פילפאַכיג פאַרדאָפּעלט... איך בין לכתחלה געווען איבערראַשט, אָבער נאָכדעם האָב איך עס פאַר־שטאַנען, אז אזא סוף האָב איך געדאַרפט ערוואַרטען, אז איך וואָלט עס באַדאַרפט מיט מיין שרייבערישע אינטואיציע פאָראויס־זעהן, אז אָט די פארשוינטע וועט האָבען אזא סוף. ס'הייסט, אז איך וואָלט באַדאַרפט געווען לכתחילה דעמאָלט פאַרענדיגען אזוי די ערצעהלונג, אז מ'האָט זי געפונען א דערשטיקטע. ווייל אין נאָרמאַלע און רוהיגע צייטען וואָלט אויך אזעלכעס מיט אזעלכער

געקאָנט פּאַסירען. פאַרוואָס? אָט צוליב דעם טאָקע מוז איך געבען נאָך אמאָל די ערצעהלונג, ווייל ווער געדענקט דען, אז ס'איז ווען אזא ערצעהלונג געדרוקט געווען. און נאָך איבער אנדערע אור־זאכען געפין איך פאַר נויטיג די זאך איבערצודרוקען, ווייל דער יונגערמאַן האָט מיר איבערגעגעבען איינצעלנע אָבער זעהר אינ־טערעסאַנטע שטריכען וועגען איהר, און ווייל איך פיהל עפּעס א חוב צו איהר. עפּעס ווילט זיך מיר א יאָהרצייט מאַכען... עפּעס ווילט זיך זי פאַראייביגען, אָט די אומגליקליכע און איינזאַמע... ווער ווייסט, וואָס פאַר א טראַגעדיע אָט דער מענש, וואָס איז געווען פון אַלעמען געהאַסט, ווער ווייסט וואָס זי האָט דאָרטען אין איהר הארצען געטראַגען... איך וואָלט געוואָלט איין זאַך, אז נאָך איהר טויט כאָטש, נאָך איהר טראַגישען טויט, זאָל מען זי ניט דער־מאָנען מיט קללות אויף די ליפּען... ווער ווייס, אויב דאָס לעבען איהר'ס איז ניט געווען נאָך טראַגישער ווי דער טויט איהרער.

נאָכדעם, ווי די ערצעהלונג וועט ווערען איבערגעלעזען, וועט מען פאַרשטעהן, וואָס דער מערדער האָט באַצוועקט מיט דעם טויט, וואָס ער האָט איהר געמאַכט, און ס'וועלען אַלע זעהר נייגעריג זיין צו וויסען, צי האָט דער מערדער טאָקע עפּעס געפונען דאָרטען ביי איהר אין בורנוסל און וויפיל ער האָט געפונען, און צי איז דאָס געווען אין גאַנצען א פאַנטאַזיע פון די אָרימע שמאַל־געסעלדיגע, צווישען וועלכע זי האָט איהר לעבען פאַרבראַכט, און איהר לעבען פאַרענדיגט. איך וואָלט גערן צופרידענגעשטעלט אייער נייגע־ריגקייט, נאָר צום באַדויערען קען איך עס ניט וויסען. און ניט קיינער ווייסט עס ניט, א חוץ יענעם, א חוץ דעם, וואָס האָט אָפּ־געענדיגט מיט איהר. ווייסט מען אָבער ניט, ווער דאָס האָט געטאָן, און דערווייל וועט עס בלייבען פאַר אונז א סוד, צי האָט ער עפּעס געקראָגען ביי איהר, צי ניט...

* * *

אַלע שמאָל־געסעלדיגע קענען זי, און דאָך קען זי קיינער ניט. מ'ווייסט ניט ווער זי איז, פון וואַנען, ווי און ווען זי איז אָנגעקומען אהינצו; און כאָטש קיינער קען זי ניט, דאָך ווייסען

אלע, אז זי איז א מויד. פון וואנען מ'ווייסט דאס, ווייסט קיינער ניט, און דאך זיינען אלע פעסט איבערצייגט אין זייער וויסן — אז „די מויד" איז א מויד.

וויפיל זי איז אלט? איינער זאגט, פופציג, א צווייטער — זעכציג, א דריטער — זיבעציג. און קוקענדיג אויף איהר פנים זיינען אלע גערעכט. מען קאן איהר טאקע געבען איינצייטיג אי פופציג, אי זעכציג, אי זיבעציג יאהר. אט איז ער, דער פנים איהרער: טונקעלער קאליר, די מארדע און די נאז באשאטען מיט קליינע לעבעלאך ווי נארעל־שטעך. אין איין זייט געמבע האט זי א װארצעלע פון עטליכע געצעהלטע האר, און אט די עטליכע גע־צעהלטע האר זיינען גרוי, ווייס און דערצעהלען פאר זיך פון א טיפער עלטער, דערפאר אבער האט זי יונגע אויגען, יונגע און שטעכעדיגע ווי ביי א רויב־פויגעל. א מויל האט זי א ברייטס, די אויבערשטע ליפ איז כמעט ווי ניט צו באמערקען. זי איז אין גאנצען פארשטעלט פון דער אונטערשטער, און די אונטערשטע — שטעהט אפ פון דער אויבערשטער, ווי א פרעמדע, ווי זי וואלט זיך מיט דער אויבערשטער ניט געוואלט אנקערען. אט די ליפ ציטערט כסדר ווי אין פיבער, און פאר אט דער ליפ ציטערען עס אזוי די שמאל-געסעלדיגע. זיי מיינען און זאגען, אז דאס שילט זי כסדר. איז טאקע ניט קיין וואונדער, וואס זיי מיינען אזוי און זאגען אזוי. די ליפ זעהט אוים ווי א קורצער, דיקער פעסטער פארטריקענטער ערד־ווארים, און ס'שווידערט צו קוקען אויף אט דער ליפ אויף איהרער, און טאקע אויף וואס עפעס אנדערש האט אזא ליפ געקענט באשאפען ווערען, אויב ניט צו שילטען.

תמיד, שבת און וואך, און סיי זומער, סיי ווינטער טראגט זי איין און די זעלבע קליידער. וויפיל קליידער זי פארמאגט דארטען זיינען זיי אלע מאל מיט איהר און אויף איהר. פון אויבען אויף די אקסלען איז אנגעווארפען א גראליכער בורנוסל (מסתמא אמאל שווארץ געוועזן), און כאטש אט דער בורנוסל העגנט אויף איהרע אקסעל ווי אן איבריגס, איז פון דעסטוועגן געהט עס אויך קיינמאל פון איהר ניט אראפ, אלע מאל מיט איהר,

אפילו ביינאַכט צושיידט זי זיך אויך ניט מיט דעם. זי ליגט צוגעדעקט מיט אַט דעם בורנוס׳ל און פון דעסטוועגן איז דאָס אין ערגעץ ניט צוריסען, ווי זי וואָלט עס פאַר׳כשופ׳ט.

זייט יאָהרען און יאָהרען געהט זי זיך טריט ביי טריט. מענשען קענען זי און געדענקען זי פון צוריק מיט צוואַנציג, פינף און צוואַנציג יאָהר, געדענקען מענשען, אַז פונקט אַט אַזוי איז זי געגאַנגען דעמאָלט ווען זיי האָבען זי דערקענט, אַזוי איינגעהויקערט און איינגעבויגען, און אַזוי ווי זי הינקט איצטער, פונקט אַזוי האָט די דעמאָלט אונטערגעהונקען, און פונקט ווי זי געהט היינט מיט אַ שטעקען, אַזוי איז זי דעמאָלט געגאַנגען מיט אַ שטעקען, מיט יאָהרען צוריק, פון ווען אָן מ׳געדענקט זי. מ׳איז שוין אַזוי צוגעוואוינט צו איהר, אַז הינטען צו איהרע פיס זאָל זיך נאָכשלאָנ־טערן אַ שטעקען, ווי דאָס וואָלט געווען אַ דריטע פוס איהרע, און ס׳האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ניט אַ פוס האָט ביי איהר גע־הונקען, נאָר דער שטעקען. ס׳האָט זיך פיל זייעריגע געדאַכט, אַז ווען זי וואָלט אוועקגעוואָרפען דעם שטעקען, וואָלט זי גאָר אינ־גאַנצען אויפגעהערט צו הינקען.

פאַר דער „מויד׳ס" אויג היט מען זיך אַזוי ווי פאַר פייער. כ׳איז רעכט, אַז זי זאָל אַ קוק געבען אויף אַ כלי מוז די כלי צובראָכען ווערען. מאַמעס מוזען זיך באַהאַלטען מיט זייערע זויג־קינדער און מיט זייערע זויגענדיגע בריסט פון איהרע אויגלאָך, ווייל פאַלט איהר בליק אויף אַ ברוסט, אַזוי הויבט אָן אָפּגענומען ווערען די מילך, און האַלט ווער עפּעס אין מויל און זי געהט פאַרביי, בלייבט מען שוין אין מיטען, מ׳קייט ניט, נאָר מ׳וואַרט זי זאָל איבערגעהן. פאַרטראַכט עפּעס ווער צו טאָן און ער באַגעגענט די מויד, אַזוי איז שוין זיכער, אַז דאָס פאַרטראַכטע וועט שוין קיין מזל ניט האָבען. די שפּרעכערינס, ווען ס׳קומט ווער אַליין אָדער מ׳ברענגט אַ קינד אָפּצושפּרעכען, דערקענען שוין דער מויד׳ס עין־הרע, און ניט אַלע זיינען זיי בריה׳ס צו פאַרטרייבען דער מוידס אַ „גוט־אויג". איין בריה איז נאָר דאָ אַזעלכע, און דאָס איז חנה־מלכה, און אָנגענומען איז זי פאַר דער גרעסטער

בריה׳טע דערפאר, ווייל זי גענעצט זעהר שטארק. אזוי ווי חנה-מלכה גענעצט שפּרעכענדיג דער מויד׳ס עין־הרע, איז ניטאָ אַ צווייטע צו איהר אין די שמאָלע געסלאך, און ס׳איז ביי אלעמען אָנגענומען אזא גלויבען, אז וואָס שטארקער מ׳גענעצט אליץ זיכערער איז מען, אז די עין־הרע איז א שטארקע. חנה־מלכה דערקענט שוין אפילו ווען מ׳קומט צו איהר זיך אפּשפּרעכען, אויב ס׳הויבט ביי איהר גלייך פון אָנפאַנג אָן צו רייסען דאָס מויל, איז דאָס דער מויד׳ס אויג.

אָבער נאָך ערגער ווי פאר איהר אויג ציטערט מען פאר איהר מויל. אי, שילט זי; אי, קען זי די מלאכה! ניטאָ נאָך אין דער וועלט איינע, זי זאָל זיך קענען מיט איהר פארמעסטען. אין די שמאָלע געסלאך פעהלען ניט אזעלכע בריה׳טעס, אָבער ווי קומען זיי צו איהר! אז די ליפּ איהרע, די אונטערשטע ליפּ איז ספּעציעל, ווי באַשאפען געוואָרען (יאָ, דאָס איז שוין געזאגט געוואָרען), און דאָס קול איהר׳ס איז אויך צוגעפּאסט. מיט אזא קול דארף מען שילטען אז מ׳שילט, און די קללות ווערען אזוי קונציג צוגעפּאסט איין קללה צו דער אנדערער און קלינגען אָפּט מיט גראמען. און די אויגען, ווען זי שילט, צוגליהען זיך. די ליפּ טרייסעלט זיך, פּיבערט און ווערט נאָך טונקעלער ווי זי איז תמיד, און אין גאַנצען הויבט עס מיט איהר אָן צו ווארפען, און ווער ס׳גלויבט און ווער ס׳גלויבט ניט, אַז קללות קענען מקוים ווערען, מוז געווירקט ווערען. דער וואָס גלויבט און וואָס ווערט געשאָלטען ווארפט זיך צו איהר מיט די פויסטען, און זי גיט אפילו ניט קיין פינטעל מיט׳ן אויג. זי שרעקט זיך ניט, זי טוט זיך ווייטער די ארבייט איהרע, זי וויל ניט מפסיק זיין, ווי א פרומע אידענע פון א וויכטיגער תפלה, און אָט די רוהיגקייט איהרע לאָזט ניט צו צו איהר.

און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי איז אזא פארשוינטע, וויל זי דאָך יעדער איינער פון די שמאָל-געסעלדיגע האָבען פאר א שכנה, און אז מ׳באקומט זי און מ׳האָט זי, דאנקט מען און מ׳לויבט גאָט, אז מ׳ווערט איהרער פטור. אָבער דאָס שטערט ניט די זעלבע אין א געוויסער צייט ארום זי נאָך אמאָל צו וועלען ביי זיך האָבען.

אָבער ניט איהר אליין באגעהרט מען אזוי צו האָבען ביי זיך, נאָר יעדער איינער האָט אַן אויסקוק, אז זי זאָל ביי איהם צומאַכען אַן אויגעל, אז זי האָט דאָרטען ערגעץ אין איהר בורנוסל אַן אוצר באַהאַלטען, איז וויל יעדער איינער זיין דער יורש איהרער, און דערפאַר, אזוי ווי מ'שמייסט זי ארויס פון איין דירה, אזוי זוכט זיך גלייך אָפּ אויף איהר אַ נייער בעלן (דער נייער בעלן קאָן אמאָל זיין אַזעלכער, וואָס זאָל זי שוין האָבען געהאַט ביי זיך) און פאַר־נעמט זי צוריק מיט איהרע בעבעבעס. אַ איד, וואָס האָט אַן עלטערע בתולה חתונה צו מאַכען, אָדער אזוי אַ איד אַ נצרך (אין די שמאָלע געסלאַך זיינען אַלע נצרכים) דערמאָנט זיך פון צייט צו צייט אין אָט דער מויד... אפשר? אפשר וועט ער האָבען דאָס גליק די מויד זאָל ביי איהם מאַכען אַ שטאַרב, ניט מעהר, מעהר וויל ער ניט, און אז דאָס וועט מקוים ווערען, איז ער אַ געהאָל־פענער. ס'איז יעדער איינער געווען זיכער, אז די בחור'טע פאַר־מאָגט עפּעס אַן אוצר ביי זיך, אין די באַהעלטעניש‌ען פון איהרע קליידער (און דער עיקר, אין בורנוסעל). פאַר וואָס דען לאָזט זי דאָס קיינמאָל ניט אראָפּ פון ליב? אפילו אין שטוב, ווען זי איז, טוט זי דאָס ניט אויס. לאַנג ארויסקוקען אויף איהר און וואַרטען, קומט ניט אויס, ווייל זי לאַנג האַלטען אין שטוב איז אוממעגליך. און אויף וויפיל דאָס איז אוממעגליך, קאָן מען זיך פאָרשטעלען פון דעם אליין, וואָס דער, וואָס האָט זי אריינגענומען צו זיך, האָט זי דאָך אריינגענומען צוליב (מ'ווייסט שוין צוליב וואָס) און דאָך מוז ער זי ארויסטעלעבענדעווען. מ'דאַרף נאָר אָפּטשאַטעווען דעם מאָמענט ווען מ'וואַרפט זי ארויס, און יעדער איינער, וואָס פאַר־נעמט זי צו זיך טראַכט, אפשר וועט ער זיין דער בעל זוכה און זי וועט ביי איהם ארויסלאָזען די כשר'ע נשמה איהרע, און אויב איינער אַזעלכער, וואָס האָט שוין געהאַט דאָס גליק זי צו האָבען, געהט זי אריינצונעמען צו זיך אַ צווייטען מאָל, טראַכט ער אויך דאָס זעלבע: אפשר פריהער טאַקע ניט, פריהער איז נאָך ניט געווען די צייט ער זאָל באַגליקט ווערען, אפשר וועט איצט די גליקליכע שעה קומען...

— קומט, כיעניע, אריבער צו מיר!

און זי געהט. זי זעהט אפילו ניט דעם, וואָס פאַרבעט זי צו זיך. וואָס איז איהר פאַר אַ חילוק? זי נעמט די בעבעכעס איהרע, און אביסעל נעמט דער, וואָס פיהרט זי צו זיך און מען טאַסקעט און מען שלעפּט זיך מיט איהר און מיט איהרע זאַכען וואָס זי טראָגט, און זי שעלט, זי שעלט די בעלי־בתים וואָס האָבען זי אַרויסגעוואָרפען, געהט נאָך דעם נייעם בעל־הבית וואָס פיהרט זי און שלעפּט זי מיט איהרע זאַכען אויף אַ נייער דירה, געהט זי נאָך און שעלט די שטוב און די מענשען פון שמוב, פון וואַנען זי איז נאָר וואָס אַרויסגעשמיסען געוואָרען.

אין דער נייער דירה, פּונקט ווי אין דער אַלטער, צווימט מען איהר אָפּ אַ ווינקעל מיט איהר שפּאַניש ווענטעל, וואָס זי שלעפּט מיט זיך פון איין דירה אין דער אַנדערער, און דאָרטען, אין דער נייער דירה, זעצט זי זיך אוועק פּונקט אַזוי מיט איהר אַלט־איינגעזעסענעם זיצען, ווי זי וואָלט שוין דאָ אויפ'ן נייעם פּלאַץ יאָהרען לאַנג געזעסען, און מיט דער זעלבער היימישקייט און פרעמדקייט... ניין, זי ענדערט זיך ניט, פּונקט ווי פון אָנפאַנג, אַזוי ביז... ביז מ'איז זי משלח, זיצט זי זיך שטיל אין טונקעלער אָפּגעצווימטקייט. און ס'דאַכט זיך, אַז קיינער זיצט דאָרטען ניט, אַז קיינער איז דאָרטען ניטאָ... און די שטוב־מענשען ווייסען ניט ווען זי שלאָפט און ווען זי וואַכט. גאָרניט. אַ מענש, אַ שטיק שטילקייט, אַ מענש ווי אַ שטיק שלאָף, און ס'ווילט זיך אַמאָל אַרונטערקוקען צו איהר... אפשר... אפשר, און מ'קאָן זי שוין אַ בדקה טאָן... און פאַר דעם אַרונטערקוקען צו איהר, הויבט זיך עס אָן די צרות. זי האָט עס זעהר פיינט און דערפאַר הויבט זיך אָן די קללות, און אַזוי געהט עס אוועק אויף דער נייער דירה פּונקט ווי אויף דער אַלטער, און אַזוי וואַרפט מען זי אַרויס פון דער נייער דירה, ווי מ'האָט זי אַרויסגעוואָרפען פון דער אַלטער.

ווערט די מויד עפּעס ניט געזונט, אַזוי הויבען אָן צו איהר עולה־רגל זיין אַלע בעלי־בתים און בעל־הבית'טעס, וואו זי האָט די גאַנצע צייט, וויפיל זי געפינט זיך אין די שמאָלע געסלאַך,

געוואוינט. מ׳קומט צו איהר געוואָהר ווערען און מ׳ברענגט איהר ווער א לימענע און ווער א מאראנץ, אן עפּעל, א באר, שטיקלאך צוקער, אביסעל טיי. פארשטעהט זיך, אז די אלע, וואָס קומען צו איהר געוואָהר ווערען, פארגינען ניט דאָס גליק די בעלי־בתים (וואו די מויד געפינט זיך), אז זי זאָל מאכען ביי זיי א שטארב, און ס׳טראכטען זיך די יעניגע, וואָס האָבען זי ערשט פאר א שכנה געהאט, פאר וואָס מ׳האָט זי ניט געהאלטען לענגער. באדארפט געוועזן אביסעל צו טערפּען. דערפאר זיינען די שטוב־מענשען איבערגליקליך. מ׳געהט ארום איהר ווי ארום אן אייגענער מוטער, מ׳לעגט זיך פאר איהר אין דער לענג און אין דער ברייט. נאָר הויבט אָן די מויד צו קומען צו זיך, אזוי לאָזען מאן און ווייב די נעז אראָפּ און זיי שעמען זיך איינער דעם צווייטען צו קוקען אין די אויגען אריין. וואָס פאר א פּלענער זיי האָבען זיך שוין גע־פּלאנעוועט און וואָס פאר א פאנטאזיעס זיי האָבען פאנטאזירט! און זיי טוט באנג די ביסלאך מילך, וואָס מ׳האָט איהר געגעבען און זיי פארדריסט, וואָס זיי זיינען ארומגעגאנגען ארום איהר און זי באדינט, נאָר פארפאלען. מ׳מוז מיט חרפה און בושה אָפּ־ווישען די ליפּען און מאכען א שווייג, שא!...

אַ גנב.

די ערשטע פּאָר חדשים, וואָס יאָסעל איז אריינגעטראָטען אין דער לעהרע צו מאיר'ן דעם סטאָליער, איז ער מעהר געווען אין שטוב ווי אין ווערק־שטוב, און די בעל־הבית'טע האָט פון איהם מעהר נוצען געהאַט ווי דער בעל־הבית. פאַר זייערע קינדער איז ער גאָר געווען אן אבן־טוב און באַזונדערס האָט זיך איינגעקלעפּט אין איהם דאָס קלענסטע קינד, דער פיר־יאָהריגער יאַנקעלע, וואָס האָט א מינוט ניט געקענט לעבען אָהן איהם און יאָסעל איז געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל פון דעם, וואָס דער קליינער איז אין איהם פאַרקאָכט געווען. ער האָט אין דעם איינגעזעהן זיין גרויסע נוצליכקייט, אַז ער עסט ניט אומזיסט קיין ברויט. און כאָטש ער אַליין איז גאָרניט שולדיג געווען אין דעם, וואָס דער בעל־הבית האָט פון איהם קנאַפּע נוצען געהאַט, — ווייל אַזוי איז שוין דער מנהג פון יאָהרען און יאָהרען ביי בעלי־הבתים, וואָס פריהער שפּאַנען זיי איין די לעהר־יונגען זייערע אין שטוביגער אַרבייט, מאַכען זיי פאַר פּשוט'ע משרתים און ניאַנקעס אין שטוב, — אָבער יאָסעל האָט עס ניט פאַרשטאַנען. ער האָט געמיינט, אַז ער איז שולדיג אין דעם, וואָס ער קען נאָך דעם בעל־הבית קיין נוצען ניט ברענגען און וואָס ער האָט דאָרטען אין שטוב ניט איבערגעטאָן, האָט זיך עס אַלץ ניט גערעכענט פאַר קיין אַרבייט און ס'האָט אַלץ געהייסען, אַז מ'גיט איהם אומזיסט און אומנישט עסען. ער פלעגט זיך אמאָל אַליין מיט חשק און התמדה צוכאַפּען צום וואַרשטאַט און נעמען „שקראָבען” אַ ברעטעל און אוועקזעצען נעבען זיך אויפ'ן וואַרשטאַט יאַנקעלען און פאַר איהם זיך פאַרשטעלען פאַר אַ גרויסען קענער. אַז ער קען אַלצדינג מאַכען, אַלצדינג, וואָס דאָרטען

ביים סטאָליאַר ווערט געמאַכט. אויב יאַנקעלע האָט געוואָלט אַ שאַפקעלע — איז געוואָרען אַ שאַפקעלע. אַ קאַמאָדעל — איז אַ קאַמאָדעל; אַ טישעלע — איז אַ טישעלע פאַר יענקעלען געמאַכט, און יאַנקעלע איז געווען דער עקספּערט צי ס'איז גוט צי... ניין. יאַנקעלע האָט קיינמאָל קיין חסרון אויף יאָסעלעס אַרבייט ניט געזאָגט. אַלץ, וואָס ער האָט געמאַכט, איז פאַר יאַנקעלען גוט געווען, און ווער שמועסט נאָך, אַז יאָסעל האָט איהם אָפּגעסטרויעט אַ בהמה'לע אָדער אַ פערדעלע — איז ער שוין גאָר, יאָסעל, ביי איהם געווען דער גרעסטער מייסטער אין דער וועלט, כאָטש דאָס שטיקעל ברעטעל, וואָס ער האָט דאָרטען אויסגעשקראָבעט, האָט אַזוי אויסגעזעהן ווי אַ בהמה, פּונקט ווי אַ בהמה זעהט אויס ווי אַ שטיקעל ברעטעל. אָבער גאָרנים. יאַנקעלע האָט איהם געגלויבט אויפ'ן וואָרט. אַז יאָסעל זאָגט איהם אַז עס איז אַ בהמה, איז אַ בהמה. דערפאַר אָבער, האָט שוין יאָסעל וואונדער באַוויזען, ווען ער האָט גענומען מרוקען ווי אַ בהמה. עס איז גאָר ניט געווען צו דערקענען, אַז דאָס מאַכט אַ מענש. און אַזוי האָט ער נאָכגעמאַכט פיל, פיל באַשעפעניִשען: ער האָט געקענט הירזשען, ווי אַ פערד; מעקען ווי אַ ציג און מיאַוקען ווי אַ קאַץ און דאָס קינד האָט זיך קיינמאָל ניט געזעטיגט, געפּעטערט נאָך און נאָך „מעדיעס" און יאָסעלע איז ניט מיד געוואָרען מאַכענדיג. וואָס יאַנקעלע האָט „באַשטעלט", האָט יאָסעלע געמאַכט.

* * *

עפּעס איינמאָל, אין אַ ווינטערדיגען שבת־צונאַכטס, האָט זיך מיט זיינע קאָמעדיעס פאַראינטערעסירט דער בעל־הבית אַליין אויך. ס'הייסט דער בעל־הבית אַליין האָט אויך געלאַכט, ווי ער מאַכט נאָך אַלע לעבעדיגע באַשעפענישען. צי איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל יאָסעל האָט זיך אין יענעם אָוועגט באַזונדערס אויסגעצייכענט, צי דער בעל־הבית זיינער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג — ווי אַזוי ס'איז שוין דאָרטען ניט געווען, אָבער דער בעל־הבית דער בעל־הבית אַ ל י י ן האָט ביי איהם

געמאַכט באַשטעלונגען. דאָס האָט ער איהם געהייסען מאַכען ווי אַ קאַץ און האָוקען ווי אַ הונט. דער עיקר'שט האָט ער אויסגע־נומען מיט נאָכמאַכען — אַ קינפּעט־קינד ווי ס'וויינט. אַראָפּ־געכאַפּט דאָס היטעל פון קאָפּ, האָט ער אריינגעשטופּט נאָז און מויל אין היטעל אריין און פון דאָרטען ארויס האָט זיך אָנגע־הויבען צו גיסען ווייגענדיגע טענער פון אַ קינפּעט־קינד.

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָט דער בעל־הבית און די על־טערע קינדער געפּאַטשט און יאָסעל איז געווען אַזוי רויט, איז געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל. עפּעס אַ קלייניגקייט! דער בעל־הבית אַליין האָט געפּאַטשט „בראַוואָ". נו, נו, האָט ער זיך ערשט צעלאָזט און באַוויזען אַלע טאַלאַנטען זיינע און ער האָט זיי שוין באַוויזען אַזעלכע קאָמעדיעס, אַז זיי זיינען אַלע שיעור ניט צור־זעצט געוואָרען פון געלעכטער. איין קונץ, דער עיקר'שט, ווי ער האָט עס עפּעס אָפּגעאַרבייט מיט זיין אייגען רעקעל, אַז מ'האָט געמיינט, אַז צוויי ייען שלאָגען זיך. געטאָן האָט ער דאָס אַזוי: (פאַרגעבריים האָט ער דאָס אין אַ צווייטען חדר) ער האָט אויס־געטאָן דאָס רעקעל זיינס, אָנגעשטאָפּט דאָס מיט שמאַטעס, ארומגעבונדען מיט אַ פּאַסעק, וואָס האָט אויסגעזעהן קיילעכדיג, אויסגעפּילט ווי אַ מענש, און דאָס צוגעבונדען צו זיך פון אויבען. אויף דעם האָט ער ארויפגעלייגט זיין היטעל, און ס'האָט אויס־געזעהן ווי אַ מענש אָהן פּיס. דאָ האָט ער גענומען זיינע הענט אין די אַרבעל אריין פון דעם זעלבען רעקעל — די רעכטע האַנט אויף לינקס און די לינקע — אויף רעכטס און אַזוי אַרום גע־שלאָגען זיך מיט זיינע אייגענע הענט. נאָר עס האָט זיך באַקו־מען אַן איינדרוק, אַז די הענט געהערען צו צווייטען געמאַכטען פּאַרשוין. ער האָט זיך געראַנגעלט, געשלאָגען און געשריען מיט צוויי קולות — אָט מיט אַזאַ קול — ס'הייסט מיט זיין איי־גענעם קול און אָט מיט אַ צווייטען קול כלומר'שט, אַז דאָס שרייט דער צווייטער פּאַרשוין, אָט דער פּאַרשוין, וואָס איז באַשאַפען פון אַ שטיקעל קערפּער מיט אַ היטעל, מיט אַ פּאָר הענט און אָהן פּיס... די אַרבייט איז שוין געווען אַזוי גוט געמאַכט, אַז יאָנ־

קעלע האָט אָנגעהויבען צו וויינען. ער האָט מורא געהאַט, אַז עס שלאָגט זיך טאַקע זיין ליבלינג, יאַסעלע, נאָך עפּעס מיט אַ פּאַרשוין.

— געננוג! געננוג! — האָט דער בעל־הבית מיט אַ ווייך גוט קול געזאָגט צו איהם און איהם דערביי פיין אָנגעדרעהט ביי אַן אויער — ביזט אַ מזיק! — האָט ער געזאָגט — הלואי וואָל־סטו אַזוי די אַרבייט געקענט, ווי דו קענסט אָט די קונצען מאַכען.

יאַסעל איז אַזוי שטאַרק געריהרט געוואָרען פון בעל־הביתס צוגעלאָזטקייט צו איהם, אַז איהם האָט זיך אַזש געגלוסט וויינען, און ער האָט זיך אַזוי שפּל'דיג געפיהלט, וואָס ער קען ניט אַר־בייטען. אָך, ווען ער וואָלט געקענט אַרבייטען, וואָס וואָלט ער ניט אויפגעטאָן פאַר'ן בעל־הבית... און דאָ אויפ'ן אָרט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז עפּעס וואָרט דאַרטען אויף איהם אַן אַר־בייט, וואָס איז פאַרבליבען פון פרייטאָג. דאָס האָט ער באַ־דאַרפט „אָפּבייצען" אַ קאָמאָד, וואָס איז געשטאַנען אין נאַ־קעטער ווייסקייט און געוואַרט אויף איהם, אויף זיינע הענט, אַז ער זאָל דאָס ערשטע העמדעל אויף איהר אָנטאָן, דעם ערשטען „גרונט" צום פּאָליטורען... יאָ, דאָס איז אפילו געווען גאָרניט קיין וויכטיגע אַרבייט, דאָס האָט יעדער געקענט טאָן, אָבער אַן אַרבייט איז עס דאָך פאָרט און ער האָט באַשלאָסען אויפ־צושטעהן פאַרטאָג אָפּצוטאָן אָט די אַרבייט אַזוי, אַז דער בעל־הבית וועט אויפשטעהן, זאָל ער שוין טרעפען די אַרבייט אָן אָפּ־געטאָנענע; און פאַרפאָלגט האָט איהם שוין דער געדאַנק פון שלאָף, ניט געלאָזט רוהען און ווי עס קען טרעפען אין אַזאַ פאַל האָט עס דאָ מיט איהם געטראָפען און ער איז שוין אויפגעשטאַנען גאָר פאַרטאָג — ס'הייסט כמעט האלבע נאַכט — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער האָט צום אַלעם ערשטען אַ בליק אין פענסטער אריינ־געוואָרפען, און די ווייסע ווינטער דעכער, וואָס זיינען, ווי אַ געדעכעניש פון טאָג פאַרבליבען, זיינען פאַרזונקען אין

נאַכטיגען אומעט. גלייך האָט ער זיך גענומען אַרומקוקען אי־בער דער גאַנצער גרויס פון ווערק־שטוב, און איין שטיק מע־בעל נאָכ׳ן אַנדערען האָט זיך אָנגעהויבען סילועטיש אויסטיילען ניט פאַרענדיגטע, און ווייסע שטיקער מעבעל, און געוואַרט אויף זייער תיקון, פּונקט ווי די גולמ׳ס פון ששת ימי בראשית אין וועלכע גאָט האָט קיין צייט ניט געהאַט אַריינצובלאָזען אין זיי די נשמות, ווייל עס איז צוגעפאַלען דער שבת. אָט דאָרטען בלייבט זיך די ווייסע קאָמאָד, וואָס וואַרט אויף יאָסעל׳ס תיקון, ער זאָל זי אָנטאָן און צודעקען איהר ווייס הילצערן לייב מיט א לבוש פון פאַרב... אָבער אין פאַרשלאָפענעם צושטאַנד האָט ער פאַרגעסען אין וואָס פאַר א זייט צו זוכען די טיר, וואָס פיהרט אין קיך אַריין, און אַזוי ניט ווויסענדיג האָט ער זיך געלאָזט געהן מיט אויסגעשטרעקטע הענט פון פאָרענט און געטאַפּט, וואָס ס׳איז איהם צו די הענט געקומען. ער איז מיט פיס און הענט גע־קראָכען אין ענגשאַפט און אומעטום איז ער געווען אַן איבעריגער. ער האָט זיך אָן עפּעס אָנגעשטויסען מיט א פוס, אָדער מיט א האַנט און ס׳האָט זיך געלאָזט הערען א שטילער, אבער אַלעמאָל זעהר דייטליכער קלאַפּ ערגעץ אין א זייט, אָדער אין א פּלייצע פון א פּוסטער שאַפע, אָהן טירלאַך, וואָס איז געשטאַנען אַזוי הויך און חלל׳דיג און באהאַלטען אין זיך אַזא געדיכטע פינס־טערניש און אומעט פון א ניט־פאַרטיגער כלי. און פון יעדער באַריהרונג, וואָס ער האָט באַריהרט אַזאַ ניט פאַרטיגען גולם, האָט זיך געלאָזט הערען א פאַרשטיקטער קלאַנג פון פּוסטקייט... דאָס האָט אַלץ געמאַכט אַן איינדרוק פון אויסערגעוועהנליכקייט און ס׳האָט געווירקט זעהר שווער אויף דעם אינגעל׳ס געמיט. דאָ און דאָרטען איז עפּעס אַראָפּגעפאַלען און ס׳האָט זיך דערהערט א קלאַפּ... ער איז אַרומגעקראָכען און אויפ׳ן אָרט זיך געדרעהט און צו דער קיך־טיר האָט ער זיך אַלץ ניט געקענט דערשלאָגען. אויפ׳ן אָרט פון דער קיך־טיר האָט ער גאָר געטראָפען צו דער טיר, וואָס עפענט זיך אין שטוב אַריין, און דאָ גלייך האָט ער דערהערט באַרוועסע שטילע טריט און אַזוי שנעל ווי ער האָט אפּגעצווינגען

פון דער טיר, אזוי האָט זי זיך גלייך געעפענט. ס׳האָט זיך באַוויזען א ווייסע פיגור און ס׳האָט זיך דערהערט א בייז קול:

— ווער איז דאָרטען?

יאָסעל האָט, דורך עפּעס פאַר זיך אַליין אומפאַרשטענדליכעס, גלייך אויפ׳ן אָרט ניט געענטפערט און ערשט מיט א היפּשער ווײַלע שפּעטער א מורמעל געטאָן:

— איך!

— וואָס דרעהסטו זיך דאָרטען ארום, וואָס?

— איך... איך...

— אין דער ערד מיט׳ן קאָפּ, ממזר! וואָס טראָגט עס דיר ארום, וואָס?

— איך האָב געוואָלט...

ער האָט געוואלט זאגען, אז ער איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבייט, נאָר ער האָט זיך געשעמט, ווי עס טרעפט ניט זעלטען ביי מענשען, וואָס שעמען זיך מיט א גוטער זאך, ווען זיי ווילען טאָן. צווייטענס האָט ער זיך גלאט געשעמט: מ׳שטיינס נעזאגט, דער באַטרעף פון זיין ארבייט, וואָס ער קאָן שוין דאָרטען גליקליך מאַכען דעם בעל־הבית. אָבער אויפ׳ן אָרט האָט איהם באַנק געטאָן פאַר וואָס ער האָט ניט געזאָגט... דער בעל־הבית איז דאָך בייז פאַר זיין ארומדרעהען זיך, מוז ער דאָך איהם ענטפערען וואס ער דרעהט זיך ארום... שווייגט שוין יענער אָבער, און פיהלט, אז יענעם׳ס שווייגען איז עפּעס ניט צום גוטען.

— וואו ביזטו דאָרטען?

— אָט דאָ בין איך!

— וואָס טוסטו דאָרטען?

און כאָטש ער האָט שוין איצט אָנגעוואָרען דעם גאַנצען חשק צו דער ארבייט, האָט ער דאָך עפּעס אַנדערש ניט געקענט ענטפערען, ווי דאָס, אז ער איז אויפגעשטאַנען צו דער ארבייט.

— וואָס? צו דער אַרבייט? — האָט מאיר אויסגעשריגען פאַרצווייפעלט — צו דער אַרבייט איצט?... דו ממזר, דו! דריי אזייגער צו דער אַרבייט? דו גנב, דו! אהערצו גיה!!

— וואָס, צו דער אַרבייט איז ער אויפגעשטאַנען, — פרעגט די בעל־הבית'טע פאַרוואונדערט.

— אַזאַ גנב צו דער אַרבייט, זאָגט ער, איז ער אויפגע־שטאַנען. אַזאַ מיט הונטס־קאָפּ! וואָס זאָגסטו, ער וויל פאַר־דרעהען... אַהערצו גיה!

— דער הובעל וואָס פעהלט — רעדט ווידער די בעל־הבית'־טע פון שלאָף־צימער אַרויס — מוז אויך זיין זיין אַרבייט.

— צי ער איז אַ גנב? נו, נו, איך וויים שוין פון לאַנג! אַזאַ מין... נו, גיה האַלט אַזעלכעס אין שטוב, לאָז אַזעלכעס איבער אין אַ ווערקשטוב. ער קאָן אַרויסטראָגען וואָס ס'איז דאָ. מען דאַרף דען אַ סך? ער לייגט אַריין אַ שטיקעל גע־צייג אין קעשענע און טראָגט דאָס אַרויס... מ'דאַרף זיך אומ־קוקען. כ'וויים? — אפשר פעהלט שוין עפּעס... ער שטעהט נאָך, דער ממזר, ער וואַרט, איך זאָל צו איהם צוגעהן. וואָס שטעהסטו דאָרט? אַהערצו גיה!

— לאָז איהם דאָרט אָפּ. וועסט איהם אין דער פריה אויך טרעפען!

— אַהערצו גיה!

— ער וועט איבער־נאַכט ניט אַנטלויפען!

— ניין, איך וויל נאָר, ער זאָל מיר זאָגען, וואָס האָט ער זיך אַרומצודרעהען ביינאַכט, — שרייט דער בעל־הבית נאָך מעהר אויפגערעגט. — אַ געטרייער געוואָרען! וואָס זאָגסטו צו איהם? תמיד דאַרף מען זיך מיט איהם אָפּעסען דאָס הארץ, איידער מען רייסט איהם אויף, און דאָ האָט ער זיך אַליין אויפגעכאַפּט! וואָס זאָגסטו?! און נאָך ווען... וויפיל איז דער זייגער?... דריי... הערסט אַ הונטס־קאָפּ! דריי אַזייגער צו דער אַרבייט! אַ נאַריי־שער גנב! קוים געפונען אַ תירוץ... אַהערצו גיה! ווילסט, איך זאָל צו דיר צוגעהן?

— ס'איז פינסטער. איך זעה ניט וואו צו געהן, — רעדט יאָסעל אַרויס מיט אַ וויינענדיג קול — איך... איך האָב געוואָלט אויפשטעהן צו דער אַרבייט. איך האָב געמיינט...

— געמיינט? אהערצו גנה!

— איך האָב ניט געוואוסט, אַז ס׳איז דריי דער זייגער...

— נאָך לאַנג וועל איך צו דיר ריידען?

— איך בין געגאַנגען נאָך שוועבעלאָך.

— נאָך שוועבעלאָך?

— אוי, איך בעט דיך, לאָז איהם אָפּ. וואָס פאַר אַ געשעפ־טען ביינאַכט! וועסט איהם בייטאָג אויך טרעפען.

— ניין, איך וויל נאָר, ער זאָל מיר זאָגען: וואָס האָט ער זיך ארומצודרעהען ביינאַכט?

— אַ פּאַסקודסטווע, אַ אינגעל, — רעדט שוין די בעל־הבית׳טע אויך מיט כעס. — ער וועט דאָך דיך ניט אויפעסען.

— איך בעט איהם שוין ניט מעהר, — רעדט מאיר צאָרנדיג אוים און לאָזט זיך צו איהם.

יאָסעל, דערהערענדיג דעם בעל־הבית׳ס טריט, האָט זיך בא־האַלטען ביים קאָמאָד און שטיל אָנגעהויבען וויינען.

דער בעל־הבית בלייבט שטעהן און זאָגט איהם נאָכאמאָל, ער זאָל צוגעהן.

דאָס געוויין הערט זיך שטאַרקער.

— אוי, אידען, גוואלד! איך זאָל שוין פון אייך פּטור ווע־רען! וואָס ביזטו צו איהם צוגעשטאַנען? מען וועט דאָך מיינען, אַז דו דער׳הרג׳עסט איהם דאָ.

— אפילו דעם טויט אויפ׳ן אָרט! איך וועל איהם ווייזען דריי אזייגער אויפשטעהן צו דער ארבייט!

— אָבער ער וועט דאָך ביינאַכט ניט אנטלויפען!

— ניין, אַז ער איז אַן עקשן, בין איך נאָך אַ גרעסערער!

אַ פּאָר מינוט שטיל. עס הערט זיך נאָר יאָסעל׳ס איינגע־האַלטענער געוויין.

— מאיר, פאָלג מיך, געה שלאָפען!

ווידער שטיל.

דער בעל־הבית בארעכענט ענדליך, אז ביינאכט איז טאקע נים כדאי צו מאכען געשעפטען, און לאזט זיך מיט א ברענענדיגען כעס צוריק אין שלאף־צימער,ווארפט זיך אריין אין בעט מיט דעם געדאנק, אז מארגען וועט ער זיך שוין מיט איהם אפרעכענען...

יאסעל איז געבליבען זיצען ביים קאמאד און געווארט אויף זיין פסק־דין...

אין די שמאָלע געסלאך.

1.

ווינטער.

נאָך יום טובים הויבט אָן צו ווערען שטיל אין די שמאָלע געס־לאך, דער רעש הויבט אָן ביסלאכווייז אָפּפאַלען; גרויע, פאַר־כמאַרעטע הימלען הויבען זיך אָן צו באַווייזען און עס פאַלען אָפּטע רעגענס; ס׳ווערט א שוואַרצע געדיכטע בלאָטע, און די בלאָטע ווערט מיט די פיס אריינגעטראָגען אין די הייזער אריין, און די פאַדלאָגעס ווערען בלאָטיג אזוי ווי אין דרויסען די ברוקען. פון די בוידימער ווערען אראָפּגעטראָגען די דאָפּעלטע פענסטער, וואָס מ׳שטעלט צו צו יענע פענסטער, וואָס געפינען זיך א גאַנץ יאָהר אין שטוב, און עס ווערט טונקעל אין די הייזער. און דאָרטען וואו עס געפינען זיך צוויי טירען ווערט איינע פאַרקלאַפּט, פאַרשטעקט און ארומגעשמירט מיט ליים ווי אויף אייביג, ווי ס׳וואָלט שוין נאָר קיינמאָל קיין זומער ניט געוועזן.

א טרויער פאַרציהט זי איבער די שמאָלע געסלאך. קינדער גע־העז באַרוועס, די ווייבער אין איינע סיצענע קליידלאך, די מאַנס־בילען אין קאַרטענע כאַלאַטלאך, אָפּגעקראָכענע פון דער זון, נאָך זומער האָט מען דאָס געקענט טראָגען; איצט מוז מען שוין טראַכטען וועגען א וואַרימען מלבוש, וועגען שיך פאַר די קינדער, — דאַכט זיך, גאָר אן איבעריגע הוצאה.

דער ווינטער רוקט זיך. און פאַר די ערד־שטיבלאך איז עס נאָך ערגער פון א „ווינטער"; פאַר די ערד־שטיבלאך איז עס א גרויסע זעקס־חדשים׳דיגע קאַלטע נאַכט, וועלכע עסט זיך דאָרטען איין אין די ווענט און מאַכט זיי נאַס און טונקעל. און די טעג?

דאָס זיינען קיין טעג ניט, נאָר גרויע פלעקען אויף דער נאַכט, וועלכע גיבען זיך אַ וויז און בלייבען ניט.

אין די קעלערס קלייבט זיך די נאַכט אריין, די גרויסע, קאַלטע, גרוי געפלעקטע נאַכט, און שטיל־שווייגענדיג הויבט אָן צו צווילען דאָס אַלטווארג, וואָס וואַלגערט זיך ערגעץ אין פינסטערע ווינקע־לאַך און אונטער די בעטען. ערגעץ אונטער אַ קאַסטען, ביי אַ וואַנד, ליגען אַ פּאָר צוריסענע שטיוועל, ווערען זיי אין גאַנצען ווייס, גרוי־ליך ווייס, און עס דוכט זיך, אַז דער ווינטער וויל דעם זומער נאָכ־קרימען, און גיט פון זיך אויך עפּעס אַ מין בליהונג ארויס, אַזאַ מין פייכטע, אַזאַ מין העסליך גליטשיגע, מיט אַזאַ מיאוס׳ען פאַרשטיק־טען ריח, וואָס רייסט אַזש אין הארצען.

וואו־ניט־וואו גערהט ערגעץ פון אַ ווינקעל צווישען צוויי ווענט עפּעס אַ מין געוויקס ארויס, עהנליך צו אַ שוואָם, אַ טונקעל־גרינע שוואָם. דער שוואָם איז פּונקט צוגעפּאַסט צו דער גאַנצער שטי־מונג אין שטוב און מאַכט אָן איינדרוק, ווי דער אומעט, וואָס ליגט איבער דער גאַנצער שטוב און איבער די ווענט צוגאָסען, האָט פון אַ ווינקעל אַ שטיקעל פּנים ארויסגעשטעקט...

אַ ווייסען שניי איז זעלטען־ווען צו זעהן אין די שמאָלע געסלאַך, סיידען ווען ער פאַלט אוים ביינאַכט, ווי בגנבה, פאַר די שמאָל־געסעלדיגע, וועלכע זיינען גאָר ניט קיין אָנהענגער פון ווייס־קייט און ריינקייט, און ווען עס פאַלט ביינאַכט אוים אַ שניי, זעהען אוים די געסלאַך אַזוי יום־טוב׳דיג. און אין דעם שטילען ווייסען יום טוב פיהלט זיך אַזאַ טרויעריגע בענקשאַפט, ווי אימיצער וואָלט אויף אימיצען געוואַרט. און דער שניי צולעגט זיך אָומעטיג, וואו ער קען נאָר צוטרעטען — אויף די דעכער, אויף די בריקלאַך, אויף די פאַרענטשעס פון די בריקלאַך; פאַרשיט אפילו אַמאָל שטיקע־טירען אויך, און וואָס ווייטער אין דער נאַכט אריין, ווערט אַלץ ווייסער און שטילער, שטילער און ווייסער, און עס דאַכט זיך, אַז די שטילקייט שפּרייט דעם שניי אָדער דער שניי אַליין זעהט אוים ווי אַ ווייסע, קאַלטע, טרויעריג־בענקענדע שטילקייט, וואָס פאַלט פון שטילען טרויעריגען הימעל אראָפּ...

נאָך גאַנץ פריה ווען עס עפענט זיך נאָר א טיר, ווערט שוין א גרויסער געלער פלעק, און נאָכדעם א צווייטער און א דריטער, און אזוי ווייטער און ווייטער, און שפעטער ווערען פון די געלע פלעקען גאַנצע בערגלאַך מיסט; דער שניי ווערט שוואַרץ, פון ערגעץ ווייזען זיך חזירים און הינט, וועלכע הויבען אָן צו זוכען און צו שמעקען. ניט אַמאָל א הונד א בים דעם חזיר ביים אויער, לאָזט זיך דער קול ווייט הערען; געפינט דער הונד א ביין, זעצט ער זיך רוהיג אַוועק און נעהמט זיך צו דער „ארבייט", און דייטליך הערט זיך דאָס קנאַקען פון צייהן און ביין. ווי פון הימעל אַרויס ווייזען זיך שוואַרצע ראבען, איינציגע פון זיי שטעלען זיך ביי די חזירים אויף די רוקענס און שטעהען לאַנג, אזוי ווי דאָס וואָלט זייער איינציגער ציעל געווען.

און וואָס דער טאָג ווערט גרעסער, ווערט אין די שמאָלע געסלאַך אַלץ קויטיגער, און פון דעם ווייסען שניי בלייבט קיין זכר ניט...

2.

זומער.

גרויסע, ברייטע הילצערנע הייזער. די דעכער זיינען בלעכענע, גרין אָפגעפארבט, אָדער פון טשערעפיצעס. די הייזער זיינען מעהר־סטענטיילס איין־גאָרענדיגע, נאָר א סך פון זיי זיינען צוויי־גאָרענדיגע; טאַקע דיזעלבע הייזער וואָס אַלע, נאָר אויף דעם אָרט, וואו עס וואָלט באַדאַרפט זיין א בוידעם, זעהען מיר ווי צוויי פענסטער קוקען פון הינטער'ן דאַך אַרויס און א קליין טירעל, דורך וועלכען עס קען קוים א מענשעל זיך אַרויסרוקען. ביי דעם טירעל הענגט א קליין הילצערן בריקעלע און אויף דעם בריקעלע באַווייזט זיך אָפט א מענשעל. אונטען, אונטער'ן געוועהנליכען פאַרטער, וואוינט מען ווידער. דאָס הייסט פשוט אונטערגעגראָבען די פאַד־לאָגעס, וועלכע שטעהען אביסעל הויך פון דער ערד, דאָס רעשט דערגראָבט מען אין דער ערד און עס ווערט א וואוינונג. אין די

„ערד־שטיבלאַך" קומט די נאַכט פריהער, ווי אין די „בוידעם־שטיבלאַך", און דער ט אָ ג שפּעטער. עס מאַכט זיך אָפּט, ווען אויבען בליאַסקעט נאָך די זון אין די פענסטער, ברענט שוין אונטען פייער, און די איינוואוינער פון אונטען קלאָגען זיך, אַז ביי זיי געהט אוועק אַ סך נאַפט. דערפאַר קלאָגען זיך די אויבערשטע, אַז זיי ווערען דערשטיקט פון היץ.

די געסלאַך זיינען שמאָלע און קורצע. דאָס איז דערפאַר, ווייל די הייזער שטעהען ניט אין אָרדנונג — אַ שטוב אריין, אַ שטוב ארויס, און דאָ גאָר פּלוצלונג, אין דער לענג פון געסעל, שטעהט אַ שטוב אין דער ברייט, און אַ סוף פון געסעל.

ס'טרעפט זעלטען, אַז איין שטוב זאָל האָבען איבער זיך איין בעל־הבית; געוועהנליך זיינען איבער יעדער שטוב פאַראַן צעהן בעלי־בתים. יעדער האָט זיך זיין וואוינונג: אַ קליין שלאָף־צימע־רעל, אַ קליינע קיך און נאָך אַ שטיבעל.

דאָרטען אין די שמאָלע געסלאַך, וואוינען ס'רוב בעלי־מלאָכות: שניידער, שוסטער, סטאָליער, טאָקאַרעס, מלמדים, סעדעכעס, פּוהר־מאַנעס, טרעגער און איזוואָשטשיקעס.

זומער, ווי עס ווערט נאָר טאָג, לעבען אויף די שמאָלע געס־לאַך. ס'דערהערט זיך אַ קלאַפּען פון מאַשינעס, אַ קלאַפּעריי פון די סטאָליער און שוסטער, אַביסעל שפּעטער — דאָס רייסען זיך פון מלמד מיט די אינגלאַך. דער גערוויש הערט זיך דייטליך, עס געהט פון איין שטוב אין דער אַנדערער און עס דוכט זיך, אַז אין יעדער שטוב זיצט אַ מלמד און אַ סטאָליער, אַ שניידער און אַ שוסטער. צוזאַמען מיט'ן גערויש טראָגען זיך אויך אריין פון איין שטוב אין דער אַנדערער די מיאוס'ע ריחות, וועלכע האָבען זיך אָנגעקליבען איבער דער נאַכט.

פון די „ערד־שטיבלאַך" הויבען אָן ארויסצוקריכען פאַרשלאָ־פענע קויטיגע פיגורען: אידען מיט צוקוטשמעטע בערד אין איינע הויזען, ווייבער מיט קויטיגע טשיפּיקעס אין הוילע אונטער־רעק, מיידלאַך מיט צופלאָשעטע האָר, נאָך זיי — קליינע קינדער, אינג־

לאך און מיידלאך, אין די הוילע העמדער מיט קויטיגע פּיסלאך און זיינען זיך מכין צום שטיפן.

און דאָ הויבט זיך אָן דאָס „לעבען". איינע האָט דערזעהן, ווי נעבען איהר טיר איז אַ פּאַמאָיניצע אויסגעגאָסען, הויבט זי אָן שילטען מיט טויטע קללות. אַ פּאָר מינוט ענטפערט קיינער ניט, נאָר אָט באַווייזט זיך יענע, וואָס האָט אָט די ארבייט אָפּגעטאָן און הויבט אָן אָפּצוענטפערען מיט די זעלבע קללות וואָס יענע שילט און מיט אַנדערע. אביסעל שפּעטער באַווייזט זיך איינער אַ מאַן צו איינער פון די ווייבער און נעהמט זיך אָן זיין ווייב'ס קריוודע, און אויף איהם קוקענדיג געהט שוין ארויס יענער'ס מאַן אויך און די ביידע מאַנען פארנעהמען זיך צום קריגען, דערנאָך געהען שוין ארויס די קינדער. עס ווערען צוויי לאַגערען, די לאַ־גערען ווערען וואָס אמאָל אויפגערעגטער, דערנעהנטערען זיך וואָס ווייטער איינס צום אַנדערען און די פייגען, וועלכע זיינען פריהער אין דער לופטען צופליגען געוואָרען, געהען שוין איצט ניט לאבוד, נאָר קריכען גלייך אין די מיילער אריין. עס ווערט אַ געשלעג, אַ רייסעניש ביי די בערד און אַ פליהעניש פון היטלען מיט טשיפּיקעס אין דער לופטען.

די קינדערלאך, וועלכע האָבען זיך נאָר־וואָס געשפּילט, צו־שלאָגען זיך אויך. זיי נעהמען זיך אָן פּאָר טאַטע־מאַמע. זיי שלאָגען זיך באַזונדער, אָפּגעטיילט פון די גרויסע. זיי טשוקען זיך ביי די קעפּלאך, צורייסען זיך די העמדלאך און שילטען זיך אין דעם „זיידען'ס טאַטען" אריין.

די שמאָלע געסלאך ווערען אויפגעלעבט. מען לויפט פון אַלע זייטען, מען הערט שוין ניט קיין מלמד מיט קיין אינגלאך, קיין קלאַפּען פון קיין האַמערס, קיין טראַסקעריי פון מאַשינען, אַלע זיינען אין דרויסען, די הייזער ווערען לעדיג און דאָס געסעל פול, פול מיט שווארצע קעפּ און ווייסע ארבעל.

אין די קליינע זומער־נעכט צינדט מען זעלטען־ווען אָן פייער. נעבען יעדער טיר זיצט זיך אַ קופּקעלע מענשען. מאַנסבילען זיצען אָהן רעקלאך, ווייבער אָהן יאַקלאך, און מ'רעדט. יעדער איינער

געפינט זיך שוין ווענען וואָס און ווענען ועמען צו רעדען, ווייל יעדער איינער ווייס דאָך וואָס ביים צווייטען אין טעפּעל טוט זיך. עס טרעפט ניט זעלטען, וואָס עטליכע געסלאך גיסען זיך צוזאַמען, ווען ס׳שטאַרבט ווער אָדער ווען ס׳קומט פאָר אַ חתונה. מ׳זאָגט גרויסע שבחים אויפ׳ן פאַרשטאָרבענעם און ווענען לעבעדיגען חתן־כלה ווילט זיך דוקא ריידען לשון הרע... ס׳איז גענוג, אַז איין אידענע זאָל דער צווייטער עפּעס אַזוי אַ זאָג טאָן אַ סוד אין אויער אריין ווענען דער כלה און ביז טאָג זאָל זיך דער סוד צוטראָגען איבער אַלע שמאָלע געסלאך, און איינמאָל האָט זיך נאָך אַזאַ סוד אין איינעם אַ פריהמאָרגען אָפּגעשפּילט אַ שעהנע סצענקע. דער כלה׳ס מוטער האָט זיך דערוואוסט, ווער ס׳האָט די ערשטע דעם שלעכטען שם אויף איהר קינד אויסגעטראַכט, איז זי געקומען צו־לויפען מיט אַ גאַנצער „טשאַטע״ און זיך פאַרנומען טאַראַבאַנעווען אין די לאָדענס פון יענער שטוב, וואו ס׳האָט זיך געפונען יענע, וואָס האָט אָט דעם מיאוס׳ן שם אויף דער כלה אַרויסגעלאָזט און אַז מ׳איז זיך אָנגעלאָפען אויף דעם בייז וואונדער פון אַלע זייטען, האָט דער כלה׳ס מוטער פאַר אַלעמען אַרויסגעשלעפּט פון אונטער׳ן אָרעם אַ ליילאך און איהם צונומען און צושפּרייט, און באַוויזען, שרייענדיג:

— נאָט, זעהט! ניט דערלעבען וועט זי, אָט די אַלטע מכשפה, אַז ביי מיר זאָל זיין אַן אויסגעלאַסען קינד! זי מיינט אַזוי ווי איהר מויד, זאָל עס דאָרטען אַרויסוואַרפען די ביינער איהרע! זי מיינט, די הולטייקע, אַז מען ווייסט ניט, פון וואָס זי איז גע־שטאָרבען. מען האָט איהר פאַר׳סמ׳ט...

* * *

אין די גרויסע היצען, ווען אין די ענגע, שמוציגע שטיבלאך איז אוממעגליך צו שלאָפען, שלאָפען אַ סך מענשען אויף די בריק־לאך; ס׳רוב זיינען עס קראַנקע, וועלכע קאָנען דאָרטען דעם אָטעם ניט כאַפּען.

אין שטוב קאָן מען אַמאָל ניט אַנשלאָפען ווערען דערפאַר וואָס ס׳איז רוישיג, און אין דרויסען — דערפאַר וואָס עס איז שוין צו־

פיל שטיל... פון צייט צו צייט הערט זיך אַ הוסט און די יעניגע, וואָס קאָנען ניט שלאָפען, מיינען, אַז זיי קאָנען ניט שלאָפען דער־פאַר וואָס יענע הוסטען, פאַרדריסט עס אויף די הוסטענדיגע און ס'שפּרינגט אַמאָל ווער אַרויס מיט אַזאַ לשון:

— טאָמער וואָלט איהר אַמאָל אויפגעהערט צו קאַכיקען?

און יענער, דער וואָס „קאַכיקעט", ענטפערט:

— און איהר זאָלט אָנהויבען צו קייכען און גאָרניט אויפ־הערען.

און עס דאַכט זיך, אַז די קללה געהט פון דער שטילער נאַכט אַרויס און גיט זיך אַזוי דייטליך צו הערען, און דעם, וואָס הערט די קללה, דוכט זיך, אַז אויב ער וועט באַלד ניט אָפּענטפערען, וועט עס מקוים ווערען. און אָפּענטפערען מוז ער צעהן מאָל אַזוי פיל און אַ צוואַנציג מאָל אויסשפּייען: „אויף דיין קאָפּ און הענט און פיס".

די געזונטע שלאָפען גלאַט אַזוי אין דרויסען. זיי קאָנען אפילו שלאָפען אין די הייזער אויך. עס הויבט זיי ניט אָן צו אַרען די שווערע לופט, נאָר יעדער באַזונדער שלאָפט אין דרויסען צו־ליב אַן אַנדער סיבה. עס האָבען זיך צוקריגט אַ מאַן מיט אַ ווייב, טוט זי איהם אַ צו להכעיס און שלאָפט אין דרויסען; אָדער אַ שטיף־קינד, וואָס די שטיף־מוטער לאָזט איהם אין שטוב ניט אַריין. און נאָך ערגעץ אויף אַ בריקעל האָט זיך איינגענאַדעט אַ משוגע'נע. מען ווייסט ניט פון וואַנען און ווער זי איז. יעדע נאַכט קומט זי און לעגט זיך אויף איין בריקעל אין דעם זעלבען אָרט און שלאָפט מיט אַ האַרטען, געשמאַקען שלאָף.

אויף דעם בריקעל שלאָפט שוין אַ חוץ איהר קיינער ניט. מען האָט מורא. איינער דאָרט, וואָס שלאָפט אַנטקעגען אויף אַ בריקעל, האָט מיט איהר יעדע נאַכט צו טאָן. ער האָט מורא אַנשלאָפען צו ווערען, זעהענדיג אַנטקעגען עפּעס אַן אומבאַקאַנטע משוגע'נע, וועלכע ליגט מיט צושויבערטע האָר. ער וויל זיך מאַכען, עס זאָל איהם ניט אַרען, נאָר עס אַרט איהם פאָרט. ער שרייט פון געלעגער אַראָפּ, זי זאָל אַראָפּגעהן, נאָר זי ריהרט זיך אפילו פון אָרט ניט.

אויף יעדע נאַכט גרייט ער זיך צו שטיינדלאַך, וועלכע ער וואַפט צו איהר אַריבער. אַז ער הערט ניט קיין קלאַפּ, ווייסט ער, אַז ער האָט געטראָפען, און ס'פאַרדריסט איהם נאָך, וואָס זי מאַכט ניט קיין קולות... אויף וויפיל ס'איז ניט אנגענעם צו הערען דאָס קול איהר'ס, איז אָבער פיל ערגער צו הערען דאָס שווייגען איהר'ס...

— משוגע'נע, וועסט אוועקגעהן פון דאַנען, אַניט וועל איך צוגעהן צו דיר מיט אַ שטעקען.

ס'האַלט שוין גאָר ווייט דערפון, ער זאָל צוגעהן צו איהר. דאָס מיינט ער נאָר זי אָנצושרעקען, און ציטערט אליין גאַנץ פיין אַריין אין זיך, און וויל זיין אייגענעם שרעק פאַרשרייען:

— משוגע'נע ! ! !

„עקספּלאָטאַטאָרען״.

נעכטען איז שבת געווען. גאַנץ פריה בין איך שוין אין גאָרטען געלעגען מיט'ן בויך אַראָפּ. די פיס האָב איך אַלע ווײַלע אויפגעהויבען און געקלאַפּט מיט די נעזער פון די שיך אין פרישען גראָז אַריין, אויף וועלכען עס זיינען נאָך טראָפּען טוי געשטאַנען. און איצט שטעה איך שוין ביי דער אַרבייט, מיר גלויבט זיך איצט ניט, אַז איך בין ערשט ניט לאַנג אַזוי גליקליך געווען. איך בין דעם נעכטיגען „זיך״ מקנא, און פון דעם איצטיגען „זיך״ וואָלט איך איצט אַנטלאָפען... אך, ווי היים! די זון גלייך אין פּנים. עס איז מיר שווער דעם אָטעם צו ציהען. אויף מיין אויסגעדאַרטער, האָריגער ברוסט לויפען גאַנצע ריטשקעס שוויים; דאָס העמד צוכראַסטעט, די אַרבעל ביז די אַקסעל פאַרשאַרט — און מיר איז דאָך דערפון ניט גרינגער. אוי, ווי שוואַך איך פיהל מיך! די קני בויגען זיך מיר, עס גלוסט זיך אונטער'ן וואַרשטאַט זיך אַראָפּ־לאָזען... נאָר ווי קאָן איך, ווי טאָר איך?... נאָכדעם ווערט די אַרבייט נאָך שווערער... ניין, איך מוז דערציהען ביז נאַכט... נאָר ווי ווייט עס איז נאָך ביז נאַכט — אַן אייביגקייט! דאַכט זיך, דער טאָג וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיגען...

* * *

ישראל, דער בעל־הבית מיינער, איז אַלט אַ יאָהר 35. ער איז ערשט ניט לאַנג געוואָרען „ביי זיך״. די וואַרשטאַט, אויף וועלכער איך אַרבייט, האָט איהם געקאָסט 18 רובעל, און דאָס האָט ער נאָך 5 רובעל צוגעליהען. אַ פּאָר חדשים האָט ער איינער אַליין געאַרבייט, נאָר ענדליך האָט ער זיך אומגעקוקט, אַז אַליין וועט ער גאָרניט מאַכען. דאַן האָט ער מיך צוגענומען. אַרבייט

איך בייטאָג, און ער — ביינאכט; נאָר בייטאָג איז ער אָבער אויך ניט פריי: ער לויפט ארום זוכען באַשטעלונגען, אָדער ער זיצט און שפּאַלט האָלץ. דערצו העלפט שוין איהם דאָס ווייב זיינס מיט די צוויי עלטערע זיהן: איינער 12 יאָהר אַלט און דער אנדערער — א יאָהר 10. דער עלטערער האַלט איין עק זעג און שניידט מיט דער מוטער א שטיק האָלץ, דער קלענערער זיצט אויבען, עס זאָל זיך ניט דרעהען. נאָר ער איז צו גרינג דערויף, און דאָס שטיק האָלץ דרעהט זיך הין און צוריק. די מוטער ווארפט אויף איהם א בייזען קוק, און ער פארשטעהט עס שוין — שפּרינגט גיך אראָפּ, כאַפּט דאָס שטיק האָלץ ארום מיט די הענטלאך און דריקט עס צו שטארק צום הארצען. דאס גאנצע פּנים זיינס ווערט פול אָנגעגאָסען מיט בלוט און די אויגען פארציהען זיך ביי איהם מיט רויטע אָדערלאך, נאָר דאָס איז נאָך ווינציג, דאָס שטיק האָלץ ווארפט זיך נאָך אַלץ. דאן ווערט די מוטער בייז און אָהן ווער־טער גיט זי איהם א שטאָרך אין פּלייצע. דער קליינינקער גיט א שפּרונג ווי אן אָפּגעבריהטער, שיסט אויס מיט א געוויין און לויפט ארויס אין דרויסען. דאן לאָזט זי אויס דעם גאנצען כעס איהרען צום עלטערען, פריהער מיט שילטען און נאכהער הויבט זי אָן שטאָרכען אַלע ווייַלע מיט דער זעג, ביז דער עלטערער זוהן האַלט עס אויך ניט אויס און אנטלויפט, ווי א חיה פון שטייג ארויס. זי בלייבט אַליין מיט דער זעג אין האנט, וויל אַליין שניידען. זי גיט א שניט און בלייבט שטעהן. א שוויים באַדעקט איהר פּנים, און א פּיענע זעצט איהר פון מויל. דער מאַן האָט אויף איהר בייז א קוק געטאָן, איז מיט אַמאָל אויפגעשפּרונגען, אָפּגעשטופּט איהר, און אַליין גענומען שניידען.

— נאַ, איך וועל דיר ווייזען. איך וועל דיר ווייזען, אז מען דאַרף קיינעם ניט!

ער יאָגט זיך מיט דער זעג — דאָס וויל ער ווייזען, ווי גרינג ער שניידט. נאָר באַלד ווערט ער מיד, גראָבע טראָפּען שוויים קאַפּען פון זיין פּנים. ער בלייבט ענדליך שטעהן, האַלטענדיג מיט איין האנט דאָס הענטעל פון דער זעג, און די צווייטע הענגט ביי

איהם אראָפּ ווי אַ פּאר'חלש'טע. ער אָטעמט שווער, דאָס פּנים איז בלאָס און אין זיינע שווארצע אויגען זעהט זיך אַ פארמאַ־טערטקייט. דאָס ווייב, דערזעהענדיג, ווי ער איז שוין מיד גע־וואָרען, דערלעבט אָן איהם נקמה, און דאַן פאַנגט זי ערשט אָן אויף איהם, הויבט איהם אָן צו שילטען מיט טויטע קללות. ער צוריק, אוןביידע ווינשען זיך ענדליך דעם טויט, וואָס זיי האָבען איינס מיט דעם צווייטען חתונה געהאַט. און דאָס שילטען ווערט אַלץ שטאַרקער און הילכיגער, איינער שפּרינגט דעם צווייטען אין פּנים אריין, און מיר קלאַפּט דאָס הארץ — מיר דוכט זיך, אַז אָט־אָט וועלען זיי זיך צושלאָגען... איינער סטאַרעט זיך אריבערשרייען דעם אַנדערען, פון ביידען זעצט די פּיענע, וועלכע שפּריצט געווים אריבער פון איינעם צום צווייטען. ביידע זיינען געל ווי די מתים, ביידע ארבייטען מאָדנע מיט די הענט. זי שטעקט איהם פייגען און ער איהר — קולאַקעס. ענדליך הויבט זיך אָן דאָס אויסרע־כענען חטאים: ער זאָגט, אַז זי איז צו דער חתונה קיין עהרליכע ניט געווען, און זי זאָגט, אַז ער וואָלט נאָך ביז איצט געווען אַ קעשעניק, ווען ניט זי, זי האָט איהם געמאַכט פאַר אַ מענשען, ער וואָלט שוין לאַנג פארפוילט געוואָרען אין די אָסטראָגען... צו־לעצט לויפען ביידע צו צו מיר און נעמען פאַר מיר טענה'ן, איינער פון איין זייט און דער צווייטער — פון דער אַנדערער זייט, און עס ווערט איבער מיר אַ רייסעניש: ביידע ווילען, איך זאָל זיי הערען, דער שלעפּט מיך אהער, דער אהין, און מיר פארגלוסט זיך פון זיי ביידען זיך ארויסרייסען און אנטלויפען ערגעץ וויי־ט־ווייט...

* * *

אזא סצענע איז איצט פאָרגעקומען נאָך אויפ'ן ניכטערען הארצען. עס איז שוין געווען עלף דער זייגער, און מען האָט נאָך קיין טיי ניט געטרונקען. אין שטוב איז קיין קאָפּיקע ניט געווען. מיר האָט שוין אַזוי ניט געאַרט פאַר זיך, ווי פאַר זיי. דאָס קליינע קינד האָט מען אומישנע פארשלעפּערט, כדי עס זאָל ניט דער־קוטשען: עסען!

רבקה, די בעל־הבית'טע מיינע, האָט אויסגעווישט די אויגען, וועלכע זיינען געווען פייכט פון טרערען און איז אריינגעגאַנגען אין צווייטען צימער. אין אַ פערטעל שעה ארום איז זי ארויסגעגאַנגען איבערגעטאָן אין אַן אנדער קאָפּטעל, מיט אַ קליין קוישעלע אין דער האַנט, און איז אוועקגעגאַנגען.

— ע, בעריל, בעריל, האָט צו מיר ישראל געזאָגט, אָפּזיפּ־צענדיג, ווען זי איז נאָר ארויסגעגאַנגען: איהר מיינט, ס'איז אמת, וואָס איך האָב דאָ איהר געזאָגט? ווען איהר וואָלט געזעהן אָט די ריוועלע מיט צעהן־צוועלף יאָהר צוריק — דאָס איז אַ בילד געווען! אוי, האָב איך זי געליבט, און זי — מיך!... ווען איהר וואָלט מיך געווען אָנקוקען צוריק מיט עטליכע יאָהר, אָט אַזאַ מאָרדע האָב איך געהאַט — ווייזט ער מיר מיט דער האַנט אַנט־קעגען דער באַק. — נו, געה ריכט זיך, אַז דאָס איז אַזאַ מין צרה... אוי, קיין איד זאָל זיי ניט קענען, אָט די ווייבער; איידער מען דערקענט זיי, איז אַלץ גוט. וואָס האָט מיר געפעהלט, אַז איך בין געווען אַ בחור? געאַרבייט, געגעסען, געטרונקען, און איצט? גאָרניט...

ער האָט זיך אוועקגעזעצט, גענומען די האַק אין איין האַנט, אין דער צווייטער — אַ שטיקעל האָלץ, און האָט זיך פאַרטראַכט.

איך האָב מיך אוועקגעזעצט אויפ'ן וואַרשטאַט; די קניה האָבען זיך מיר אָנגעהויבען זעצען — אַזוי שטאַרק האָט מיר גע־נומען קלעמען דאָס האַרץ. ישראל האָט דאָס אפילו ניט געוואָלט ליידען, נאָר זאָגען האָט ער מיר אָבער גאָרניט געקאָנט, ווייל ער האָט זיך געפיהלט שולדיג אין מיין איצטיגען זיצען. ער האָט גע־פיהלט אָן זיך אַליין, דאָס איך מוז זיין שטאַרק הונגעריג, און דערפאַר קאָן איך ניט אַרבייטען. איך, ווידער, האָב ניט געוואָלט, ער זאָל דערקענען אָן מיר, דאָס איך בין הונגעריג. מיר האָט שטאַרק וועה געטאָן דאָס האַרץ פאַר איהם, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס אַלץ קומט פאַר איבער מיר, ווייל דאָס האָט מען פון מיינעט־וועגען צוגעגרייט האָלץ. איך האָב איהם אַזש אין די אויגען ניט געקאָנט קוקען; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין דער עקספּלאָ־

אַטאַטאָר, ניט ער, אַז ער אַרבייט פון מיינעטוועגען, ניט איך פאַר איהם. דאָס ווייב זיינס איז ביי מיר ווי אַ דינסט געווען — האָט זי נאָר געזעהן, אַז איך נעם דאָס טשייניקעל אין די הענט, האָט זי עס ביי מיר אַרויסגעכאַפּט און מיר אַליין אַריינגעבראַכט טיי.

אָט אַזוי אַרבייט איך שוין דאָרט דעם דריטען מאָנאַט. איך וואָלט פון דאָרטען אַוועקגעגאַנגען, קומט אָבער דאָרט עטליכע רובעל, און דאָס ווייס איך געוויס: געה איך נאָר אַוועק, ווערען זיי פאַרפאַלען. ישראל אַליין וואָלט מיר שוין אויך אָפּגעזאָגט, נאָר אויך דערפאַר קאָן ער מיר ניט אָפּזאָגען, ווייל מיר קומט געלט. אַזוי האַלטען מיר זיך איינער ביים צווייטען, און איך לייד צוזאַמען מיט דער פאַמיליע. אָפּטער געה איך אַרום גאַנצע טעג ליידיג, ווייל ס'איז קיין האָלץ ניטאָ; און ווען איך קום צוגעהן געוואָהר ווערען, אָדער גאָר בעטען עטליכע קאָפּיקעס, קאָנען מיר זיך ביידע אין די אויגען ניט קוקען; מיר שווייגען ביידע, און איך געה ענדליך אַוועק און זאָג איהם ניט, נאָך וואָס איך בין געקומען.

מיר איז אַ פּאָר מאָל אַריינגעפאַלען אַ געדאַנק, דאָס זיי האָבען אפשר געלט און לייקענען פאַר מיר, נאָר אַ קוק געבענדיג אויף דער פּליטע און דערזעהענדיג די פאַרפוילטע טעפּלאַך, האָב איך תשובה געטאָן אויף דעם געדאַנק און מיר האָט אָנגעהויבען מוטשען דאָס געוויסען, וואָס איך קום גאָר מאָהנען געלט.

עס איז שוין צוועלף דער זייגער. טיי האָב איך נאָך אַלץ ניט געטרונקען. אין האַלז איז מיר טרוקען און דאָס האַרץ חלש'ט. איך פיהל ווי די אבֵרים ווערען מיר ווי די קלעצער. איך פּרוב זיך נעמען אַרבייטען, נאָר עס געהט ניט. איך זעץ מיך צוריק אַוועק און קוק אין הויף אַריין. קינדערלאַך נאַקעטע, באָרוועסע לויפען אַרום, שפּרינגען אַלע ווײַלע צו צום קראַן און שפּריצען זיך מיט וואַסער. עס לויפט אַרויס דער דוואָרניק, מיט אַ צושויבערטען קאָפּ האָר, כאַפּט איינעם פון זיי און דרעהט אָן די אויערען. לויפט אַרויס פון ערגעץ אַ ווייבעל, אַ באָרוועסע מיט אַ צוריסענעם אונ־טער־ראָק, און נעמט זיך זידלען דעם דוואָרניק, שרייט איהם „כאַם" און ער איהר — „זשידאָווקאַ". וואַקסט פון ערגעץ אויס די בעל־

הבית׳טע פונ׳ם הויף, א גראָבע, נידעריגע אידענע, און נעמט זיך אָן פאַר׳ן דוואָרניק.

איך האָב א רוף געגעבען ישראל׳ן, ער זאָל אָנקוקען, וואָס דאָ קומט פאָר. נאָר ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס ביי איהם קיין נייעס ניט געוועזן, און ער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט, אָדער איהם האָט דאָס גלאָט איצט ניט געקאָנט אינטערעסירען. נאָר אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער זיך א הויב געטאָן און בייז געזאָגט אין דער וועלט אריין: „אַ, ניט דערלעבען זאָל זי שוין קומען!"...

איך האָב מיך באַלד אָנגעשטויסען, אין וואָס דאָ געהט. נאָר איך האָב מיך ניט הערענדיג געמאַכט. און ווי עס ווייזט אויס, האָט ער יאָ געוואָלט, אז איך זאָל וויסען וואוהין און נאָך וואָס זי איז געגאַנגען, — האָט ער ווייטער געזאָגט: „נו, איז זי ניט ווערט, איך ווייס אַליין ניט וואָס? ! יאָ — יאָ, ניט — ניט, וואָס האָסט זיך דאַרט אוועקגעקרענקט? א ברענען זאָל זי ווי א קין־העלצעל!"...

איך האָב מיך אַלץ ניט הערענדיג געמאַכט. איך האָב שוין איצט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אז זי איז ערגעץ געגאַנגען לייהען עטליכע קאָפּיקעס; און אזוי ווי זי איז נאָך אַלץ ניטאָ, האָט ער געוואָלט פאַר מיר יוצא זיין מיט דעם, וואָס ער שילט זי...

— נו, איך פרעג אייך מעהר ניט, — האָט ער ענדליך צו מיר געזאָגט: — ווי אזוי האַלט מען אויס פון אזא אידענע? דו ווייסט גאַנץ גוט, אז א מענש שטעהט פון אין דער פריה אָן אָהן א גלאָז טיי; איך האָב איהר נאָך אין דער פריה געזאָגט: רבקה, געה קריג עטליכע קאָפּיקעס, ווייל דער יונגערמאַן וועט קומען און עס איז ניטאָ א קאָפּיקע אין שטוב... דערנאָך וועסטו קיין צייט ניט האָבען... האָט זי געזאָגט, אז עס איז נאָך דאָ צייט. דער־ווייל זייט איהר אָנגעקומען, האָט זי שוין באַדאַרפט שניידען האַלז. נאָר מילא, דו ביזט שוין איצט געגאַנגען — וואָס זשע קרענקסטו דאָרטען?... אַ, זי וואָלט שוין געמעגט ברעכען הענט און פיס!... זי מעג שוין ניט דערלעבען צו קומען!...

צולעצט האָט ער אויף זיך אַרויפגעכאַפּט אַ רעקעל און איז אַוועקגעלאָפען זי זוכען.

אין אַ פּאָר מינוטען אַרום נאָך דעם פּאַטער'ס אַוועקגעהן, זיינען די קינדער אַריינגעלאָפען אין שטוב פאַרסאָפּעטע, מיט ברענענדיגע אויגעלאַך, אוןביידע האָבען גענומען מאַכען אַז „אַביסק", צי ס'געפינט זיך ערגעץ ניט אַ שטיקעל ברויט. דער עלטערער האָט באַלד אָן עפּען געגעבען אַ „דוכאָווקע" און אַ קוק געטאָן אַהינצו; דער קלענערער איז צוגעגאַנגען צום קעסטעל, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם אָרט פון אַ שאַפּקעלע, און האָט דאָרט גענומען זוכען, — נאָר ביידע האָבען גאָרניט געפונען. דאַן זיינען זיי געבליבען שטעהן פאַרטרויערטע, און איינער מיט'ן צווייטען האָבען זיך מאָדנע איבערגעקוקט און ווי עס ווייזט אויס, האָבען זיי זיך ניט אויפגערעדט, דאָס זיי זאָלען געהן זוכען ברויט, נאָר ביי ביידען גלייך איז געבוירען געוואָרען דער געדאַנק:

— איהר ווייסט ניט, וואוהין די מאַמע איז געגאַנגען? — האָט מיך דער עלטערער געפרעגט עפּעס מיט אַ מין הארטקייט.

— זי איז געגאַנגען קריגען עטליכע קאָפּיקעס און טיי פאַרקאָכען, — האָב איך איהם געענטפערט.

— טיי פאַרקאָכען? — האָט ער ווייך איבערגעפרעגט.

דער קלענערער האָט זיך צואָווויינט.

איינם דעם זייגער זיינען זיי ביידע געקומען. רבקה האָט געבראַכט דריי אַלט־געבאַקענע לאַבענס ברויט מיט אַ פּאָר בינטלאַך רעטאַכער. די צוויי חברה־לייט זיינען גלייך צוגעשפּרונגען, אַרויסגעריסען די רעטאַכער און מיט'ן שאַלאַכץ גענומען חראָמקען. נאָר באַלד האָט ישראל געכאַפּט, זיי אָפּגעשניטען צו שטיקער ברויט און זיי געגעבען. דאַן האָבען זיי ביידע גענומען טאַנצען איינם אַנטקעגען דאָס אַנדערע, מיט די שטיקער ברויט אין די הענט און מיט פול אָנגעשטאָפּטע פּיסקעס. איך האָב מיך אויך אַ כאַפּ געגעבען צום ברויט מיט'ן רעטאַך און ביי דעם ערשטען ביסען, וואָס איך האָב אַראָפּגעשלונגען, האָב איך געפיהלט אין הארצען אַזוי גוט, פּונקט ווי מען וואָלט מיר דאָרטען אַ פּלאַסטער צוגעלעגט...

פלוצלונג האָב איך באַמערקט, ווי זי, רבקה, האָט צו ישראל'ן א וואונק געגעבען, און ביידע זיינען אריין אין צווייטען צימער. איך האָב געהערט, ווי זיי שפּאַרען זיך איבער עפּעס, נאָר וועגען וואָס — האָב איך ניט געוואוסט. ענדליך האָב איך דערהערט, ווי ער זאָגט: „נו, פאַר וואָס זשע זאָגסטו איהם ניט?" און זי זאָגט: „פאַר וואָס זאָלסטו איהם ניט זאָגען?". „איך קאָן איהם ניט זאָגען", — ענטפערט ער. „איך קאָן אויך ניט!" דערנאָך האָב איך דערהערט, ווי ער האָט שוין איהר געזאָגט אויף א גאַנץ הויך קול: „קליפּה!" — אז דאָס קינד האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט.

מיר איז באַלד איינגעפאַלען א געדאַנק, אז דאָ שמועסט זיך עפּעס וועגען מיר. און איידער איך האָב מיך אומגעקוקט, האָב איך דערזעהן רבקה'ן מיט'ן קינד אויף די הענט. זי איז צוגע־גאַנגען גלייך צו מיר, האָט פריהער אָפּגעזיפצט און דערנאָך גע־נומען זאָגען ווי פון א תחינה אַרויס: „אוי, בעריל, בעריל, איך האָב נאָך אויף מיין לעבען קיין איין גוטען טאָג ניט געהאַט... איהר קוקט מיך אָן, איך וויין... איך האָב שוין מיינע אויגען אויסגע־וויינט... איהר מעגט מיר גלויבען... איך האָב גענוג איינגענומען, איידער... נאָר פריהער־שפּעטער... איך האָב געמיינט... איך האָב געמיינט, גאָט וועט העלפען צו נעמען א מענשען... נאָר איהר זעהט דאָך, ווי מען מוטשעט זיך... ס'אַר א רייד דערפון... איהר מעגט מיר גלויבען, איך קאָן אייך אין די אויגען ניט קוקען... נאָר סיידען, כ'ווייס... גאָט האָט שוין אַראָפּגענומען די האַנט פונ'ם האַרצען... לאָמיך דאָס פאַרקרענקען, וואָס איך וויל ביי אייך צו־נעמען... איהר האָט געהאָרעוועט אויפ'ן געלט... ווער ווייסט נאָך, ווי שווער און ביטער עס קומט אָן די קאָפּיקע... איך וועל ניט קאָנען מיט אמאָל, — וועל איך אייך אויסצאָהלען צו ביסלאַך, נאָר פאַרפאַלען ווערען וועט ניט... לאָמיך דאָס דעם דאָקטאָר אוועק־געבען, וואָס איך וועל אייך בלייבען שולדיג... מיר האָבען אייך שוין לאַנג געוואָלט זאָגען, נאָר מיר האָבען ניט געקאָנט... נאָר איצט... איצט, איהר פאַרשטעהט, מיר קאָנען ניט צוקוקען פאַר

וואָס קומט אייך ליידען מיט אונז גלייך... גאָט וועט אייך באַ־שערען"...

די לעצטע ווערטער האָט זי מיט טרערען געענדיגט.

ישראל איז געשטאַנען צו אונז מיט דער פּלייצע, נאָר ענדליך האָט ער זיך אויסגעדרעהט און אָפּזיפצענדיג געזאָגט: „דיעלאָ ניעט, מען מוז טערפּען"...

— אוי, טיערפּע איך שוין! עס וואָלט שוין געמעגט קומען פאַר דעם, וואָס לעבט אייביג, מיין מוטשעניגע! — האָט זיך אָפּ־גערופען רבקה, ווישענדיג די טרערען.

— דיעלאָ ניעט, — האָט ישראל דאָס צווייטע מאָל געזאָגט, א מאַך געבענדיג מיט א האַנט אין דער לופטען, און האָט שווער אָפּגעזיפצט...

אָהן אַ האַנט.

ווען מאיר איז פון שפּיטאָל אַרויס, איז ער עטליכע מינוט געשטאַנען פאַר דער טיר פון שפּיטאָל, זיך צוגעקוקט און ניט גע־וואוסט אויף וואָס פריהער צו קוקען. ער האָט נאָך קיינמאָל, דאַכט זיך איהם, ניט געזעהן פאַר זיך אַזאַ שעהנע, גרויסע, ברייטע וועלט, אַזאַ שעהנעם, לויטערען, בלויען הימעל, מיט אַזאַ ליכטיגער ברע־נענדיגער זון. און די מענשען, האָט זיך איהם געדאַכט, זיינען אַזעלכע פרעהליכע, שיינענדיגע, און אַז אַלע קוקען אויף איהם און אויף זיין ליידיגען אַרבעל. דאָס פּנים האָט איהם געברענט פון בושה און איהם האָט זיך מיט אמאָל פאַרגלוסט ערגעץ אַנטלויפען, אַנטלויפען אין אַזאַ אָרט, וואו קיינער זאָל איהם ניט זעהן...

ערשט מיט אַ חודש צוריק האָט ער, ווי אַלע מענשען, צוויי הענט געהאַט, — האָט ער מיט אַ טיפען וועהטאָג געטראַכט, און איצט האָט ער איינע. ערשט ניט לאַנג מיט אַלע מענשען געווען גלייך און איצט פיהלט ער זיך אַזוי ווי אָפּגעריסען פון אַלעמען, און ס'דאַכט זיך איהם, אַז אַלע מענשען זיינען איהם אַזוי ווייט און פרעמד... ניין, ניט אַלע... איין און איינציגער מענש איז דאָ אויף דער וועלט, וואָס איז איהם ניט פרעמד... דאָס איז דער איינציגער מענש, וואָס האָט ניט פאַרגעסען אָן איהם און איז געקומען צו איהם אין שפּיטאָל געוואָהר ווערען... אמת, זי איז ביי אהים ניט מעהר ווי איין מאָל געווען, אָבער דאָס איינע מאָל איז אויך גענוג געווען... אוי, ווי זי האָט געוויינט און געכליפּעט. און ווען ער האָט זיין האַנט, די איין און איינציגע האַנט, וואָס איהם איז פאַרבליבען, אויסגעצויגען צו איהר, האָט זי זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט און די פאַר'יתומ'טע האַנט איז אַזוי געבליבען

אין דער לופטען, ביז זי איז צוגעפאלען צו א וואנט און האָט זיך היסטעריש צואוויינט.

דערמאָנענדיג זיך דאָס, האָט מאיר'ן שרעקליך אָנגעהויבען צו קלאפּען דאָס הארץ. ער וואָלט שוין געוואָלט זיין ביי איהר, ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז אזוי גלייך ווי זי וועט איהם דערזעהן, וועט זי איהם פאלען אויפ'ן האלז און וועט איהם ארומנעמען מיט איהרע ווייכע, ווייסע הענטלאך, מיטביידע הענטלאך וועט זי איהם ארומנעמען און וועט איהם זאָגען: זאָרג ניט, מיין ליבער, הארציגער מאיר! איך ליב דיך ווי פריהער. איך ליב דיך נאָך מעהר ווי פריהער!... און איהם צו דערווייזען, אז זי האָט איהם שטארק ליב, וועט זי כאפּען דאָס שטיקעל איבערגעבליבען האנט און וועט דאָס קושען, היים קושען...

טראכטענדיג דאָס, האָבען זיך מאיר'ן געשטעלט טרערען אין די אויגען, ער האָט אָנגעהויבען געהן מיט גרויסע, געזונטע טריט, און דערביי האָט זיך זיין ליידיגער ארבעל שטארק געוואָרפען.

ער איז געגאנגען גאס־אויס, גאס־איין — און וואָס דער וועג איז קורצער געוואָרען, איז איהם אויפ'ן הארצען אלץ שווערער געוואָרען. ער האָט פארקלענערט די טריט און וואָס נעהענטער ער איז דעם הויז צוגעקומען, וואו זי האָט געוואוינט, אלץ פאמעלאכער און פאמעלאכער האָט ער אָנגעהויבען געהן. איצט האָט ער שוין געוואָלט, אז דער וועג זאָל זיך ציהען און ציהען, ער זאָל געהן און געהן...

ער איז ענדליך צום הויז צוגעקומען, וואו די כלה האָט געוואוינט. ער האָט דאָס אפילו באלד ניט דערקענט: פריהער איז דאָס הויז טונקעל געווען, און איצט איז עס ווייס אָפּגעקאלכט, און דאָס האָט אוף איהם שטארק געווירקט, דאָס הויז איז איהם עפּעס ווי פרעמד געווען — דאָס הויז, וואו „זי" וואוינט. ער האָט עס אזוי ליב געהאט, דאָס פריהער טונקעלע הויז. דערפאר האָט ער זיך מיט'ן טויער דערפרעהט. דער זעלבער אייזערנער שווארצער טויער מיט די צוויי לייבען־קעפּ, מיט די אָפענע גרויסע מיילער. דער זעלבער טויער, וואו ער איז ערשט מיט א חודש צוריק מיט

איהר געשטאַנען. ער געדענקט דאָס לעצטע מאָל, ווי אַזוי ער האָט זיך מיט איהר געזעגענט: ער האָט זיך נאָך קיינמאָל מיט איהר אַזוי ניט געזעגענט, ווי יענעם אויף דער נאַכט, וואָס אויף מאָרגען האָט דאָס איהם שוין די האַנט אָפּגעריסען. ער געדענקט, ווי אַזוי ער האָט איהר די האַנט געדריקט. דאָס האָט יענע האַנט, די אָפּ־געשניטענע, איהר געדריקט, ווי זי וואָלט שוין געוואוסט, אַז מעהר וועט זי שוין רייזעל׳ס האַנט ניט האַלטען, זי האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט רייזעלע׳ס האַנט אויף אייביג, אויף תמיד... און ווען זי האָט שוין געוואָלט אַריין, האָט ער זי צוריק גערופען און יענע האַנט האָט זיך ווידער אויסגעצויגען און ווידער מיט איהר געזעגענט...

אַ פּאָר מינוט איז ער געשטאַנען און האָט געקוקט אויפ׳ן טויער, און געדאַכט האָט זיך איהם, אַז דער טויער קוקט אויף איהם אויך, און האָט אַלץ געטראַכט און געוואָלט זיך פאָרשטעלען ווי אַזוי וועט זי איהם באַגעגענען? וואָס וועט איהם זאָגען עטעל, די אינגערע שוועסטער איהרע? ווי אַזוי וועט איהם אויפנעמען די מוטער, וועלכע האָט איהם פריהער אויך ניט שטאַרק ליב געהאַט, ווי אַזוי וועלען קוקען אויף איהם די קליינע חברה, איהרע שוועס־טערלאַך און ברידערלאַך? ער וואָלט געוואָלט, אַז קיינער זאָל ניט זיין, ער זאָל קיינעם ניט טרעפען, נאָר איהר אַליין...

פונ׳ם טויער איז אַ מיידעל אַרויסגעגאַנגען. מאיר קען זי און ער ווייסט, אַז זי קען איהם אויך; זי ווייסט, אַז ער איז „רייזעל׳ס חתן". זי האָט אויף איהם אַ קוק געגעבען און באַלד אָפּגעדרעהט די אויגען אָן אַ זייט. און ווען זי איז אָפּגעגאַנגען עטליכע טריט, האָט זי אויסגעדרעהט דעם קאָפּ און אויף איהם אַ קוק געגעבען.

מאיר׳ן האָט זיך דער קאָפּ פאַרדרעהט פון בושה. דאָס גאַנצע בלוט איז איהם אַריין אין פּנים, איהם איז אַזש פינסטער געוואָרען אין די אויגען. ער וואָלט שוין בעסער אַריין אין הויף, איידער צו שטעהן פאַר׳ן טויער. דאָרטען געהען כאָטש אַזוי פיל מענשען ניט.
„און וואָס טוט ער, אַז זי, רייזעל, טרעפט איהם דאָ שטעהן?!"
ער האָט שווער אָפּגעזיפצט און אָפּגעווישט מיט׳ן טיכעלע דעם שווייס פון פּנים און פון האַלז־און־נאַקען, איז אַריין אין קאָרידאָר,

און זיך געלאָזט געהן אויף די טרעפּ אויפ'ן דריטען גאָרן, און ביי יעדען מאָל, ווען עס האָט זיך ערגעץ געעפענט אָדער פארמאכט א טיר, איז איהם אָפּגעריסען געוואָרען אין הארצען; איהם האָט זיך געדאכט, אז אָט קומט איהם אימיצער פון יענער שטוב אנט־קעגען.

ער איז לאנג געשטאנען הינטער דער טיר, ביז ער האָט ביי זיך גע'פועל'ט דאָס הענטעל פון גלעקעל א ציה צו געבען, און באלד האָט זיך די טיר געעפענט.

— אָ, א גאַסט! — האָט איהם רייזעל'ס מוטער באגעגענט.— וואָס מאכט איהר עפּעס?

— וואָס זאָל איך מאכען? — האָט ער קוים אָפּגעענטפערט און איז שטעהן געבליבען, ניט וויסענדיג, וואָס ווייטער צו טאָן.

— קומט אריין! — האָט זי איהם געבעטען.

אנטקעגען איז איהם אָנגעלאָפען נחמנ'קע, דער כלה'ס א ברוּ־דערעל, א אינגעלע פון א יאָהר פיער, וועלכער האָט איהם מיט ביידע הענטלאך ארומגעכאפּט די פיס און האָט פרעהליך אויס־געשריען:

— א, פעטער מאיר! פעטער מאיר! — און באלד איז ער אריינגעלאָפען אין שטוב, שרייענדיג:

— רייזעל! רייזעל! דער פעטער מאיר איז געקומען! דער פעטער מאיר איז געקומען!

מאיר האָט דערהערט שטילע, לויפענדיגע טריט, און ווען ער איז אין שטוב אריין, האָט ער קיינעם ניט געטראָפען, נאָר פון שלאָף־צימער האָט ער געהערט א שטיל סוד'ען זיך.

— זיצט! — האָט איהם די מוטער געבעטען.

מאיר האָט זיך אוועקגעזעצט. איז לאנג געזעסען און לאנג געוואַרט ביז די טיר פון שלאָף־צימער האָט זיך געעפענט און רייזעל האָט זיך באוויזען. מאיר האָט זיך אינסטינקטיוו אויפגעהויבען.

— וואָס מאכסטו עפּעס? — האָט רייזעל קאַלט געפרעגט.

— וואָס זאָל איך מאכען? — האָט מאיר געענטפערט מיט א קרום שמייכעלע.

נחמנ׳קע איז צוגעגאַנגען צו איהם און אָנגעהויבען באַטראַכ־טען זיין לײדיגען אַרבעל. אַלע מאָל האָט ער איהם אַביסעל אויפ־געהויבען און פּאַרקוקט אינווענינ.

רײזעל מיט דער מוטער האָבען דאָס באַמערקט. ביידע האָבען מיט אַמאָל אַ קוק אויפ׳ן קינד געוואָרפען און אין דער זעלבער סעקונדע — איינע אויף דער צווייטער; דערנאָך האָבען זייערע אויגען אָנגעהויבען בלאָנדזשען פון איין אָרט אויפ׳ן אַנדערען. זיי האָבען זיך ווי ווייט מעגליך געסטאַרעט ניט צו קוקען אַהין, וואו דאָס קינד שפּילט זיך דאָרט מיט זיין אַרבעל. נאָר ניט זעהענדיג האָבען זיי יאָ געזעהן און נאָך מעהר געפיהלט. די גאַנצע שטוב איז פאַר זיי ענג געוואָרען... מיט׳ן אַרבעל איז פול די שטוב געוואָרען, פול די לופט... דער אַרבעל האָט זיי געשווינדעלט אין די אויגען, ווי אַ שוואַרץ שטיק פינסטערניש וואָלט אין דער ליכטיגער שטוב אַרומגעשוועבט. אַלע זיינען געזעסען, מורא געהאַט זיך אַ ריהר צו געבען, און אַ שטום שווייגעניש האָט זייערע הערצער געדריקט, אין האַלז געוואָרגען. און ווען עס וואָלט עפּעס אַ נס געשעהן: די פּאָדלאָגע זאָל זיך איינלעגען, אָדער אַ פייער זאָל די גאַנצע שטוב אַרומכאַפּען, כדי זיי זאָלען זיך קאָנען צולויפען!... נאָר אויף צו־להכעיס איז אָבער שטיל געווען, אַ פאַרהאַרטעוועטע, ביטערע שטילקייט. און די שטילקייט הערט זיך צו צו יעדערענס געדאַנקען און טראָגט זיי איבער פון איינעם צום אַנדערען... איינער הערט, וואָס דער צווייטער טראַכט, און אַלע טראַכטען איינס און דאָס זעלבע. און די אויגען זייערע טאַנצען איבער דער שטוב אַרום און זעהען דאָך גאָרניט, אַלעמענס געדאַנקען זיינען ווי מיט עלעקטרישע דראָטען געווען אָנגעצויגען אַהינצו! אַהין צום קינד, צום אַרבעל. אַלע זיינען בייז אויפ׳ן קינד. מ׳וואָלט דאָס אויף שמיקלאַך צוריסען.

רײזעל האָט אונטער די שטייף פאַרשלאָסענע ליפּען פון כעס מיט די ציין געקריצט, און וואָס פאַר טויט, און וואָס פאַר אַ מיתה משונה עס איז נאָר דאָ אויף דער וועלט, האָט זי דאָס קינד ביי זיך אין הארצען געוואונשען; זי האָט געפיהלט, ווי פון מינוט צו

מינוט ווערט איהר ערגער; זי האָט געפיהלט, אז אָט־אָט וועט איהר דאָס הארץ פּלאַצען... אָך, ווען זי וואָלט געקאָנט צולויפען צום קינד, אַננעמען עס אונטער די הענטלאַך און געבען אַ טרייסעל, דערנאָך אַ שמייז צו דער ערד טאָן, אז באלד זאָל זי זעהן, ווי דאָס קעפּעל ווערט איננאַנצען צושפּאָלטען און עס צאַפּעלט, לאָזט דעם לעצטען אָטעם ארויס!...

נאָר דאָס קינד האָט פון דעם אַלעם ניט געוואוסט. עס איז זיך גאַנץ רוהיג געשטאַנען און באקוקט דעם ארבעל, געדרעהט איהם אין אַלע זייטען און ענדליך געפרעגט:

— פעטער מאיר, וואו איז דיין האַנט?

אַ ווייַלע איז געווען שטיל. נאָר פלוצים האָט רייזעל צו־וואָרפען הענט און פיס, פארוואָרפען דעם קאָפּ און דאָס הארץ האָט זיך ביי איהר אָנגעהויבען שטארק וואַרפען ארויף און אראָפּ. די אויגען האָט זי פארגלאָצט צום סופיט און מיט אַ ברייט אָפען מויל שווער געאָטעמט, וואָס ווייטער אַלץ שווערער און שווערער, און אָט האָט זי אַ שווערען קוויטש ארויסגעלאָזט, נאָכדעם אַלץ אָפּטער און אָפּטער, און משונה'דיגע היסטערישע קוויטשען האָבען זיך איבער דער גאַנצער שטוב געטראָגען. די מוטער האָט געמאַכט אַ גוואַלד. מאיר איז צוגעלאָפען און אָנגעהויבען ארומטאַנצען ארום איהר, געשפּרונגען פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען. מאיר האָט גע־ארבייט מיט זיין לינקער האַנט און פון ניט־געוואוינטקייט צו טאָן מיט איהר, האָט ער פארגאָסען די בלוזע, וועלענדיג איהר געבען אין מויל אריין אַביסעל וואַסער. דער ליידיגער ארבעל זיינער האָט זיך געוואָרפען הין און צוריק, ווי ער וואָלט אויך וועלען עפּעס טאָן.

די מוטער האָט איהר צושפּיליעט די בלוזע און געריבען דאָס הארץ מיט עסיג, מאיר איז אָפּגעטראָטען אָן אַ זייט און פון ווייטען איהר געבעטען, זי זאָל זיך בארוהיגען.

אין אַ צעהן מינוטען ארום האָט זיך רייזעל אַביסעל בארוהיגט. זי איז געזעסען און פארוואָרפען דעם קאָפּ דאָס אין איין זייט, דאָס אין דער צווייטער, און געקוקט מיט מאַטע, נאַסע אויגען אַמאָל אויף דער מוטער, אַמאָל אויף מאיר'ן.

— אפשר וועסטו געהן אויפ'ן בעט? האָט איהר די מוטער געפרעגט מיט אַ וויינענדיג קול.

מאיר איז געשטאַנען און גאָרניט געוואוסט וואָס צו זאָגען.

רייזעל האָט זיך ווידער צואוויינט, נאָר דאָס מאָל מיט אַ שטיל הארצרייסענד געוויין...

די מוטער האָט איהר דאָס צווייטע מאָל פאָרגעלעגט, זי זאָל געהן אויפ'ן בעט. רייזעל האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. זי האָט איהר גענומען אונטער'ן אָרעם און אריינגעפיהרט אין שלאָף־צימער, פארמאַכענדיג הינטער זיך די טיר.

מאיר איז אַ פּאָר מינוט געשטאַנען אין מיטען שטוב און געגאָסען מיט שטילע, גרויסע מאַנסבילשע טרערען. צולעצט האָט ער אַ קוק געוואָרפען אויף די טירלאַך, פון וואנען עס האָט זיך געהערט אַ שטיל געשפּרעך, און איז פּאַמעלאַך פון שטוב ארויס...

אַ פּאָר-פאָלק.

ביז דער חתונה זיינען זיי צוזאַמען זעקס יאָהר אין איין שטוב געוועזן ביי רייכע קרובים. ער איז געווען אין געשעפט און האָט געפאָלגט אַ גאנג. זי — אין שטוב האָט געקאָכט מיטאָג און גע־וואַשען די פּאָדלאָגעס. פרעמדע מענשען, וועלכע זיינען אהין צו די קרובים אריינגעגאנגען, האָבען זי גערופען „באַרישניע" און האָט ווער ניט געוואוסט, אז זי איז אַ קרובה און זי געהאַלטען אַזוי ווי אַ דינסט, האָט זי זיך שרעקליך באַליידיגט און האָט געשאָלטען מיט טויטע קללות. זיי האָבען געגעסען צוזאַמען מיט די קרובים ביי איין טיש, און דאָס איז דאָך דער בעסטער סימן געווען, אז מען האַלט זיי פאַר אייגענע, אַנדערש וואָלטען זיי אין קיך געגעסען, און ווער איז צו איהר דעמאָלט, ווען זי איז ביים טיש געזעסען, גלייך געווען? זי האָט נאָר געוואָלט, אז אין דער מינוט זאָל אריינקומען פונ'ם שכן די דינסט און זי טרעפען ביים טיש, דעמאָלט וואָלט שוין יענע געוואוסט, אז זי איז מיט איהר קיין „פּאַן־בראַט" נישט, אז זי איז אַ בעל-הבת'יש קינד און חלילה ניט קיין דינסט...

זי האָט אַזוי ליב געהאַט דעם טיש, אז אפילו אַ גלאָז טיי, אַ בים ברויט האָט זי ניט אויסגעטרונקען און ניט אויפגעגעסען אין קיך, נאָר אַלץ ביים טיש.

חתונה געמאַכט האָבען זיי די קרובים זייערע, און טאַקע ווי עס דאַרף צו זיין: מיט כלי־זמר, און מיט אַ בדחן. אויף דער התונה זיינען געקומען איהרע עלטערען און זיינע. ביידע צדדים זיינען, אפילו, ניט צופרידען געווען איינס פון דעם אַנדערען, נאָר וואָס האָבען זיי געקאָנט מאַכען, אז „די קינדער ווילען זיך"? זיין מאַמע האָט אפילו געפּרובט שמועסען מכח נדן, נאָר דער טאַטע זייגער, איהר מאַן, האָט איהר געגעבען אַ שטורכע, זי זאָל שווייגען.

עס איז אַריינגעפאַלען אַ קערבלאַך דרייסיג דרשה־געשאַנק, אַ חוץ אַ פּאָר בעטען מיט אַ טישעל און שטולען, און אַ פּאָר פראַזשעטענע לייכטערלאַך, האָט עמיצער געשענקט, און אַ וועק־זייגער, און אַ כּאָרטאַבאַק מיט אַ פערדישען קאָפּ און נאָך פארשיידענע חפצים, — געמאַכט זיי פאַר גאַנצע בעלי־בתים.

אויף מאָרגען נאָך דער חתונה האָט דער קרוב איינגעלאַדען דעם יונגענמאַן אין געשעפט, איהם געגעבען מאַנופאַקטור־סחורה פּאַר עטליכע און אַכציג רובל און אַ אייזערנעם אַרשין אין די הענט, און האָט איהם צוגעווינשעוועט, ער זאָל ווערען רייך, ווי ראָטשילד.

ער האָט אָנגעהויבען צו האַנדלען, איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב מיט'ן פּאַק סחורה אויף די אַקסעל און מיט'ן אייזערנעם אַרשין אין האַנט, האָט פאַרדינט פיר גילדען אַ טאָג און אַמאָל אַ רובל.

דאָס פּאָר פאָלק איז געווען אינגאַנצען אונטער'ן איינדרוק פון די רייכע קרובים, אַז גאָט וועט העלפען און זיי וועלען ווערען גבירים, האָבען ביידע ניט געצווייפעלט. דער קרוב איז דאָך אויך נאָך דער חתונה אָרים געווען, איז אויך אַרומגעגאַנגען מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס, אַזוי ווי ער, און איז רייך געוואָרען, נו, וועט ער אויך רייך ווערען. און אַז זיי וועלען רייך ווערען, וועלען זיי אויך אויסשרייבען צוויי אָרימע קרובים, וועלען זיי אויך אָפּ־האַלטען זעקס יאָהר און וועלען זיי חתונה מאַכען.

יעדען שבת האָט דאָס פּאָר פאָלק געמאַכט אַ וויזיט ביי די רייכע קרובים. זי האָט זיך פאַרפּוצט אין איהר ווייס חופּה־קלייד, ער — אין שוואַרצען ראָק, וואָס דער קרוב האָט איהם געמאַכט צו דער חתונה.

דאָרט, ביי די רייכע קרובים, זיינען פאַראַן צוויי טירען אויף אַריינצוגעהן אין שטוב: איינע אין פראָנט און די צווייטע אַ הינטערשטע. מיט דער פראָנט־טיר באַנוצען זיך אפילו די בעלי־בתים אליין זעהר זעלטען, ווייל זי איז ניט באַקוועם צום אַריינגאַנג. און היימישע געסט געהען אויך דורך דער הינטערשטער טיר, נאָר

דאס פאר־פאלק וויל ניט אנדערש, נאר דורכ׳ן פראנט־טיר אריינגעהן.

די דינסט עפענט זיי די טיר, און ניט ער, ניט זי זאגען איהר קיינמאל ניט קיין „גוט-שבת״. ער טוט־אויס אין פאדער־הויז דעם הוט און לאזט זיך פריהער, נאר פלוצלינג ווערט ער אפגעהאלטען ביי אן עק פון ראק: ער ווייסט שוין, וואס דאס באדייט: ער טאר ניט געהן פריהער פאר דער דאמע. בלייבט ער שוין שטעהן און זי גיט זיך א שנייד־אריין, ווי אן אנגעבלאזענער אינדיק, גיט ווי א פערד א גרויסען שאקעל מיט׳ן קאפ און זאגט:

— גוט שבת!

די קרובים נעהמען זיי פריינדליך אויף, מ׳פארבעט זיי צום טיש און מ׳צערעדט זיך — מאן מיט מאן, ווייב מיט ווייב; די מאנסבילען וועגען מסחר און די ווייבער פון שטוב־זאכען. די אמאליגע דינסט איז געווען זעהר צופרידען ווען די רייכע קרובה האט זיך געקלאגט אויף דער דינסט און פארגעסען אין איהר איצטיגער ראלע, אז זי איז א גאסט, איז זי ניט באמערקט אריבער צו דער ראלע פון א דינסט און זיך פארנומען זיך צו לויבען, וואס פאר א טוערין זי איז געווען.

— טאקע אמת — האט די רייכע קרובה אונטערגעהאלטען — ביי דיר איז דאך געווען גאלד און זילבער אין יעדען ווינקעלע.

— איהר וועט שוין אזעלכע, ווי איך, ניט האבען! — האט זי געזאגט.

— דיין מאן מעג זיך מיט דיר טאקע איבערנעמען.

זי האט א ווארף געגעבען די רויטע אויגלאך אויפ׳ן מאן און געזאגט:

— הערסט, וואס מען זאגט אויף מיר?

אויף לעצט האבען זיך ביידע קרובות אויפגעהויבען און אריינגעגאנגען באטראכטען די גיך, און די געוועזענע „בארישניע״ האט אין קיך אלע מאל אנדערע חסרונות געפונען.

מיט דעם האט זיך יעדער שבת דער וויזיט געענדיגט.

* * *

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דאָס פאָר־פאָלק האָט אָפּגע־לעבט אַ יאָהר צייט אין עלענד און דחקות, און די פאָרדינסטען זיינען ניט געוואָרען גרעסער, ווי נאָך דער חתונה, האָבען זיי דאָך ניט אויפגעהערט צו גלויבען, אז זיי וועלען זיין גבירים. צו איין זאך איז זי געווען זעהר אומגעדולדיג: איהר האָט זיך שטאַרק געוואָלט האָבען אַ דינסט. צו האָבען א דינסט האָט זי נאָך מעהר געגארט, ווי צו ווערען א גביר׳טע; כאָטש פאר דער „מאדאם" אליין האָט קיין ארבייט ניט געקלעקט; אָבער ניט צוליב דער אַרבייט האָט זי געגארט א דינסט צו האָבען, נאָר זי האָט געוואָלט זיין אַ מאדאם איבער אַ דינסט. פאר איהר וואָלט אפילו רעכט געווען, די דינסט זאָל גאָר ניט טאָן, אבי אַ מאדאם צו זיין, נאָר געוועהנליך, יענע זאָל איהר אנדערש ניט רופען, ווי „מאדאם", זאָל לאָזען אנשרייען אויף זיך און כאָטש איין מאָל אין וואָך רייסען ביי די האָר. איבער דעם, וואָס זי וועט אזוי גיך קיין דינסט ניט האָבען, האָט זיך די „מאדאם" זעהר אָפט אָנגעהויבען זאָרגען... אויב ניט קיין גאנצע דינסט, זאָל כאָטש זיין א קליין שיקסעלע.. זי וואָלט פון איהר מויל אָפּגעריסען און וואָלט איהר געגעבען עסען. כאָטש אויף א קורצער צייט, כאָטש אויף איין חודש, פארזוכען דעם טעם פון האלטען א דינסט.

איינמאָל איז ער ארויפגעקומען מיט׳ן פאק סחורה, א צובראָ־כענער, א מידער, א הונגעריגער און זיך געהייסען געבען עסען. דער „מאדאם" איז עפּעס ניט געפעלען געוואָרען דער טאָן זיינער און האָט זיך דערמאָנט ווי דער קרובה׳ס מאן רעדט קיינמאָל ניט מיט אזא טאָן צו דער ווייב, האָט זי זיך אָנגעבלאָזען און צובייזערט:

— נעם דיר צו א דינסט וועט זי דיר קאָכען!

דער מאן האָט אָנגעשטעלט אויף איהר א פּאָר גרויסע פאַר־וואונדערטע אויגען און זי לאנג, לאנג אָנגעקוקט.

אויף זיין אָרט.

א נידעריג קוויטיג אידעל מיט א קליין בערדעל. א ברייטער שעטרן און א שמאָלע, שפּיציגע געמבע. אויגען שארפע און טיף טרויעריגע. אויערן גרויסע, אָפּגעשטאַנענע, און דאָס גאנצע פּנים זיינס האָט אן אויסזעהן פון א בייזען קלוגען הונט, וואָס בילט קיינמאָל ניט און ווי אזעלכער, וואָס קען אונטערלויפען בגנבה און געבען א ביס פון הינטען אָרום.

זומער און ווינטער, אין דרויסען צי אין שטוב געהט ער תמיד אָנגעטאָן דעם גראָבען פּאַלטאָ זיינעם, וועלכער גרייכט איהם ביז די קניע. די פּאַלעס, הינטען, שטעהען קיילעכדיג אָפּ, און וואָס איז דאָרטען ניטאָ אין די פּאָלעס! אלץ, וואָס א מענש ברויכט: ברעקלאַך פון ברויט, טשוועקלאַך, שטריקלאַך און שטיקלאַך ציגאַר. ער לאָזט אמאָל אראָפּ די הענט אהינצו, ווען איהם פעהלט אויס צו רויכערען, און שלעפּט ארויס עטליכע שטיקלאַך און פאררויכערט איינס אָן דאָס אנדערע.

דאָס ווייבעל זיינס, קליין־וואוקסיג אזוי ווי ער, דאָס פּנים קיילעכדיג ווי א ברוקווע, און מיט גרויסע תמ׳עוואטע שעפּסענע אייגען, פיהלט אלע מאָל צום מאַן עפּעס א באהאלטענע מורא, קוקט אויף איהם מיט א טעמפּען בליק און מיט אן אויסדרוק פון וועלען וויסען, וואָס איז ער פאר א פארשוין דער מאַן איהרער, אז ער איז מיט עפּעס ניט אזוי ווי אלע מענשען, דאָס האָט זי אלע מאָל גע־שפּירט, אָבער ניט געקענט באנעהמען אין וואס דער עפּעס אנדערש באשטעהט. זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט געקריגט, און דאָך תמיד זיך ארומגעדרעהט ווי ברוגז׳ע אין שטוב אָדער גאר ווי צוויי פרעמדע.

די וואוינונג זייערע באשטעהט פון איין שטיבעל מיט א קיך.

דאָס שטיבעל איז קליין, פיער־עקעכדיג, מיט איינעם א גרויסען פענסטער — דריי שויבען אין דער ברייט, און דאָך איז אין שטיבעל פינסטער, ווייל אנטקעגען, אַן ארשין אַנדערטהאַלבען, שטעהט א הויכע געמויערטע „פייער־וואַנט".

דריי יאָהר נאָך זייער חתונה איז ביי זיי א קינד געבאָרען געוואָרען. ניט דער טאַטע און ניט די מאַמע האָבען זיך שטאַרק געפרעהט. דוכט זיך, עס וואָלט זייביידען ניט געאַרט, אז עס וואָלט ניט געקומען אויף דער וועלט. ווען דאָס קינד איז אַלט געוואָרען א פּאָר וואָכען, האָט די מאַמע דערזעהן, אז עס איז אינ־גאַנצען אין טאַטען געראָטען. זי האָט עס איהם געוויזען, מיינענדיג, אַז איהם וועט עס הנאה טאָן, נאָר פונקט פאַרקערט: זיין אומעטיג פּנים איז נאָך טרויעריגער געוואָרען; ער האָט א קוק געגעבען אויפ׳ן קינד און האָט זיך אָפּגעדרעהט. און ווען די מאַמע פונ׳ם קינד האָט געהייסען דעם טאַטען עס א קוש געבען, האָט ער אויף איהר א שטרענגען קוק געטאָן, האָט זיך אויסגעדרעהט און אויס־געשפּיגען...

און וואָס ווייטער האָט זיך אַלץ בולט׳ער און בולט׳ער באַ־וויזען, אז דאָס קינד איז אינגאַנצען דער פאָטער: די זעלבע אויגען, די גרויסע אָפּגעשטאַנענע אויערען און די שמאָלע הינטישע גאַמבע, און וואָס די עהנליכקייט איז בולט׳ער געוואָרען, אַלץ מעהר פיינט האָט ער דאָס קינד געקראָגען, זעהענדיג אין דער עהנליכקייט זיין אייגענעם פּרצוף, וועלכען ער האָט אַזוי פיינט געהאַט און געהאַט אזא פאַרשטעלונג, ווי דאָס וואָלט עפּעס א שפּיצעל געווען, א שפּיצעל פון דעם פינסטערען מזל פון זיינעם איז דאָס איהם צוגעשיקט געוואָרען, א קינד, וואָס זעהט אויס פונקט אזוי ווי ער.

אין זיינע אויגען איז דאָס קינד געווען א נאָכקרימעניש פון איהם. עס איז געבאָרען געוואָרען אויף דער וועלט, אום חוזק צו מאַכען פון איהם. זיין פינסטער מזל האָט עס איהם אָפּגעטאָן. דעם קליינעם מענשעלע האָט נאָר געפעהלט א באָרד מיט וואָנסען, וואָלט ער שוין געווען אינגאַנצען „ער", און ווען ער האָט דערפון א

טראַכט געטאָן, איז איהם אַ שוידער איבערגעגאַנגען איבער דעם גאַנצען קערפּער.

שפּעטער האָט זיך ביי איהם אָנגעהויבען וועבען אַ געדאַנק, אַז צוויי איינע און די זעלביגע מענשען קאָנען און טאָרען אין איין שטוב ניט זיין. צוויי איינע און די זעלבע נעמען, ווייסט ער, שאַדט אויך אין אַ שטוב. און איהם איז איינגעפאַלען, אַז ער מוז שטאַרבען, — בלייבען וועט דאָס קינד... דאָס האָט מען איהם אומישנע אַזאַ קינד צוגעשיקט, ער זאָל בלייבען אויף זיין אָרט. איינער אַזעלכער, אַזוי ווי ער, מוז זיין אויף דער וועלט, נאָר באין אופן ניט — צוויי...

ער האָט דאָס קינד נאָך שטאַרקער אָנגעהויבען צו האַסען. ער האָט געזעהן ווי ווייט מעגליך, וואָס ווינציגער אין שטוב צו זיין.

* * *

אין שטיבעל האָט אָנגעהויבען צו טאָגען, ווען אין דרויסען איז שוין לאַנג גרויסער טאָג געווען. פויל און פאַמעליך האָט זיך דער גרויער ווינטער־טאָג פון דער הויכער „פּייער־וואַנט" געגליטשט. אין שטיבעל האָט אַלץ אויסגעזעהן אומעטיג, פאַרזאָרגט און איינגעהילט אין אַ גרויער טונקעלקייט.

פון ערגעץ־וואו האָט זיך די קאַץ אין מיטען שטוב באַוויזען. אַ שוואַרצע קאַץ מיט העלע פלעקען, מיט שטילע קעצישע טריט. צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, האָט זי זיך פאַמעליך אונטער'ן טיש געלאָזט און דאָרט האָט זי אָנגעהויבען צו שמעקען, און ניט געפינענדיג גאָרניט, איז זי פון אונטער'ן טיש אַפּער, האָט אַ קוק געכאַפּט אויף די דריי קעפּ אין די בעטען, האָט אַ ברייטען געניץ געטאָן, באַווייזענדיג די שיטערע, שפּיציגע ציין. נאָכדעם האָט זי געגעבען אַ ציה אויס די פאָדערשטע לאַפּעס מיט אַרויסגעלאָזטע נעגעל, האָט זיך אויסגעהאָרבעט ווי אַ קעמעל, און נאָכדעם אַ שטילען, גלאַנצענדיגען קוק איבער דער שטוב געוואָרפען, און איז זיך צוריק אויף איהר אָרט אַוועק.

דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין. די מוטער האָט עס באַלד דערהערט און מיט אַ פאַרשלאָפענעם ש־ש־ש און

מיט א קוש אין בעקעל האָט זי עס איינגעשטילט. דעם פאָטער האָט דער קוש עפּעס ווי אויפגערייצט. ער האָט קיינמאָל קיינעם ניט געקושט און איהם אויך קיינער ניט. אפשר ווען ער איז נאָך גאָר א פּיצעלע געווען, האָט איהם די מאַמע געקושט. ער געדענקט זי ניט. דעם פאָטער — אודאי ניט. די מוטער האָט מיט איהם געטראָגען, ווען דער פאָטער איז געשטאָרבען. מסתמא האָט דער פאָטער אויך אזא פּנים געהאַט, ווי ער. פרעמדע מענשען האָבען איהם אויסגעהאָדעוועט. ערגעץ אינוועניג האָט זיך ביי איהם א קנאה צום קינד דערוועקט. ער האָט געוואָלט, עמיצער זאָל איהם אויך א קוש געבען. א קלעמענדיגער וועהטאָג האָט זיין הארץ ארומגענומען, ער האָט א גרויען אומעטיגען קוק אין שטוב געוואָר־פען און אויפ'ן טיש, און האָט זיך דערמאָנט, אז אין שטוב איז קיין פּיצעל ברויט ניטאָ, קיין קלעצעל צוקער, קיין ברעקעל האָלץ — קאָלט! ער דארף ארויסגעהן אין גאס א ניכטערער, ארומדרעהען זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט אויפ'ן וואָקזאַל, פּאַקען א פּאַסאַזשיר, כאַפּען ביי איהם דאָס פּעקעל און פּאָר עטליכע קאָפּיקעס טראָגען וועד ווייסט וואוהין. עס טרעפט, אז ער האָט דאָס אויך ניט...

ער האָט זיך אָנגעטאָן, אפילו זיך ניט ארומגעוואַשען און זיך געלאָזט צו דער טיר. נאָר ער איז פּלוצלונג שטעהן געבליבען, ווי עפּעס געהיימעס, שרעקענדעס וואָלט איהם פארהאַלטען. ער איז געשטאַנען א מינוט צייט, האָט מיט א פארקלעמט הארץ געקוקט אויף די צוויי קעפּ אין בעט, איז ענדליך אויטאָמאַטיש צו זיי צו־געגאַנגען, האָט זיי ביידע צו קושען געגעבען און איז פון שטוב ארויס...

שפּעטער מיט א פּאָר שעה האָט מען איהם אהיים געבראַכט אויף צווייען אַן איבערגעשניטענעם.

קאַזאַקעז.

אין אַן ערד־שטיבעל מיט דריי־קאַנטיגע פענסטער, וועלכע קוקען זיך אָן מיט דער שוואַרצער, פייכטער ערד, וואָס ליגט זיי תמיד אַנטקעגען, ווי אַ שטיק פאַרגליווערטע נאַכט, וואוינט אַ גרויסע פאַמיליע, וועלכע מען רופט אין די שמאָלע געסלאַך „קאָזאַקען".

די „קאָזאַקען" זיינען שוין פון לאַנג באַוואוסט אין די שמאָלע געסלאַך, כאָטש תחילת זיינען נאָך קיין סך קאָזאַקען ניט געווען, נאָר איין קאָזאַק מיט איין קאָזאַטשקע; נאָכדעם האָבען זיך אָנ־געהויבען שיטען קאָזאַקלאַך און קאָזאַטשקעלאַך, און ווען די צאָהל זייערע האָט דערגרייכט ביז'ן האַלבען טוץ, האָבען זיי אָנגעהויבען אַוועקמאַרשירען אויף יענער וועלט, נאָר אויף זייער אָרט זיינען אָבער באַלד אָנגעקומען אַנדערע. געמאַכט האָט זיך אפילו איינ־מאָל, ווען די קאָזאַטשקע איז געלעגען אין קימפּעט און נעבען איהר איז געלעגען אַ קליין קאָזאַטשקעלע און געגוואַלדוועט, איז אויף דער ערד געלעגען מיט שוואַרצען איבערגעדעקט אַ קליין קאָזאַקעל און געשוויגען... מעהר ווי דריי טעג איז די קאָזאַטשקע אין קימ־פּעט ניט געלעגען, אויפ'ן פערטען טאָג איז זי שוין אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב און געטאָן אַלע אַרבייטען און — גאָר ניט, ווי זי וואָלט ניט קיין קינד געהאַט, נאָר אַן איי געלעגט.

אַ באָבע האָט מען נאָר צו די ערשטע פּאָר קינדער גערופען, נאָכדעם האָט זיך דער קאָזאַק, וועלכער איז תמיד געשטאַנען ביים „האָבען", אויסגעלערענט די מלאכה און האָט אַליין מיט זיינע גרויסע, שוואַרצע לאַפּעס דאָס קינד ביי איהר גענומען, און ווען ער איז שוין געווען פאַרטיג מיט דער אַרבייט, האָט ער איהר אַ וויין געגעבען דאָס קינד, זאָגענדיג דערביי: „נאַ!"

געהאַט האָבען זיי פופצעהן קינדער, אַ חוץ צוויי מפּיל'אַך און אַ פּאָרעל, וועלכע זי האָט ניט אויסגעטראָגען די גאַנצע ניין חדשים און געבוירען צוויי נאַסע, וואָרימע מתים'לאַך. פון די פופצעהן קינדער זיינען איינגאַנצען צוויי געבליבען, אַ מיידעל מיט אַ איינגעל, אויך אַזעלכע געזונטע, ריזיגע, ווי טאַטע־מאַמע. דיביידע — דאָס מיידעל מיט'ן איינגעל — האָבען שוין אויך חתונה געהאַט און האָבען צוזאַמען, אַ חוץ געשטאָרבענע, זעקס קינדערלאַך.

דער טאָכטער'ס מאַן איז טאַקע דעם קאָזאַק'ס אַ ברודער, און צונויפגעפיהרט דעם שידוך, האָט טאַקע דער אַלטער קאָזאַק אַליין, און דאָס, פשוט און פּראָסט, „פּאָ קאָזאַצקאָמו":

דער יונגער קאָזאַק איז צוריק מיט אַ יאָהר צעהן געקומען פון סלוזשבע, אַ הויכער דראַגון מיט צוויי געזונטע באַקען און מיט אַ ברייטער פּלייצע. שרה, דעם קאָזאַק'ס טאָכטער, איז דעמאָלט אַלט געווען זעכצעהן יאָהר, כאָטש זי האָט שוין אויסגעזעהן ווי אַ פרוי פון דרייסיג, — אַ הויכע, אַ גראָבע, מיט אַ גרויסען, צוגאָ־סענעם ביוסט, וועלכער האָט פאַרנומען כמעט אַ האַלבען פאָדער־שטען טייל קערפּער.

באַלד ווי דער דראַגון האָט זי דערזעהן, האָט ער געכאַפּט אַ „קנס" אויף איהר... אַזוי „פּאָ דראַגונסקאָמו"... און זי אויף איהם אויך, און איז רויט געוואָרען ווי אַ לונג.

ביים מיטאָג, ווען אַלע זיינען געזעסען ביים טיש, און דער אַלטער קאָזאַק האָט נאָך גענומען מעהר אַ ביסעלע, ווי ער נעמט געוויינליך פאַר'ן עסען, און האָט דאָס מאָל מכבד געווען אויך דער קאָזאַטשקע זיינער מיט אַ האַלב גלעזעלע, האָט ער עפּעס אַזוי געכאַפּט אַ קוק און האָט באַמערקט, ווי דער ברודער זיינער קוקט אויף דער טאָכטער, און איהם איז באַלד איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז דאָס וואָלט געווען אַ פּאָר.

— ווי געפעלט דיר עפּעס די מויד, אַ? — האָט ער פּלוצלינג אַ פרעג געגעבען דעם ברודער.

און ביידע, דער טאַטע מיט'ן פעטער, האָבען זיך אָנגעהויבען צו חכמה'נען, שיטען מיאוס'ע ווערטלאַך אויף איהר חשבון, ווי

דאָס וואָלט ניט געווען קיין אייגענע, נאָר אַ פרעמדע מויד. ענדליך האָט דער פאָטער געזאָגט צום פעטער:

— יואל! דו וואָלסט אַ קונה געווען אויף אזא מויד? — און גלייך טרויעריג צוגעגעבען: — דו ווייסט דאָך, אז זי איז ביי מיר איין איינציגע... און איך, ווי דו זעהסט מיך אַ אידען, פארגין זי ניט אַ פרעמדען... ווער ווייסט, צו וועמען זי קאָן אריינפאַלען... און דו ביזט מיין ברודער, ווייל איך דיך האָבן פאר אַן איידעם, דו וועסט מיך ניט שילטען.

און אָט אזוי איז געוואָרען דער שידוך.

דער זוהן, וועלכער איז עלטער ניט מעהר ווי מיט איין יאָהר פון דער טאָכטער, איז שטארק ברוגז געוואָרען, פארוואָס מ'וויל דער שוועסטער פריהער חתונה מאכען פאר איהם, און ער האָט אנדערש ניט געוואָלט, נאָר מען זאָל איהם חתונה מאכען פריהער, און ווי פון דער ערד האָט ער ערגעץ אַ מיידעל באַקומען, האָט זי אריינגעפיהרט אין שטוב אריין און געזאָגט: „אָט איז מיין כלה!" און עס איז קיין ברירה ניט געווען — דעם זוהן מיט דער טאָכטער האָט מען אונטער איין חופה געפיהרט.

אַלע וואוינען צוזאמען, די מאַנסבילען לעבען צווישען זיך זעהר גוט, נאָר די קאָזאַטשקעס פיהרען אָפטע מלחמות צווישען זיך, און אם מיינסטען איז אין דעם שולדיג די אַלטע קאָזאַטשקע. זי וויל איבער אַלעמען געוועלטיגען. די צוויי ווייבלאך אָבער האָבען זיך ניט געלאָזט שפייען אין דער קאשע און די אַלטע קאָזאַטשקע האָט זייער עזות ניט געקאָנט סובל זיין, איז פאר אַ ליאַדע קלייניגקייט, ווען איינע פון זיי, די טאָכטער צי די שנור, האָט איהר פוגע בכבוד געווען, האָט זי ניט געמאכט קיין שהיות און פארפאָהרען אין פיסק אריין. די ערשטע צייטען פלעגען זיך די מאנען זייערע ארייננמישען, און דאָס אריינמישען האָט געבראכט צו אַן אַלגעמיין געשלעג, טאקע ווי קאָזאַקען שלאָגען זיך. הענט זיינען געפאַלען אויף רעכטס און אויף לינקס, און וואו אַ קלאַפּ איז געפאַלען, האָט ניט אויסגעמאכט, ווייל יעדער איינציגער האָט געוואָלט שלאָגען אַלעמען.

נאָכ'ן געשלעג איז שטיל געוואָרען, ווי נאָך כפּרות. שאַ, שטיל, ברוגז. די מאַנסבילען, וועלכע ארבייטען צוזאַמען שוסטעריי ביי איין ווארשטאַטעל, האָבען זיך צוריקגעזעצט צו דער ארבייט, און די דריי ווייבער האָבען זיך ברוגז'ע ארומגעדרעהט איבער דער שטוב, ווי דריי גרויסע גאַלאַגאַן־הינער. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס סקריפּען פון זייערע שיך און אַ קלאַפּען פון האַמערס.

נאָר דער ברוגז האָט לאַנג ניט געהאַלטען. איז דאָס געשלעג פאָרגעקומען פאַרמיטאָג, האָט מען זיך נאָך ביים מיטאָג איבער־געבעטען. און דאָס ניט אויף טרוקען — מען האָט גענומען צו „ביסלאַך", און די ווייבער האָט מען אויך געגעבען צו האַלבע גלעזעלאַך. ביים טרינקען האָט נאָך קיינער ניט גערעדט, נאָר אין אַ פּאָר מינוט ארום איז עמיצער ארויס מיט אַ וואָרט, האָט אַ צווייטער געענטפערט, און פאַרטיג — אַזוי ווי עס וואָלט גאָרניט פאָרגעקומען, איינס דאָס אַנדערע טרייבט שוין אונטער, מען זאָל עסען; שלום ושלוה! און אַז שלום, איז שלום; איינס פאַר דאָס אַנדערע וועלען זיך לאָזען די נעז שניידען. איז ביי וועמען אַ קינד פאַרשלאָפט געוואָרען, זיינען אַלע דריי ווייבער געזעסען, און מען איז פון איהם ניט אָפּגעטראָטען טאָג און נאכט, ביז עס איז געזונט געוואָרען, אָדער געשטאָרבען. און אַז געשטאָרבען, האָט מען ווי־פיל לייכטער עס איז דאָ אין שטוב, ארומגעשטעלט ארום מת'ל, און געווען איז ליכטיג, ווי פרייטאָג צונאכטס, און אין שטוב איז כמעט ווי פרעהליך געווען, עפּעס אַ מין פרעהליכער און ליכטיגער אומעט...

* * *

סיי זומער, סיי ווינטער, זיינען זיי אויפגעשטאַנען זיבען אַזייגער, אָנגעטאָן טלית און תפילין און זיך געשטעלט דאַווענען. נאָכ'ן דאַווענען האָט מען גענומען צו ביסלאַך בראַנפען און צוגע־ביסען מיט גראָשענע אייער־בייגעל. דערפון האָבען אפילו ניט געוואוסט די קאַזאַטשקעס, די מאַנען האָבען דאָס אָפּגעארבייט, ווען ווייב און קינדער זיינען נאָך געשלאָפען. אכט, האַלב ניין אַזייגער האָבען די קאָזאַקען אויפגעוועקט די קאָזאַטשקעס און די

קאָזאַטשקעס ווידער האָבען אויפגעוועקט די קאָזאַקלאַך און ס'איז געוואָרען לעבעדיג.

צוועלף אזייגער עסט מען מיטאָג. אַלע זעצען זיך אוים ביי איין גרויסען, רויט־געפאַרבטען טיש, וועלכער ווערט פאַרשפּרייט מיט א גראָב, קויטיג טישטוך, פול מיט לאַטעס. דער אַלטער קאָזאַק שניידט אָן א גרויסען הויפען ברויט, די אַלטע קאָזאַטשקע דער־לאַנגט א גרויסען שיסעל, וועלכער איז ניט קיין סך קלענער פון די שיסלען, וואָס מען וואַשט זיך אין זיי. דער קליינער חברה גיט מען אראָפּ באזונדער אין קליינע בלעכענע טעלערלאַך, און די גרויסע עסען צוזאַמען פון דער איינער שיסעל, פון וועלכער עס זעצט א פּארע, ווי פון א באליע מיט וועש, און די לעפעל פּאַלען אהינצו אריין, ווי אין א געדיכטען נעבעל.

דער אַלטער קאָזאַק זיצט אויבען־אָן, ביי די זייטען — די יונגע קאָזאַקען, נאָך זיי — די קאָזאַטשקעס און צווישען זיי די קליינע קאָזאַקלאַך.

ניין, צעהן אזייגער עסט מען וועטשערע, און באַלד נאָך דעם געהט מען מיט די פולע בייכער שלאָפען. אַלע שלאָפען אין איין גרויסען צימער, וועלכעס איז פול אָנגעשטעלט מיט געזונטע היל־צערנע בעטען. א חוץ די בעטען איז דאָרטען גאָרניט ניטאָ, נאָר איין אַלטער, צופאַהרענער קאָמאָד, וועלכער איז פול אָנגעשטאָפּט מיט שמאַטעס. אפילו ניט קיין נוציגע, און דאָך ליגען זיי דאָרטען שוין יאָהרען לאַנג: צוריסענע הויזענס, דעם אַלטען'ס קאַפּאָטע פון דער חתונה, צוריסענע וועש, אַלטע ,פאַרפעצטע קאַמזוילען, בלוזקעלאַך, סטאַניקלאַך, טשיפּקעס, גראָבע מילטענע מאַיטקעס און דעם דראַגונ'ס „דראַגונסקי מונדיר" אָהן קנעפּלאַך (די קנעפּלאַך האָבען די חברה אָפּגעדרעהט)... אויף דעם קאָמאָד ווערט אָנגע־וואָרפען אַלעמענס אָנטאָן, עס וואַקסט אוים א גאַנצער באַרג פון קליינע הויזעלאַך מיט גרויסע הויזען, פון קליינע קליידעלאַך מיט גרויסע קליידער, קליינע היטעלאַך מיט גרויסע היטלען. אַלע טוען זיך אוים און וואַרפען אויף דעם קאָמאָד ארויף. מיט'ן אויסטאָן קרעמפּירט מען זיך ניט. ניט די ווייבער שעמען זיך פאַר די

מאַנסבילען, און ניט די מאַנסבילען פאַר די ווייבער. אין יעדער בעט ליגט אַ גרויסער מענש מיט אַ קליין מענשעלע.

* * *

פרייטאָג האַלבען טאָג ווערט שבת אין שטוב. די ווייבער פאַרשמירען דעם טשאָלענט, די מאַנסבילען לייגען־אַוועק די אַר־בייט און געהען אַוועק אין באָד אַריין, מיטנעמענדיג מיט זיך אַ פּאָר קאַזאַקלאַך און אַ קאַזאַטשקעלע פון אַ יאָהר אַכט־ניין, וועלכע געהט אויך אין דעם מאַנסבילשען באָד אַריין, און ווען זיי קומען פון באָד, דערצעהלט זי פון דאָרטען גאַנצע מעשיות, און די קאַזאַקען מיט די קאַזאַטשקעס ווערען צוקייכט פון געלעכטער...

די ווערקשטוב ווערט צוגערוימט, דאָס וואַרשטאַטעל פאַר־רוקט אין אַ ווינקעל אַריין, און אויבען אויף דעם וואַרפט מען אָן די בענקלאַך מיט די פיסלאַך אַרויף. אַרום וואַרשטאַטעל ווערט צונויפגעשאַרט דאָס גאַנצע אַלטוואַרג: גאַנצע שטיוועל, וואָס מען דאַרף זיי פאַרריכטען, און קאַליעוועס, וואָס דאַרפען ערשט ווע־רען שטיוועל, און גלאַט שטיקער אברים פון שוכוואַרג, אַלטע פּאַדעשוועס, קנאַפּעל, שטיקער לעדער, און אַלטע צולעכערטע קאַפּיטעס. דאָס אַלעס ווערט צונויפגעוואָרפען אין איין קופּע און אויבען אויף דער קופּע וואַרפט מען אָן שמאַטעס, מיט זעק, און זיי האַלטען דאָרטען שבת. בלייבט אַ פּאָר פאַרטיגע נייע שיך, שטעלט מען זיי אַרויף אויפ'ן פענסטער מיט די נעז צום שטוב. אויפ'ן טיש ווערט אַרויפגעשטעלט עפּעס אַן אָנדערהאַלבען טוץ לייכטער, און זיי ווערען אָנגעשטעקט מיט חלב'נע ליכטלאַך.

די ווייבער, וועלכע געהען אַ גאַנצען פרייטאָג'דיגען טאָג אַרום אָהן בלוזעס, אין הוילע אונטערשטע קליידלאַך, טוען זיך אָן אין פּראָסטע סיצינע קליידער, וועלכע זיי האַלטען פון שבת צו שבת. אז די שטוב ווערט איינגאַנצען שבת'דיג, דאָס הייסט, אַז די ווייבער פאַרטיגען זיך אָפּ פון זייער גאַנצער אַרבייט, געהט מען ערשט עסען ראָסעל־פלייש, אין וועלכען עס ווערען אויסגע־טונקען אַ 5—6 גרויסע בולקעס. די ווייבער מיט די מאַנען זיינען

איינס צום אנדערען זעהר העפליך, ווי די יונגע, אזוי אויך דאָס אַלטע פּאָר פאָלק...

זומער, באלד נאָכ'ן ראָסעל־פּלייש, פארנעהמען זיך די דריי קאָזאַקען שפּאַצירען. אלע געהען גלייך, שטאָלץ אויסגעצויגען.

דער בעסטער שפּאַציר זייערער איז אויף דער שאָסיי־גאָס. דאָרטען געהען זיי אויפ'ן שמאָלען טראָטואר און פארנעהמען די גאַנצע ברייט זיינע. זיי געהען טריט ביי טריט, פּארקוקען זיך אין יעדען פענסטער אריין, שטעלען זיך אָפּ ביי אייניגע און קוקען אויף דער אויסשטעלונג.

אזוי וואנדערען זיי ארום ביז פארנאכט. פון דאָרטען געהען זיי אוועק אין דער שוסטערשער שוהל אריין, און פון דער שוהל גלייך אהיים. מיט קליינע טריט און פארלייגטע הענט אהינטער. באלד ווי זיי קומען אין שטוב אריין, דערהערען זיך דריי געזונטע, גרויסע „גוט־שבת'ן". עס ווערט א קנאַקעריי פון א „שלום עליכם", ארומדרעהענדיג זיך איבער דער שטוב הין און צוריק. די איבעריגע קאָזאַקלאַך זיינען נעבען די קאָזאַטשקעס, וועלכע זיצען עפּעס אויף א גרויסען קאַסטען אנטקעגען טיש און שפּילען זיך מיט זיי.

נאָך קידוש געהט ערשט אַ סדרה טיי, און ביים טיי הויבט אָן דער אַלטער קאָזאַק צו זינגען זיין ליבען פּאָרט־ארטורער מאַרש: ראַם! טירי־ראַם; טי־דע־ריטאַם־טאַם־טאַם! איהם העלפען די יונגע קאָזאַקען מיט'ן קליינעם קאָזאַקעל, און יענע, די איבעריגע קאָזאַקלאַך, נעמען זיך צונויף אין מיטען שטוב אין אַ ראָד און געהען אַ קייליעכיגס. ע ל ק ע, דעם קאָזאַק'ס שנור, וועלכע האלט זיך פאר אַ גוטער טענצערין, קאָן ניט ליידען, ווי זיי דרעהען זיך גלאַט אזוי, און זי געהט צו, נעמט־אָן צוויי קינדער ביי די הענטלאַך און לערענט זיי טאַנצען צום טאַקט; געהט שוין צו ש ר ה און נעמט אויך צוויי קינדער און ווייזט דער שוויגערין, אז זי איז אויך ניט פון די, וואס מען קויפט צוויי פאר אַ גראָשען — אז זי קאָן אויך טאַנצען. בלייבט, נעבאַך, איין קאָזאַקעל, וואָס מאַכט גוואַלדען: עס וויל אויך מיט עמיצען

טאַנצען; שפּרינגט שוין צו די באַבע און נעמט עס אָן מיטביידע הענט ביי ביידע הענטלאַך און הויבט זיך אויך אָן צו דרעהען. דרעהען זיך אַלע, און צעהנדליגער דורכזיכטיגע, שיטערע, שבת׳-דיגע שאַטענס טאַנצען־נאַך אויף די ווענט, גרויסע שאַטענס מיט קליינע שאַטענדלאַך, און די דריי קאַזאַקען זינגען און פּליעסקען, אַז מען צולעגט שיער ניט די שטוב.

דאָס קומט פאַר יעדען שבת און יום טוב. און ווען אַלע אידען האָבען שוין אָפּגעגעסען, קלייבט מען זיך ערשט ארום דעם קאַזאַק׳ס שטוב, מ׳קוקט אַראָפּ אין די פענסטער און מ׳איז זיי מקנא:

— אָט, א גליקליכע פאמיליע!

א געהאנגענער.

די בוידים־שטיבלאך ווערען זעלטען־ווען פארטיג מיט די הייזער צוזאמען; זיי שטעהען אָפּ א יאָהר, צוויי, דריי, און אָפט מעהר אויך, ביז מ'מאכט זיי פאר שטיבלאך. אָבער בויען בויען זיך אלע הייזער מיט בוידים־שטיבלאך. סיידען נאָר די אלטע לייזער, וואָס האָבען זיך געבויט נאָר פארצייטען, האָבען קיין בוידים־שטיבלאך ניט. אָבער אויך ארום אָט די הייזער קאָן מען זעהן יעדען שבת, זומער אין דער פריה, ארומגעהן א פּאָר אידען אין אונטערשטע ווייסע הויזען, מיט הוילע פּיס אין קאַלאָשען, מיט'ן שווארצען אלטען מאנטעל און צוקאָשמעטע שלאָף־היטלען, און טראכטען און פּלאַנעווען, ווי אזוי דאָ אויך צו־מאכען א בוידים־שטיבעל. א בוידים־שטיבעל איז אין די שמאָלע געסלאך א גרויס חשיבות. דאָס איז עפּעס מעשה גאָרן, און א גאָרן האָט דאָך נאָר א מויער און א מויער איז די ערשטע פאנטאזיע, וועלכע קאָן אמאָל ארייַנפאלען א שמאָל־געסעלדיגען. די שמאָל־געסעל'־דיגע זיינען, ניט אויסגערעדט זאל זיין, גרויסע קבצנים און דער־לעבען קוים, ווי עס ווערט נאָר די שטוב מיט ווענט ארומגעוואַ־־פען, ארייַנכאפּען זיך אין שטוב אריין, און דאָס בוידים־שטיבעל, אויף וויפיל עס איז חשוב, בלייבט עס דאָך פּאָרט עפּעס אזוי ווי איבעריג און מ'ווארט מיט דעם, „ביז גאָט וועט העלפען".

דערווייל בלייבט עס א בוידים, א שעהנער, ליכטיגער בוידים מיט דריי גרויסע לעכער פון פּאָרענט. צוויי אויף פענסטער און די דריטע לאָך אין מיטען, אביסעל לענגער און שמעלער, ווי יענע צוויי. דאָס זעהט מען, איז א טיר. הינטען, וואו עס ענדיגט זיך די לאָך ביים טיר, שטעקען פון דער וואַנט ארוים דריי שטיקער

באַלקען, וואָס וואַרטען אויף אַ בריקעל און ווערען, נעבאַך, צו־שפּאָלטען פון דער זון און פון דער פרייער לופט.

די בוידימער, ביז מען מאַכט די פּאָר בוידים־שטיבלאַך, שטעהען דערווייל ניט ליידיג. יעדער שמאָל־געסעלדיגער, אויף וויפיל ער איז אָרעם, קאָן זיך דאָך זיין ביסעל אָרימקייט אין שטוב ניט אויסשטעלען, און מוז אַ סך בעל־הבת'ישקייט ארויפ־שטעלען אויפ'ן בוידים. ווער שמועסט, ווען ס'פאַלט אַהין אריין אַ געפאַלענער גביר, ביי וועלכען עס איז נאָך געבליבען אַ ביסעל מעבעל, שטעהט עס אין גאַנצען אויפ'ן בוידים אויסגעשטעלט, פּונקט ווי עס איז אַמאָל געשטאַנען אין שעהנעם סאַלאָן; נאָר אויפ'ן בוידים זעהט עס אויס אַזוי טרויעריג, מאַכט אַזאַ שלעכ־טען איינדרוק, אַז ווען ס'קומט עמיצער פון דער פאַמיליע ארויף, מוז ער ארויסלאָזען אַ פּאָר טרערען פאַר'ן מעבעל, וואָס שטעהט נעבאַך, איצט אַזוי פאַרלאָזט, באַדעקט מיט אַ געדיכטען גרויען שטויב. און ניט נאָר אַזעלכע זאַכען שטעהען דאָרט, וואָס מ'קאָן זיך אָהן זיי באַגעהן, נאָר אויך אַנדערע, וואָס מ'דאַרף זעהר אָפט צום נוצען, ווי אַ שטייגער, אַ זאַלץ-ברעטעל, אַ לאָקשען-ברעט, אַ מולטער און נאָך אַזעלכע זאַכען. און די ווייבער מוזען, נעבאַך, אַלע מאָל קריכען אויפ'ן בוידים און פארשילטען זיך, ביי יעדעס מאָל, דאָס געביין. וואָלטען כאָטש טרעפּ געוועזען! נאָר דאָ קומט אויס צו קריכען אויף פראָסטע לייטערס, אויף דינע שטאַפּלען, און עס פאַלט זיי די נשמות ארויס: אָט ברעכט זיך אונטער אַ שטאַפּעל און זיי פליהען אַראָפּ. נאָך שרעקליכער זיינען די לייטערס פאַר מעוברתע ווייבער. זיי באַגיסען זיך מיט שוויים ביז זיי דערלאַנ־גען צום בוידים. עס האָט שוין אַמאָל געטראָפען, אַז ס'איז אַראָפּ־געפאַלען אַ מעוברת'ע אידענע און איז אויפ'ן אָרט גע'הרגעט גע־וואָרען. זי האָט נאָר איין געשריי געטאָן. און ווען מאַיז אריינ־געלאָפען, איז זי שוין געלעגען מיט איבערגעקעהרטע ווייסלען...

פאַר יום־טובים באַזעצט מען דאָרט עופות אויף כפּרות. דעמאָלט ווערען די בוידימער גאָר אויפגעלעבט. עס קרעהען העהנער און קליינע הענדלאַך ווילען נאָכקרעהען, מאַטערען זיי זיך מיט אַלע

כוחות, ווי זיי וואָלטען וועלען ווייזען זייערע איינגעלאָך, וועלכע דאַרפען מיט זיי כפּרות שלאָגען, אז זיי קאָנען אויך דאָס זעלבע, וואָס די גרויסע הענער. חוץ די הענער מיט די הינער, זיצען נאָך קאַטשקעס מיט קאַטשערס אויך. אַמאָל געפעלט וועמען מיט א קאַטשקע צו שלאָגען כפּרות; די הענער קרעהען, נאָר די קאַטשקעס שווייגען אויך ניט און רייסען זיך אויף זייערע געזונטע הייזעריגע קולות. טרעפט ערגעץ וואו א בוידים, וואו סאיז נאָך דאָ א אינדיק אויך, שווייגט דער אינדיק אויך ניט און רוליגעט אלע מאָל פון א בוידים אראָפּ נאָך יעדען געשריי און נאָך יעדען פייף, וואָס א אינגעל גיט דאָרטען דורכגעהענדיג.

דאָרטען שטעהט א בוידים־שטיבעל, וואָס קיינער וויל עס ניט אָנזעהן.

צוריק מיט א פּאָר יאָהר, ווען דאָס בוידים־שטיבעל איז נאָך א פּראָסטער בוידים געוועזן, האָט זיך דאָרט א איד געהאַנגען, דעם געהאַנגענעם האָבען אלע געקענט: דאָס איז געוועזן א קליין, פּיצעל אידעל מיט א לאַנגער און ברייטער באָרד, וואָס האָט גאר־ניט געפּאַסט פאַר זיין וואוקס, און דערפאַר האָט ער געהאַט עפּעס א מין משונה׳דיג אויסזעהן. דאָס קליין אידעל האָט געהאַט א לאַנגע ווייב מיט פיר קינדער, צוויי זיינען געוועזן אין איהם גע־ראָטען, און צוויי — אין דעם ווייב.

פאַרוואָס ער האָט זיך געהאַנגען, איז עד היום געבליבען א סוד. מ׳ווייס, אז ער איז תמיד געוועזן א שטילער, א שוויי־גענדיגער. מ׳ווייס אויך, אז ער איז געוועזן א גרויסער אביון.

א טאָג פאַר׳ן הענגען זיך האָט ער גע׳גט דאָס ווייב. דאָס ווייב דערצעהלט, אז ער איז דעם טאָג אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, האָט זיך אָנגעטאָן די שבת׳דיגע קאַפּאָטע, אויסגעשמירט די שטיוועל מיט זשעגעכץ, און נאָכ׳ן טיי האָט ער געזאָגט צו איהר: „קום!" האָט זי געפרעגט: „וואוהין?" האָט ער געזאָגט: „זיך גט׳ן". זי האָט געמיינט, אז ער לאַכט, און אזוי, ווי זי האָט זיך דאַמאָלט געוואונדערט, אזוי וואונדערט זי זיך נאָך עד היום: נאָך וואָס האָט ער זי באַדאַרפט גט׳ן, אין דער צייט, ווען ער האָט

שוין פעסט געוואוסט, אז ער וועט זיך אויף מאָרגען הענגען. זי פארשטעהט עס ניט, נאָר די שמאָלע געסלאך פארשטעהען עס דוקא יאָ: ארום איהר האָט זיך געדרעהט א לאנגער, געזונטער בעל-עגלה, און דער בעל-עגלה, האָט ער געוואוסט, איז א כהן, און א כהן טאָר דאָך קיין גרושה ניט נעהמען, און הענגען זיך האָט ער שוין, ווייזט אויס, לאנג געקלערט, האָט ער זיך געוואלט באוואָרענען, זי זאָל ניט חתונה האָבען מיט'ן כהן.

אויף מאָרגען נאָכ'ן גט'ן זיך איז ער ניט געוואָרען. אין א טאָג ארום נאָכ'ן ניט-ווערען האָט זיך אין איינס פון די שמאָלע געסלאך (ניט אויף דעם, וואו ער האָט געוואוינט) עפּעס א מין ריח אָנגעהויבען צו שפּירען, אזא מיאוסער ריח, ווי עס טרעפט זעהר אָפט אין די שמאָלע געסלאך. און די שמאָל-געסעלדיגע האָט עס, געוועהנליך, ניט אָנגעהויבען צו ארען. דאָרטען קאָן אָפּליגען א גע'פגר'טע קאץ, אָדער א הונט, א פּאָר וואָכן, און קיינער זאָל די פּגירה ניט אָפּרוימען. ווען די קאץ איז נאָך פריש, טראָגען זי די ווייסע-חברה ארום אויף שטעקלאך און שרייען „צרקה תציל ממות", שפּעטער לאָזט מען זי צורוה, „ליגט זי זיך בשלום אויף איהר געלעגער" און גאנצע בערג ווערים גריבלען זיך אין איהר, און עס דוכט א ביסעל פון ווייטען, אז די קאץ ריהרט זיך, הויבט דעם בויך.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט זיך דער מיאוס'ער ריח געשטאַרקט און די שמאָל-געסעלדיגע האָבען שוין אָנגעהויבען קנייטשען די נעזער און פרעגען איינער דעם אנדערען, וואס שפּירט זיך דאָ עפּעס אזוי, ווי נבלה? און אויפ'ן דריטען טאָג איז שוין אוממעגליך געווען דורכצוגעהן דאָס געסעל.

דאָס איז געווען אין די גרעסטע היצען. די זון איז גאנץ פריה צוגעקומען צו די בוידימער און האָט פון דאָרטען ניט אפּגעטראָטען ביז פארנאכט. און ווי אויף אלע בוידימער, אזוי אויך אויף דעם בוידים, וואו דער געהאנגענער איז געהאנגען. די זון האָט איהם געוואַרימט, געשטאָכען מיט די הייסע שטראַהלען, ווי מיט אנגעברענטע שפּיזלען, און דער געהאנגענער איז זיך רוהיג

געהאנגען, אזוי רוהיג, אזוי שטיל, גלייך ווי ער וואלט אין דער לופטען שמונה־עשרה געשטאנען, אדער גאר, ווי ער וואלט זיך געלאזט פליהען אין הימעל אריין, און איז דא אונטער א באלקען פארגליווערט געווארען, מיט א פארריסענעם קאפ, מיט א לאנגען, דין־אויסגעצויגענעם האלז, מיט ארויסגעקראכענע אויגען און מיט א לאנגער שווארצער צונג, וואס האט ארויסגעשטעקט פון א גרויסער, ברייטער, שווארצער לאך מיט ווייסע צייהן. און ווען די זון איז אוועק, איז זיך, ווי אויף אלע בוידימער, צוגעפאלען די נאכט, א נאכט, ווי אלע זומערדיגע נעכט אין די שמאלע געסלאך: שטילע, דושנע און פארגליווערטע נעכט, אהן א טראפען לופט צום אטעמען.

און די דריי נעכט, וואס דער געהאנגענער איז דארט אויבען, אויפ'ן בוידים, געהאנגען, איינגעהילט אין א געדיכטער, טרויעריגער בוידים־פינסטערניש, זיינען נאך ערגער פון אלע נעכט געוועזן. דאס זיינען ניט קיין נעכט געוועזן, נאר א שווארצע, גרויסע נבלה האט זיך, נאך די שטיקענדע טעג, אין די געסלאך צושפרייט, און טויטערהייט איז זי מיט הונדערטער שווארצע, קליינע לאפּקעלאך אין די נעזער געקראכען, האט די העלזער געווארגען; א סך, וואס שלאפען זומער אויף די בריקלאך, האבען געמוזט אין די הייזער שלאפען, אבער אין די הייזער איז זי אויך געקראכען, דורך שפארינעס זיך דורכגעשפארט.

מענשען האבען ניט געוואוסט, וואס דאס איז, אבער הינט האבען יא געוואוסט; נאך דעם ערשטען טאג האבען זיי עס דערשפירט און האבען זיך אנגעהויבען ארומצודרעהען מחנות־ווייז, און ביי־נאכט איז שוין גאר געוועזן פרעהליך; מען האט זיך געשפילט און געשלאגען אדער גאר זיך צונויפגענומען כתות־ווייז און שטיל און טרויעריג ארומגעשמעקט איינס דאס אנדערע, און איז ערגעץ־וואו אין דעם געסעל אין א שטוב א הינטעל געוועזן, האט עס גאנצע נאכט אין טיר געסקראבעט, זיך געבעטען, מען זאל עס ארויסלאזען, און מ'האט עס געמוזט צוליב טאן; ס'איז גלייך צו צו אלע הינט, מען האט זיך שטיל, אויף שטום־לשון, מיט

אויפגעשטעלטע, וואַרעפנדיגע ווײדלען, עפּעס איבערגעגעבען. נאָכדעם זײנען זײ זיך צוגאַנגען, אײנער האָט אַן צװײטען פאַר־געסען און יעדערער באַזונדער האָט אָנגעהויבען אַרומצושמעקען די לופט, געקוקט מיט דורשטיג-ברענענדיגע אויגען, פאַרריסען דעם קאָפּ אַרויף, צום בוידים־צו. נאָר אָט האָט אײנער, װײזט אויס פון אומגעדולד, פאַר גרויס הונגער, זיך צוזאַװאָיעט, ממש צואװײנט זיך מיט אַ פאַרריסענער מאָרדע צום בוידים אַרויף, אָבער שטום, מיט אַן עקשנות, האָבען די דרײ שװאַרצע לעבער פון בוידים אַראָפּגעקוקט און געדוכט האָט זיך, אַז פון בוידים קוקט אַ באַ־זונדערע נאַכט אַרויס, עפּעס אַ באַזונדערע שטיק נאַכט, אַ געדיכ־טע, אַ שװאַרצע, װאָס קאָן זיך נאָר געפינען מיט אַ געהאַנגענעם אויף אַ בוידים.

פון צײט צו צײט האָט זיך ערגעץ פון אַ שטוב אַ װײסע פיגור באַװיזען, האָט אָנגעשריהען אויף די הינט, אַ ציטערדיגען „פּאַשאָל װאָן” אַרויסגעזאָגט און איז צוריק אין שטוב אַרײן.

אויפ'ן פערטען טאָג, גאַנץ פריה, איז די זאַך קלאָר געװאָרען. אין די שמאָלע געסלאַך איז געװאָרען אַ קאָבעניש, אַ לויפערײ פון אַלע זײטען, און די, װאָס האָבען נאָך ניט געװאוסט, זײנען צו־שראָקענע פון די הײזער אַרויס און געפרעגט: „װאָס לויפט מען?” האָט מען געענטפערט: „אַ געהאַנגענער”, — אַ קורצער און אַ שרעקליכער ענטפער. און געדוכט האָט זיך, אַז דער ענטפער איז פון דער הױלער לופט אַרויס, גלײך װי די לופט, די שטיקענדיגע לופט, האָט ענדליך צו װיסען געגעבען — װײל זי אַלײן האָט שוין דעם ריח ניט געקאָנט אַריבערטראָגען, און גלײך װי זי אַלײן װאָלט שוין אָהן אָטעם געבליבען און זיך אװעקגעלײגט אַ פאַר־שמאַכטע, אַ טרויעריגע, און קוים סאָפּענדיג געענטפערט:

א געהאַנגענער! א געהאַנגענער!...

און אַלע, גרויס און קלײן, יונג און אַלט, זײנען געלאָפען אַהין, צו יענעם בוידים, צו יענער שטוב, װאו דער געהאַנגענער געפינט זיך. אַלע זײנען געלאָפען מיט אַזעלכע דורשטיגע, ברע־נענדיגע אויגען, מיט פאַרזאָרגטע, נײגעריגע פּנים'ער.

און עס איז געוואַקסען אַ ים פון קעפּ, ער איז געוואַקסען און האָט זיך פון מינוט צו מינוט אַלץ ברייטער און ברייטער צו־שפּרייט. טויזענטער היטלען האָבען זיך אַזוי שטיל באַוועגט און גערדרעהט, ווי אַהין אַ שום זין, הין און צוריק, און געדוכט האָט זיך, אַז זיי שווימען אויף אַ שטיל, נאַר משוגע־דרעהענדיג וואַ־סער, און די לופט איז דאָרטען נאָך אומערטרעגליכער געוואָרען, עפּעס אַ מין מיאוס'ע, פאַרקרימטע ניט־צופרידענקייט האָט זיך ביי אַלעמען אויף די פאַרשוויצטע פּנים'ער צוגאָסען; איינער האָט דעם צווייטען ניט געקאָנט ליידען און אַלע האָבען געקוקט אהין אַרויף צו די רדיי גרויסע בוידים־לעכער, וועלכע האָבען, דוכט זיך, אַנ־דערש אויסגעזעהן, ווי אַנדערע בוידימער.

און דער עולם איז געוואַקסען, ווי אַ שטיל, טרויעריג, שוואַרץ וואַסער, וואָס גיסט זיך פון ערגעץ, וואַקסט פון מינוט צו מינוט און מען ווייס ניט פון וואַנען. פון צייט צו צייט האָט זיך דער־הערט עפּעס אַ מין געשריי, אַ געוויין פון אַ קינד, אַ קוויטש פון אַ מיידעל, אַ גראָבער באַס פון אַ מאַנסביל, אַ קללה פון אַ אידענע. געזונטע יונגען האָבען געלאָזט זייערע עלענבויגענס אין גאַנג. חברה גנבים האָבען אָנגעהויבען צו שלעפּען פון די קעשענעס זייגערלאַך מיט בייטעלאַך און וועלכעס מיידעל עס האָט געהאַט אַ שעהנעם גרויסען צאָפּ, איז ער פלינק אָפּגעשניטען געוואָרען. און אויבען, איבער די אַלע קעפּ, איבער אַלצדינג, וואָס דאָ האָט זיך געטאָן, האָט זיך די זון געשיינט; פריי און ברייט איז זי אין טיפען, ווייטען, בלויען הימעל געשטאַנען און האָט עפּעס ווי אויף צו להכעיס, עפּעס ווי אַלע וואָלטען איהר נמאס געווען, געברענט איבער די קעפּ, געקלאַפּט מיט היץ און צו דער מיאוס'ער עקעל־האַפטער נבלה־לופט האָט זיך נאָך אַ ריח פון שוויים צוגעמישט, אַ ריח פון צופאַרעטע, פאַרשוויצטע קערפּערס.

פלוצלינג:

— ראַזאידים!!!

אין דעם ים שוואַרצע היטלען האָט זיך אַ שורה ווייסע

אריינגעשניטען, איין היטעל איז נאָך דעם אנדערען נאָכגעשוואו־מען, אזוי פריי, ווי גענז אויפ'ן וואסער.

— פּאָליציי.

און דער גאנצער ים שווארצע קעפּ איז אויף א פּאָר מינוט פארגליווערט געווארען אין ערוואַרטונג און אין דערזעלבער צייט האָט זיך עפּעס א מין שטאַרקער ריח דערשפּירט, א ריח פון קארבאָל און פון נאָך פארשידענע שטאַרקייטען, וועלכע האָבען זיך שאַרף און האסטיג אין די נעזער אריינגעשניטען ,די הערצער פאר־כאַפּט און אין די אויגען האָבען זיך טרערען געשטעלט.

דורך דעם לאנגען און שמאָלען בוידים־לאָך האָט ער זיך באַוויזען, מיט א לאנגער ארויסגעשטעקטער צונג. מען האָט איהם ניט דערקענט: צוויי מאָל אזוי פיל לענגער געווארען, א לאַנגער האַלז, ווי ביי א שוואן, און די אויגען ארויסגעשטאַרטע, גרויסע, האָבען אויסגעזעהן, ווי שטיקער רויג (איקרע) פון א הערינג.

און אויף שטריק האָט מען איהם אראָפּגעלאָזט, גלייך ווי דאָס וואָלט גאָר קיין מענש ניט געווען, נאָר א בהמה א גע'פּגר'טע.

אין דערזעלבער צייט, ווען מען האָט פון אויבען דעם גע־האנגענעם אָנגעהויבען אראָפּצולאָזען, האָבען זיך פּלוצלינג פון די קעפּ ארויס צוויי הענד מיט צוויי שווערדען אויפגעהויבען, וועלכע האָבען זיך געדרעהט און זיך געוואָרפען אויף רעכטס און אויף לינקס. דער ים האָט זיך צושפּילט און צעוויגט, און קווי־טשען, געשרייען מיט גוואלדען האָבען די הייסע, מיאוס'ע לופט אָנגעפילט. דער שווארצער ים האָט זיך אין לאנגע, ברייטע כוואַ־ליעס צוגאָסען אין אלע זייטען, און געדוכט האָט זיך, אז אין דער ליכטיגער, הייס־ברענענדיגער לופט האָט זיך פּלוצלינג א מין כוואַליע אריינגעריסען; פון דאָרטען, פון בוידעם, איז זי אראָפּ, האָט ניט געוואָלט בלייבען אָהן געהאנגענעם, האָט זיך דאָרטען אויפ'ן בוידעם פאר די ווייסע היטלען מיט די ווייסע מונדירען דערשראָקען. און דער געהאנגענער, וועלכער האָט ניט געהאָט קיין אויסזעהן פון קיין מענש, נאָר פון עפּעס א מין פארזעהע־ניש, ווי א מפּיל פון די שווארצע, שטיקענדיגע נעכט, האָט זיך

פאַמעלאַך ביי דער וואַנט געגרוקט, פאַמעלאַך־פאַמעלאַך, ווי ער וואָלט מורא האָבען אראַפּצופאַלען און לעבעדיג ווערען. און ווען ער איז שוין גאַנץ נאָהנט געוועזען ביי דער ערד, האָבען איהם ערשט דאַס ווייב און די קינדער דערקענט — דערקענט ניט אָן פּנים, נאָר אָן די אויסגעשמירטע שטיוועל און אָן דער שבת׳דיגער קאַפּאָטע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ער היום דרעהט זיך נעבאַך דער בעל־הבית פון דער שטוב אַרום, קוקט פאַרזאָרגט אויף זיין בוידעם־שטיבעל: אַזוי פיל געלט אַריינגעלעגט, אַזוי פיל האָרעוואַניע, — און ער שילט דעם געהאַנגענעם, שילט איהם מיט שוואַרצע, טייוועלשע קללות.

א מזיק.

אין א ווינטער־נאכט, נאָך האַלבער נאכט, איז דאָס קינד אויף דער וועלט אַרויס, מיט א געזונטען קוויטש און מיט דריי ווייסע ציין פון פאָרענט...

ביי א יונג פאָר־פּאָלק האָט עס געטראָפען, דאָס ערשטע קינד געוועז. אין שטוב האָט זיך דעמאָלט געפונען די באָבע, דער קימפּעטאָרינס מוטער און דער קימפּעטאָרינס מאַן. און ווען די באָבע מיט דער קימפּעטאָרינס מוטער האָבען דאָס קינד מיט די ציין דערזעהן, זיינען זיי טויט־בלאָס געבליבען, און די באָבע האָט פלינק דער קימפּעטאָרינס מאַן א וואונק געגעבען. ער איז צו, און אַלע דריי האָבען זיך גנבה'ש איבערגעקוקט מיט צושראָ־קענע אויגען, ביז די קימפּעטאָרין האָט עפּעס באמערקט און האָט זיך געהייסען דאָס קינד ווייזען.

זי איז אין א טויט־חלשות געפאלען. מען האָט זי קוים אָפּגעמונטערט.

און געוואָרפען האָט עס מיט אַלעמען א צאָן און צאָן. אַלעמען האָט זיך גערדאכט, אז דאָס קינד וועט באַלד אָנהויבען ריידען אויך.

און ווען די נאַכט איז אוועק, און דער שטילער טרויעריגער ווינטער־טאָג איז אָנגעקומען, איז די שטוב באלאגערט געוואָ־רען. גרויס און קליין, אַלט און יונג האָבען זיך אין די פענסטער אַריין געשטופּט, צו די פענסטער געריסען, ווי אויף א בייז וואונדער איז מען זיך צונויפגעלאָפען. און די שטוב איז פול מיט אייגענע געוועז. און פון די „אייגענע" איז אַלע מאָל אַרויס־געשפּרונגען איינער מיט א פארשוויצט רויט פּנים און האָט צאָ־

רענדיג די פרעמדע צוטריבען, נאָר ווי ער איז אין שטוב אריין, זיינען זיי שוין צוריק געשטאַנען; איז אין א פּאָר מינוט ארום אַן אַנדערער אַרוים און האָט די לאָדען צוגעמאַכט, האָט מען זיי געעפענט, — און נאַכט מיט טאָג האָבען זיך דעמאָלט אין שטוב, ווי אין באהעלטעניש געשפּילט, און די נאכט מיט'ן טאָג זיינען איינס פאר דאָס אנדערע שרעקליכער געווען.

און מעהרער האָט מען אין דרויסען ניט געהערט, נאָר:

— א קינד מיט ציין איז געבוירען געווארען! א קינד מיט ציין!...

און אין שטוב האָבען די אייגענע מעהר גאָרניט געטראַכט:

— אַ קינד מיט ציין! א קינד מיט ציין!...

— דאָס האָט געמוזט עפּעס א מזיק געבוירען ווערען, אַ מזיק — האָט מען אין דרויסען צווישען זיך גערעדט...

און אין שטוב האָט מען דאָס זעלבע געטראַכט:

— אַ מזיק געבוירען, א מזיק!...

און דעמאָלט האָט אַ גאַנצען טאָג א לאָמפּ געברענט, און געדאַכט האָט זיך, אז די גרויסע שווארצע שטורם־נאַכט האָט דאָ אַן אויג איבערגעלאָזט, א רויט ברענענדיג אויג...

א פּאָר חדשים זיינען די עלטערען פון קינד גאנצע טעג אין שטוב געזעסען, האָבען זיך געשעמט אין דרויסען צו ווייזען. און צווישען זיך האָט דאָס פּאָר־פאָלק גאָר ניט גערעדט פון דעם קינד. וועגען די צייינדלאך ניט דערמאָנט. און דאָס ניט ריידען איז נאָך א סך ערגער געווען, ווי זיי וואָלטען יאָ גערעדט. איי־נער האָט געוואָלט וויסען, וואס דער צווייטער טראכט וועגען דעם, און אז ביידע טראַכטען דערפון, האָבען זיי גאַנץ גוט גע־וואוסט.

און ביידע האָבען זיך אַרומגעטראגען מיט שווערע גע־דאנקען:

— ווער וויים, וואָס פון דעם קינד וועט אויסוואקסען?...

און געוואקסען איז גראָד דאָס קינד אַ פרעהליכס, א לע־

בעדינגס. נאָר די עלטערן האָבען עס ניט אָנגענומען פאַר קיין גוטען סימן: עפּעס צופיל לאַכט עס, צופיל קאָמאַנדעוועט עס.

בשום אופן האָט זיך עס ניט געלאָזט וויקלען — דאָ האָט עס אַרויסגעוואָרפען אַ פיסעל, דאָ אַ הענטעל, און איין שכנה, וועלכע איז געווען אַן אָפטע אַריינגעהעריין אהינצו, און האָט די יונגע מוטער געלערענט, ווי צו וויקלען דאָס קינד, איז ניט איינמאָל בייז געוואָרען און געזאָגט:

— וועה איז מיר! ס'איז דאָך גאָר עפּעס אַ מזיק, ניט קיין קינד!

טאַטע־מאַמע האָבען זיך מיט בליקען געטראָפען, מיט טרויעריגע בליקען. די שכנה האָט גאַנץ לייכט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס זיי פּרעסט דאָרטען און דריקט ביי דער נשמה; דאָס, וואָס זיי האַלטען טיף, גאַנץ טיף באַהאַלטען איינס פאַר דאָס אַנדערע, האָט די „פאַרשיווע" אידענע פון זייערע הערצער אַרויסגעריסען, — און ביידע האָבען שטיל און שווער אָפּגעזיפצט; נאָך דעם, וואָס די שכנה האָט געזאָגט, זיינען זיי נאָך עפּעס פעסטער געוואָרען, אַז דאָס קינד איז עפּעס ניט ווי אַלע קינדער, אַז דאָס קינד וואַקסט טאַקע אַ מזיק...

דאָס איינציגע, וואָס די מוטער האָט פאַרבראַכט מיט'ן קינד, איז באַשטאַנען נאָר אין דעם: זי האָט דאָס געהאַלטען אין איין לערנען, עס זאָל זאָגען: מאַמע. אַז עס איז נאָך אַ חודש אַלט געווען, האָט זי עס שוין געלערענט. און געלערנט האָט זי עס ניט אַזוי, ווי אַלע מאַמעס, נאָר גאָר אַנדערש... איהר האָט זיך גאָר געדאַכט, אַז דאָס ערשטע וואָרט, וואָס דאָס קינד וועט אַרויסרעדען, וועט ניט זיין: מאַמע, ווי אַלע קינדער הויבען אָן, נאָר פון אַן אַנדער וואָרט וועט עס אָנהויבען... עפּעס אַזאַ מין וואָרט, וואָס ניט קיין קינדער און ניט קיין גרויסע מענשען זאָגען עס...

און געקוקט האָט זי דעם קינד אין די אויגעלאַך אַריין, אין די שוואַרצע שאַרפע אויגעלאַך, וואָס קענען, דאַכט זיך, זיין נאָר ביי אַזעלכע קינדער, וואָס ווערען מיט ציין געבוירען, און ווען

זי האָט דאָס געלערענט עס זאָל זאָגען „מאַמע”, האָבען די אויגעלאָך אויף איהר געקוקט, געקוקט איראָניש שמייכלענדיג, ווי עס וואָלט געטראַכט:

— מאַמע, איך פאַרשטעה דיך!

גאַנצע נעכט האָט דאָרטען א לאָמפּ געברענט, געברענט שטאַרק ארויסגעדרעהט, און אן אומעטיגע ליכטיגע שטילקייט איז אין שטיבעל געלעגען, און געדוכט האָט זיך, אז דער לאָמפּ ברענט עפּעס דאָ פאַר אימיצען... ברענגט פאַר אַזעלכען, וואָס מען זעהט אין שטוב ניט, נאָר עס פיהלט זיך, און נאַכטיג שטיל האָבען זיך די ווענט אָנגעקוקט, טיש מיט בענקלאך, און איינס דאָס אנדערע האָט, דאַכט זיך, געפרעגט:

— נאָך וואָס ברענט דער לאָמפּ איצט?...

און אַמאָל האָט זיך אין דער שטילקייט א קול דערהערט, א קוויטשענדיג קול, ווי פון דער שטילקייט ארויס, און באלד נאָך איהם א צווייטער, נאָר א סך שטילער ווי דער ערשטער:

— וואָס איז?...

— . . . ער האָט מיך א ביס געטאָן!..

דער מאַן איז האַסטיג פון זיין בעט אראָפּגעשפּרונגען, איז צו צו איהר און האָט א קוק געוואָרפען אויפ'ן קינד, וועלכעס איז זיך שטיל נעבען דער מוטער'ס ווייסער ברוסט געלעגען, נאָכדעם האָט ער אויף איהר א קוק געטאָן, און אין דער זעלבער צייט זי אויף איהם...

א פּאָר מינוט איז ער איבער איהר בעט געשטאַנען איינגעבויגען, אנגעשפּאַרט מיט די הענט, און האָט געקוקט, געקוקט און געשוויגען, און זי אויף איהם האָט אויך געקוקט און געשוויגען.

ענדליך איז ער צוריק מיט פּאַמעליבע, שטיל-קנאַקענדיגע באָרפיסע פיס צוריק צו זיין בעט צוגעגאַנגען, האָט זיך שטיל אריינגעלעגט און, ליגענדיג אין בעט, אריבערגעקוקט צו איהר און זי צו איהם, מיט נאַכטיגע, שטיל־שווייגענדיגע אויגען...

דער בעל־תשובה.

נאָכדעם ווי שמואל „נגיד" איז אָפּגעזעסען פינף יאָהר אַרעסטאַנטסקי ראָטע, האָט ער ערשט, געהענדיג אַהיים, אויף זיך אַ תשובה אַרויסגענומען: פינף יאָהר זיין שטום, קיין וואָרט ניט רעדען, אפילו זיך ניט הערענדיג מאַכען, וואָס מ'וועט רעדען צו איהם; ווייל זעהר גרויס וועט זיין עונש...

אריינגעקומען אין שטוב איז ער שווין מיט דעם באַשלוס, האָט ער זיך צו זיין ווייב און טאָכטער אַ שטילען נייג געטאָן, מיט פאַרשלאָסענע ליפּען; נאָר דאָס ווייב און די טאָכטער האָבען איהם ניט דערקענט, ווייל דעמאָלט, צוריק מיט פינף יאָהר, האָט ער אַ שוואַרצע באָרד געהאַט, איצט — אַ גרויע און די האָר אויפ'ן קאָפּ אויך גרוי און לאַנגע ברעמען האָבען זיך איבער די אויגען אַראָפּגעלאָזט. זיי האָבען געמיינט, אַז אַ בעטלער איז אַריינ־געקומען און דאָס ווייב האָט איהם מיט אַ צובראָכען קול געזאָגט:

— האָט מיר קיין פאַראיבעל ניט, מיין ליבער איד, איך האָב אייך ניט וואָס צו געבען.

האָט זיך דער „ליבער איד" ניט הערענדיג געמאַכט. אַראָפּ־געוואָרפען מיט אַ זיפץ דאָס קלימעקעל פון אַקסעל און האָט זיך ביים טיש אוועקגעזעצט, דעם קאָפּ אויף אַ האַנט אונטערגעשפּאַרט.

דאָס ווייב און די טאָכטער האָבען זיך איבערגעקוקט און באַ־שלאָסען: אַ טויב־שטומער איז ער, האָט ער ניט געהערט, וואָס מ'האָט איהם געזאָגט. איז די טאָכטער צוגעגאַנגען און האָט איהם מיט אַ וואונק געוואָלט געבען צו וויסען דאָס, וואָס די מוטער האָט איהם נאָר־וואָס געזאָגט. נאָר אין דער זעלבער סעקונדע האָט זי דעם אַלטענס אויגען באַמערקט, די אויגען זיינען באַקאַנטע געוועזן. נאָהענטע, זעהר נאָהענטע, שרעקליך טרויעריגע. זי האָט אַ דער־

שראָקענעם צומישטען קוק אויף דער מוטער געוואָרפען און אין דעם זעלבען מאָמענט איז איהר איינגעפאַלען, אז דאָס איז דעם פאָטער'ס אויגען. איהר האָט אָנגעהויבען קלאַפּען דאָס הארץ. די פּיס האָבען זיך געבויגען. זי איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער און האָט איהר עפּעס שטיל אין אויער אריינגערוימט.

— שמואל? — האָט די אַלטע אין א מינוט ארום מיט א קלאַפּענדיג הארץ א פרעג געגעבען.

ער האָט ניט געענטפערט און שיער־שיער האָט זיך דער קאָפּ זיינער א שאָקעל געטאָן אויף יאָ.

— וואָס דיר קאָן זיך דאכטען, — האָט די מוטער צו דער טאָכטער פארדריסליך געזאָגט און א געדאַנק האָט דורכגעקלאַפּט: „ס'איז שמואל, שמואל", און ביי דער טאָכטער: „ס'איז דער טאַטע, דער טאַטע". אוןביידע האָבען שוין מורא געהאַט צו פרעגען, צי דאָס איז ער טאַקע; האָבען מורא געהאַט, טאָמער וועט ער ענטפערען, אז יאָ. ביידע זיינען שוין פעסט איבערציייגט געווען, אז דאָס איז ער, און דאָך אַן אַנדערער עפּעס, פון אַן אַנדער וועלט געקומען. פון א פרעמדער, אומבאַקאַנטער וועלט, און אפשר גאָר פון יענעם עולם?...

געוואוסט האָבען זיי, אז ער לעבט, כאָטש ער האָט קיין איין מאָל ניט געשריבען. נאָר איצט, זעהענדיג איהם, האָט זיך זיי פונקט פארקערט אָנגעהויבען דאכטען, אז ער איז שוין געשטאָרבען.

די טאָכטער האָט זיך פּלוצלינג צואויינט, פארוואָרפענדיג דעם קאָפּ אויף דער מוטער'ס ברוסט, און די מוטער באַלד נאָך איהר, און דער אַלטער האָט אַלץ געשוויגען, געקוקט מיט רעדעוור־דיגע, פארגאָסענע אויגען. און ווען די אַלטע האָט ביי איהם די טרערען אין די אויגען דערזעהן, האָט זי שוין מעהר ניט געצווייפעלט, אז דאָס איז ער.

דעם גאַנצען טאָג האָבען זיי אין טויט־שרעק איבערגעלעבט. אין אָוועגט, ווען דער זוהן איז געקומען פון געשעפט, זיינען זיי, די מוטער מיט דער טאָכטער, א ביסעל זיכערער געוואָרען, נאָר דער פאָטער האָט אויך דעם זוהן, ווי דער ווייב און טאָכטער, גאָר־

ניט געענטפערט. האָט איהם נאָר געגעבען די האַנט, ווען יענער האָט איהם שלום אָפּגעגעבען.

— טאַטע, דו שרעקסט אונז! — האָט זיך דער זוהן ביי איהם געבעטען. — וואָס שווייגסטו? פאַרוואָס רעדסטו ניט? צי קאָנסטו ניט רעדען? וואָס איז מיט דיר געשעהן?

ער האָט קיין ענטפער געקראָגען.

שמואל נגיד איז אַ וואוילער איד געווען און אַ פרומער איד, נאָר אַ שרעקליכען יצר הרע צו געלט געהאַט. האָט ער זיין הויז פאַרסטראַכירט אויף פערציג טויזענט רובעל, און אין אַ פינסטערער נאַכט עס אונטערגעצונדען, און דערזעהענדיג זיין שכן, אַ טאַטע פון פינף קינדער, אַ פאַרברענטען, איז ער פאַרגליווערט געבליבען און געקוקט מיט ווילד־צומישטע אויגען אויף דער פאַרברענטער אויסגעצויגענער פיגור, באַטראַכט די צוגעברוינטע קישקעס, וואָס האָבען פון די זייטען אַראָפּגעקוקט.

פון דער הויז זיינען פיער שוואַרצע ווענט געבליבען מיט שוואַרצע אומעטיגע לעכער, און דורך די שוואַרצע לעכער און פון אַריבער די ווענט האָט די זומערדיגע זון איהרע שטראַהלען אַריי־בערגעוואָרפען און אומגעוויינליך ליכטיג איז צווישען די ווענט געווען, נאָך ליכטיגער, דאַכט זיך, ווי אין דרויסען, און אַ שוואַרץ־אומעטיגע פרעהליכקייט האָט זיך אין דער חורבה געשפּירט... פון וואו־ניט־וואו, פון צייט צו צייט האָט זיך פון אונטער די שטיינער אָפּער אַ קליין בלאָס פייערל באַוויזען און ניט געוואָרען, און גע־דאַכט האָט זיך, אַז דאָס גרויסע ריזיגע פייער, וואָס האָט דאָס הויז צושטערט, האָט זיך אונטען אונטער די שטיינער באַהאַלטען און שטעקט אַלע מאָל אַ צינגעל אַרויס, ווי באַריהמט זיך: האַ־אַ, דאָס האָב איך אָפּגעטאָן. פון וואו־ניט־וואו האָט זיך געצויגען אַ גרוי־שיטערער רויך עהנליך צו אַ פאַרע, האָט די הויך פון די ווענט דערגרייכט און ניט געוואָרען. די פיער ווענט זיינען פון אינ־וויניג און אויסענוויינינג מיט הונדערטער מענשען געווען באַלאַ־גערט, און געהערט האָט זיך אַ שטיל געררויש. עס האָט זיך גע־

הערט, ווי עס רייבען זיך שטיינער איינער אָן אַנדערען פון אונטער־ די פיס, און אַלע האָבען זיך געשטופּט צום פאַרברענטען, און ווער עס האָט איהם געזעהן, איז מיט אַ פאַרקרימטער מינע אַוועק. נאָר שמואל נגיד איז לאַנג פאַרגליווערט אויפ׳ן אָרט געשטאַנען, און פּלוצלינג זיך אָנגעבויגען צום פאַרברענטען, האָט ער אויף אַ קול אויסגעשריען:

— זיי מיר מוחל, איך בין שולדיג אין דיין טויט! איך! איך! איך!

דער אַלטער איז אויף אַ גאַנצער נאַכט פּראַשוואָונדען גע־וואָרען פון שטוב. די ערשטע עטליכע נעכט האָבען די אייגענע ניט געוואוסט וואוהין ער ווערט פון שטוב אַנטרונען, נאָר איינמאָל, נאָכשפּירענדיג איהם, האָט מען געזעהן, ווי ער געהט אַהינצו, צום אָרט פון אָפּגעברענטען הויז, אַז דאָרטען זעצט ער זיך אַוועק און זיצט און טרויערט מיט אַ קול דממה דקה. און פון דעמאָלט אָן איז פאַר די אייגענע געקומען נאָך אַן ערגערע צייט, ווי ס׳איז געווען פריהער, ווען ער איז אין תפיסה געזעסען. ס׳איז געווען אַ גרויסער אומעט, ווען ער איז אַוועק פון שטוב, און איז ער געזעסען אין שטוב, איז נאָך ערגער געווען. מ׳האָט מורא געהאַט אין זיין געגענוואָרט אַ וואָרט צו רעדען. מ׳האָט ניט געקאָנט רעדען אין דער צייט, ווען זיי האָבען ניט געוואוסט ווער ס׳זיצט דאָרט: אַ שטומער, צי אַ שוויינענדיגער. פאַרקערט, וואָלטען זיי געוואוסט, אַז ער איז שטום געוואָרען, וואָלטען זיי זיך אַזוי ניט געשראָקען, וואָלט מען צו איהם אויפ׳ן וואונק גערעדט, נאָר ניט וויסענדיג עס אויף ריכטיג, האָט זיך קיינער ניט געקאָנט איינשטעלען דאָס צו טאָן, רעדען מיט אַ רעדעוודיגען אויף שטום־לשון.

יעדע נאַכט האָבען זיך אַלע מיט טרויעריגע געדאַנקען געלעגט שלאָפען: ווער ווייסט, אויב היינטיגע נאַכט וועט עפּעס ניט געשעהן. מיט איינצעלנע שטילע ווערטער האָט מען זיך פון די געלעגערס אַריבערגערעדט. גערעדט פון זייטיגע זאַכען, זיך געהיט פון „איהם" ניט רעדען.

און אזוי לאנג און אזוי ברייט, ביז דעם זון איז איינגעפאלען אַפּצוטאָן אזא מין שטיקעל: אין א פינסטערער ווינטער־נאכט האָט ער זיך אין דער חורבה אונטער א הורבע שטיינער באהאלטען, און ווען דער אלטער איז געקומען, האָט ער צו איהם מיט א פאר־שטעלט קול געזאָגט:

— שמואל, שמואל! איך בין דיר שוין מוחל, ביזט שוין גענוג אָפּגעקומען פאר דיינע זינד, געה אהיים צו דיין ווייב און קינדער, הויב אָן צו רעדען. איך בין דיר מוחל דיינע זינד — און האָט אויסגערופען דריי מאָל: — מוחל! מוחל! מוחל!

און ער האָט דערגרייכט זיין צוועק: דער אלטער איז גע־קומען אהיים, האָט אָנגעהויבען צו רעדען; דערפאר איז ער אָבער אין א וואָך ארום געשטאָרבען און דאָס גאנצע שטעדטעל, פון גרויס ביז קליין, איז געוועז אויף דער לויה.

א שרפה.

פארנאכט, ווען עס איז געווען אָפען טיר און פענסטער, און אַלע שמאָל־געסעלדיגע זיינען פאר די טירען געזעסען און געאָטעמט מיט „פרישע לופט”, האָט איין אידענע, מרים־לאה, א ציה גע־געבען מיט דער נאָז און א זאָג געגעבען גיטלען, וואָס איז געזעסען אנטקעגען ביי א צווייטער טיר:

— גיטעל, איהר פיהלט גאָרניט?...

גיטעל האָט א פּאָר מאָל אַרומגעשמעקט די לופט און אויס־גערופען:

— סמאָלענעס שטינקט!

— סמאָלענעס? — האָט א צווייטע איבערגעפרעגט און האָט איבערגעגעבען א דריטער:

— איהר הערט, סמאָלענעס! — און אין א צעהן מינוט ארום האָט זיך שוין דאָס גאַנצע שטעדטעל אָנגעהויבען זיך אַרומצו־דרעהען אין דרויסען מיט פאררייסענע קעפּ צו די קוימענס, האָבען זיך געלאָזט אויף בוידעמער קריכען, זיך געקאַראַפּקעט אין דער פינסטער אויף די לייטערס און מיט א געהיימער שרעק אַרומגע־שמעקט די שטיקענדע בוידעם־לופט, געטאַפּט די קוימענס, די דע־כער, וואָס זיינען נאָך הייס געווען פון דער אָנגעברענטער זון, און ניט געפינענדיג גאָרניט, האָט איינער געזאָגט צום צווייטען:

— א קלייניגקייט אזעלכע היצען!...

אונטען האָבען זיי אָפּגעוואַרט ווייב און קינדער, און ווען יענע האָבען זיך באוויזען צוריק פון די בוידעמער אויף די לייטערס, פרעגען זיי אומרוהיג:

— נו?

— גאָרניט ! — ענטפערען די „אויסקוקער". — מ'זעהט גאָר־ניט...

—גוט באַטראַכט ?...

— דאַכט זיך גוט.

נאָר סמאָלענעס שפירט זיך דאָך פאָרט ! און ס'זאַמלען זיך צונויף רעדלאַך מענשען, מ'רעדט שטיל און מ'ציהט מיט די נעזער. אייניגע האָבען שוין מורא געהן שלאָפען... אַ קלייניגקייט אַזעלכע היצען, פון די היצען אַליין... די שעה זאָל גאָרניט זיין... מ'דאַרף אַ סך ?... פּראַטראַכט זיך אַ אידענע וועגען דער קיך, וועגען דעם טעפּעל אויסגעלאָשענע קוילען, וואָס שטעהט אין קעמערעל, גלויבט זי זיך אַליין ניט, און כאַפּט זיך גנבה'ש אריין אין דעם קעמערעל, זוכט און שמעקט, געפינט גאָרניט און גיסט דאָך אריין אַ פּאָר קוואָרט וואַסער אין טאָפּ קוילען... אַ צווייטע טאַפּט דעם פּרי־פּעטשיק, צושאַרט דאָס אַש און לעשט אויס אַ קאַלטען פונק, וואָס האָט זיך נאָך דאָרט פאַרקליבען. פאַרטראַכט זיך אַ מאַנסביל : ער האָט אַ ציגאַר געררויכערט און געדענקט ניט, וואו ער האָט דאָס שטיקעל געוואָרפען...

אַלע זיינען זיכער, אַז היינט וועט ברענען... וויל איינער פאַררויכערען אַ פּאַפּיראָס, ממש דאָס חיות געהט איהם אויס, נאָר ער האָט אָבער מורא... ציטערט אפילו, מ'זאָל זיך, חלילה, ניט דערוויסען, אַז ביי איהם אין קעשענע ליגען שוועבעלאַך...

צו ביסלאַך פאַרפלעכט זיך אַ שמועס וועגען גרויסע שריפות, וואָס האָבען חרוב געמאַכט גאַנצע שטעדט און טויזענטער אידען זיינען אָהן אַ דאַך געבליבען, גרויסע גבירים זיינען אָנגעקומען צו בעטעל־ברויט. דער, וואָס וויל שטאַרק רויכערען, זאָגט, אַז פון קיין זאַך נעמען זיך ניט אַזוי די אומגליקען, ווי נאָר פון אונטער־צינדען. מ'צינדט אונטער — ברענט... ער גלויבט ניט, אַז פון אַ ציגאַר זאָל קאָנען ווערען אַ שרפה. און די צוהערער ווערען עפּעס אומרוהיג : פון אונטערצינדען קאָן מען זיך שוין ניט פאַר־היטען. און מען דערמאָנט זיך אָן חיים מאָטלען... עפּעס האָט חיים מאָטעל אין צופיל געלט אָפּגעסטראַכירט די שטוב זיינע.

און ווען זיי זיינען אזוי געשטאנען און גערעדט, האט זיך פלוצלונג פון אן אלטער געביידע א גערדיכטער רויך באוויזען, און אין א ווייל ארום האבען זיך מיט א קנאל פון אונטער דער סטריכע אפער, ווי רויטע יאסלעס א ווייז געטאן, פארשוואונדען, און אין א מינוט ארום האבען זיך א צעהנדליג צינגער עפעס ווי פון א ווילדען רויטען ליע באוויזען, פון וואס הונדערטער מענשען זיינען אין א ווילדער שרעק ארייגנעפאלען. א ווילד משוגעת האט אין איין אויגענבליק הונדערטער מענשען־קעפ דורכגענומען — און עס איז געווארען א לויפעריי, א שפרינגעריי אריין און ארויס פון די שטיבער. איינס פאר דאס אנדערע זיינען געלאפען, איינס האט דאס צווייטע ניט געזעהן. פון די שטיבער, וועלכע זיינען נאהענט צו דער געפאהר געווען, האבען דורך די טיר און פענסטער פעקלאך אנגעהויבען פליהען אין דער לופטען און גערדאכט האט זיך, אז אין די שטיבער האבען זיך „ניט גוטע” ארייגנעכאפט און ווילדע געשרייען, גארניט עהנליך אויף קיין מענשליכע, האבען זיך אין דער לופטען געטראגען, אויסמישענדיג זיך מיט׳ן דראבנעם קלאנג פון צובראכענע שויבען...

דאס פייער האט זיך מיט א בייזער ווילדקייט צוואוואקסען, האט אין איין אויגענבליק די גאנצע געביידע מיט צעהנדליגער פייערדיגע ארעמס ארומגעכאפט, האט אלע מאל פרישע ערטער פארנומען, גליטשענדיג זיך איבער די ווענט מיט א ווילד־תאוה־דיגען פלאטער. און אט רויכערט זיך שוין א צווייטע שטוב; א שיטער גרוי רויכעלע — און מיט אמאל האט זיך א רויטער פייער איבער דער גאנצער ברייט פון דאך א ציה געטאן, נאכהער זיך געגעבען א הויב אין דער לופטען און צולאזט איבער דער גאנצער לענג פון דאך א פייערדיגען זוים.

— בים־באם! באם־בום!! בא־אום־באם־בים־באם!!! —

האט ערגעץ א קלויסטער אנגעהויבען צו קלינגען און אין שטאדט האט זיך געלאזט הערען א שאלען פון מעשענע טרובעס און טויזענטער הערצער זיינען פארציטערט געווארען. שווארצע ימ׳ען מענשען האבען זיך אין דער לענג פון די גאסען צוגאסען מיט אויפ־

געהויבענע אויגען צום גערדיכט־שוואַרצען רויך, אין וועלכען עס האָבען זיך פייערדיגע שלאַנגען געדרעהט, מיט די שפּיציג פייער־דיגע ווײדלען אין הימעל אַריין זיך געריסען. און דערשפּירט האָבען אַלע אין דעם ווילדען טומעל, אַז עס פאַרנעמט זיך אַ גרויס אומגליק. מענשען זיינען פון זייערע אייגענע קולות פאַרטויבט געוואָרען, אַ כוואַליענדיגער רעש האָט זיך אין דער לופטען גע־טראָגען, עפּעס ווי די צופאַלענע נאַכט וואָלט איהם מיט זיך גע־בראַכט... דאָס האָט די נאַכט געשריען, די נאַכט האָט זיך אָנ־געצונדען... די פינסטערניש האָט געברענט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט פאַרבראָכענע הענט דרעהען זיך אַרום אידען מיט ווייבער און קינדער, די אויגען זיינען רויט, אויף די באַקען טונקעלע פּאַסען פון טרערען. עס איז שטיל. טרויעריג דרעהען זיך אַרום אפילו יענע, וואָס זיינען ניצול געוואָרען פון פייער און עס דוכט זיך, אַז עפּעס אַ געהיימע האַנט האָט די רוישיגע שמאַלע געסלאַך צוגע־שטיקט. אויף די איבערגעבליבענע הייזער, וועלכע האָבען זיך אַרום פייער געפונען, שטעהען נאָך אויף די דעכער עמערס און עס ליגען נאַסע שמאַטעס. זעלטען וואו עס איז צו זעהן אַ רויך פון אַ קוימען. אויף דער ערד אַרום די אָפּגעברענטע הייזער ליגען איינגעקנעטען אין בלאָטע שערבלאַך און שטיקלאַך גלאָז, אַרויס־געראַטעוועטע שטיקער מעבעל, בעטען הוילע מיט צושאָטענע ברעטלאַך, צופוילטע ליידיגע שאַפעס מיט אָפּגעבראָכענע געזימסען, גלעזערנע ספרים־שאַפקעס מיט אויסגעבראָכענע שויבען, פון וואַ־נען עס קוקען אַרויס צוואָרפענע ספרים. וואו ניט וואו זיינען גאַנץ געבליבען די אויוונס, פון וועלכע עס קוקען שוואַרצע האַלב־רונדע לעכער אַרויס, און אַרום זיי שטעהען שוואַרצע פאַרברענטע סלופּעס. פון אייניגע שטיבער זיינען „זרובען" געבליבען: אויבען פון די בוידעמער קוקען אַראָפּ אויסגעבלייכטע טעפּ פון'ם פּסח־דיגען געפעס. אינוועניג אין די זרובען דרעהען זיך אַרום מענשען ווי שאָטענס, זיי באַווייזען זיך פון צייט צו צייט אין די פייער־

קאַנטיגע לעכער, זוכען עפּעס, קוקען צו און באַטראַכטען; יעדער דרעהט זיך אום פאַר זיך, יעדער זעהט נאָר זיין אומגליק, יעדער זעהט פאַר זיך עפּעס אַ גאַנצע אָפּגעברענטע וועלט. אין דער פאַנטאַזיע פלאַמט נאָך דאָס נעכטיגע פייער... ערגעץ טיף אין די אויערען זיינען ביי זיי פאַרגליווערט געוואָרען די נעכטיגע גוואַלדען און געשרייען.

דערפאַר איז שוין איצט צופיל שטיל. אַ נאָגענדער וועהטאָג איז אין דער לופט צוגאָסען און עס דוכט זיך, אַז די לופט בענקט נאָך די אָפּגעברענטע הייזער, עפּעס פעהלט איהר אין דער הויך... און ווען איז דאָס אַלעס פאָרגעקומען? נעכטען צי היינט, היינט אָדער נעכטען? פאַרגעסען איז געוואָרען די צייט, דער נעכטען מיט'ן היינט האָט זיך אויסגעמישט, עס איז ניט געווען ניט קיין נאַכט און ניט קיין פריהמאָרגען. דאָס העלישע פייער האָט זיי ביידען צוזאַמענגעמישט, האָט די נאַכט פאַר אַ רויטען טאָג גע־מאַכט און דעם פריהמאָרגען פאַר אַ נאַכט... קיינער האָט ניט באַמערקט, ווי די נאַכט איז אַוועק, און ווי דער טאָג איז אָנגע־קומען, ווי פון אַ גוואַלדיגען שפּיגעל אָפּערגעקראָכען אַלס אַ נאָכ־קרימעניש פונ'ם נעכטען. און דער טאָג איז ניט בעסער פון דער נאַכט, און אפשר נאָך ערגער... ביינאַכט האָט מען געשריען, גע־גוואַלדעוועט — איצט קאָן מען דאָס ניט, נאָר אַ שטומער וועהטאָג פרעסט די הערצער, אַ שטומע בענקשאַפט נאָכ'ן אייגענעם ווינ־קעלע, וואו מ'האָט יאָהרען לאַנג געוואוינט. עס בענקט זיך אפילו נאָך דעם שפּינוועבס, וואָס איז געווען אויסגעוועבט אונטער'ן סו־פיט... לעבעדיג שטעהט יעדען איינציגען פאַר די אויגען זיינע צוויי־דריי אַלקערלאַך, וואָס ער האָט באַוואוינט... אָט דאָ זיינען געשטאַנען די בעטען, דאָרטען דאָס קינדער־וויגעלע, דאָ דער טיש, דאָרטען די שאַפע...

געהט ווער צו צום אויווען, פאַרקוקט אינוועניג, שטעהט גראָד דאָרטען אַ טעפּעל, אַ גאַנץ טעפּעל — און דאָס האַרץ ווערט עפּעס אויף אַ ווײַלע דערקוויקט, ווי איינער דערזעהט עפּעס אַ נאָהענטען באַקאַנטען, וועלכען ער האָט שוין לאַנג געהאַלטען פאַר געשטאָרבען.

נאָר שפּעטער אַ ווײַלע ווערט עפּעס פאַרדראָסיג און מ'וואַרפט דאָס טעפּעל אָן דער ערד.

שטיל איז אין די שמאָלע געסלאַך. עס דרעהען זיך אַרום אבלים, מיד און דערשלאָגען. און יעניגע, וועמענס ביסעל אָרימ־קייט עס איז אין דרויסען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען, שלעפּען דאָס איצט אַריין אין די איבערגעבליבענע הייזער; חדר־אינגלאַך קריכען אַרום אויף די חורבות און קלייבען שטיקלאַך אײַזען מיט צוועקעס. פון צייט צו צייט באַווייזען זיך ווי פון דער ערד אַרויס קליינע פייערלאַך, ווי אום זיך צוריק צו באַהאַלטען אונטער די הרובעס שטיינער; שיטערע, גרויע רויכען ציהען, שלענגלען זיך און ווייסען, דוכט זיך, ניט, וואוהין זיך אַהינצוטאָן. און ביי יעדען גאָס ווערט דער באַגיסער איינגעהילט אין אַ געדיכטער פּאַרע.

פאַרנאַכט. די זון פאַרגעהט ערגעץ דאָרטען הינטער די הויכע מויערען און עס פאַלען די לעצטע שטראַהלען אויף די חורבות, אויף די שוואַרצע סלופּעס, אויף די בוידעמער אָהן די דעכער, וואו עס שטעהען די בלאַסע איבערגעבליבענע פּסח'דיגע כלים. עס באַווייזען זיך פאַרשלאָפענע פּנים'ער מיט רויטע אויגען, קענטיג, נאָרוואָס פון שלאָף אויפגעשטאַנען. און עהנליך איז דער פאַרנאַכט אויף אַ פריהמאָרגען און דער אוועקגעהענדיגער טאָג — אויף עפּעס אַ ליכטיגער זונען־נאַכט. פון די קוימענס באַווייזט זיך רויך און אין די קיך־פענסטער ציטערט אַ העל ראָזע שיין פון די צולייגטע פייערען אויף די פּריפּעטשיקעס, און עפּעס אַנדערש ווי אַלע מאָל זעהען איצט אויס די פייערלאַך, אַזוי מילד און צאַרט און אַזוי איינזאַם און פאַרהאַסט פון אַלעמען, ריכטיג ווי קליינע קינדער, וועמענס פאָטער עס איז אַ מערדעריי באַגאַנגען...

ווייבער באַווייזען זיך מיט שאַלען אויף די קעפּ און מיט קוישיקלאַך אין האַנט. אויף איינינגע בריקלאַך הערט זיך אַ שאָבען פון יונגע קאַרטאָפעל און אַ געשפּרעך וועגען דער נעכטיגער שׂרפה. פּונקט אַ מעת־לעת, ווי די שׂרפה האָט זיך אָנגעהויבען, און יעדער

באזונדער דערצעהלט, וואו זי, אָדער ער, האָבען זיך אין דער צייט געפונען, וואו זיי זיינען געזעסען, געשטאַנען, אָדער האָבען נאָר געגעסען וועטשערע, ווען דאָס אומגליק האָט זיך אָנגעהויבען.

אין בית־המדרש דאַווענט מען מנחה שטיל און קלאָגעדיג, ווי תשעה באָב פאַר „עניינו", אָדער ווי די אַלע פאַרזאַמעלטע אידען וואָלטען נאָר־וואָס פון א לויה נאָך א גרויסען צדיק געקומען. און טונקעלער איז איצט אין בית־המדרש ווי אַלע מאָל. א שטילער אומעט פלאַטערט אין דער לופטען ארום: דאָס גרויסע אומגליק פון די צעהנדליגער אידישע משפחות האָט דאָ אין בית־המדרש זיינע שוואַרצע פליגעל צושפּרייט... פון צייט צו צייט שפּרינגט ווי פון דער טונקעלער שטילקייט אפּער אַן אוי, א וועהטאָגדיגער קרעכץ און ווערט פאַרשלונגען פון דער זעלבער שטילקייט...

קאָנקורענטען.

א קליין פירעקעכיג שטיבעלע, צוויי אייזערנע בעטלאך איינס אנטקעגען דאָס אנדערע, און א שפיגעל אן אָפגעקראָכענער אָהן א ראם; א ליימענע קעסטעל פאר א שאפקעלע, א פּאָר ביינקלאך מיט אויסגעדרעהטע פיסלאך און א טיש אויף איין פוס, — דאָס איז מיין וואוינונג.

א ווייב האָב איך א דארס, א קליינס, מיט צוויי איינגעפאַ־לענע אויגען, מיט בלויע ליפען, מיט א געזונט־קוויטשעדיג קול, מיט לאנגע הענט...

פון 10 יאָהר א מיידעלע, קלוג ווי דער טאָג, שווארץ ווי די נאכט, און א פיסקעלע, ווי ביי א שלענגעלע; א אינגעלע פון 5 יאָהר: א קורץ נעזעל מיט א צונויפגעוואקסענער געדיכטער ברעם, קיילעכיג ווי א קלעצעלע, לויפט געשווינד ווי א הינטעלע; א מיידעלע פון צוויי יאָהר: האַלט אין איין וויינען, וואָס מען גיט, שמיצט דאָס אָן דער ערד, און ווען מען האַלט דאָס אויף די הענט, רייסט דאָס שטיקער פון פּנים — דאָס זיינען מיינע קינדער.

א קליין מענשעלע מיט א קליין קעפּעל, מיט א קליין שיטער בערדעל, מיט קליינע שווארצע אויגעלאך, עפּעס א מין טויגע־ניכטס, טויג ניט צו גאָט און ניט צו לייט, — דאָס בין איך.

טאָן טו איך גאָרניט. מיין ווייב איז דער מאַן און דער מאַן — איז דאָס ווייב. גאַנץ פריה שטעה איך אויף, לויף אוועק אין מארק אריין און ברענג פּלייש. דערנאָך צוליינ איך א פייער און זיד אויף אין א טשייניק טיי. דערנאָך געה איך צו און וועק אויף מיין ווייב, וועק אויף די קינדער, טו זיי אָן, וואַש זיי אָרום,

גיב זיי אָפּ טיי טרינקען, און זי געהט זיך אוועק אין מארק אריין. די חברה מאכט א גוואלד. איך כאַפּ דאָס פיצעל אויף די הענט, לויף צו צום פענסטער און הויב אָן פויקען אין די שויבען, קלאַפּען אין טיש, קלינג אין א גלאָז, קנאַק מיט דער צונג, און אזוי, האלטענדיג דאָס פיצעל אויף די הענט, נעהם איך איין מיין אינגעלע אויך: איך שפיל זיך מיט איהם אין פערדלאַך. אמאָל איז ער דאָס פערד און איך דער קוטשער, אמאָל פארקערט. אמאָל שפיל איך זיך מיט איהם אין סאָלדאטען. ער קאָמאנדעוועט מיט מיר, איך מיט איהם: קרו־אָם, נאַ־ליעווא, מארש!!! אז־דוואַ! אז־דוואַ! און אז איך שטיל זיי איין, פארבעט איך קודם כל די בעטען, קער אויס די שטוב און שטעל צו וואַרמעס. ווי עס ווערט נאָר פארטיג, כאַפּ איך באלד, און גיס אראָפּ אין א קליין טעפּעלע, מאך ריין א שיסעל מיט א לעפעל און — פּאָ־שאָל! איך לויף אָן א אָטעם. קיין זייגער איז דאָך ביי מיר ניטאָ. ווייזט זיך מיר תמיד אויס, אז איך האָב פארשפּעטיגט, איז שוין א בראָך צו מיר, גיט זי מיר דעם קאָפּ אין די הענט אריין. אוי, ס'א שלעכטער מאַן דאָס איז! מילא, לויף איך, דאָס הארץ קלאַפּט: אָט זעה איך שוין די בודקעלאַך און די טאָפּטשאַנעס צווישען די בודקעלאַך און ארום די בודקעלאַך. אויף די טאָפּטשאַנעס און אונטער די טאָפּטשאַנעס און ארום די טאָפּטשאַנעס ליגען אָנגעלייגט גאַנצע בערג ציבעלעס מיט רעטאָך, בוריקעס מיט קרויט, פּעטרושקע מיט מערעלאַך, קארטאָפּ־ליעס מיט כריין און נאָך אזעלכע מינים קרייטעכצער, ביטערע און זיסע, זויערע און וויניגע. אָט נעבען אזא טאָפּטשאַן מיט אזעלכע שאר־ירקות דערקען איך שוין דעם „מאַן" מיינעם.

ווי איך געה נאָר צו, גיט זי א סטארטשע אויס די קעל־בערשע אויגען איהרע אויף מיר און באַגעגענט מיך אָפּט מיט א שטילען איינגעהאלטענעם „בראָך"...

— וואָס איז???

— זעה נאָר!

איך גיב אַ קוק — איז מיר דאָס גאַנצע רעקעל אָפּגעגאָסען מיט'ן זופּ.

דאָ הער איך, ווי מען שטיקט זיך שוין פון געלעכטער. איינע אַ גראָבע אידענע מיט אַ פאַרברענט געזונט פּנים, וואָס זיצט אַנטקעגען מיין ווייב, וואַקעלט זיך אַזש פון איין זייט אין דער צווייטער, האַלט זיך מיט ביידע הענט ביי איהר בויך — אַזוי געשמאַק לאַכט זי. מיינע צופּט דאָרטען הינטען פון די פּיס פון מיינע שטיקלאַך. איך פיהל, אַז זי רייסט מיט אַלע כוחות, און איך ריהר זיך ניט פון אָרט; איך נעהם פּאַר ליב אָט די שטראָף. נאָר זי זעצט מיט אַמאָל אַרויס: „אָפּגעהאַקט זאָל־סטו ווערען פון מיר"!!

מיין איך, אַז איך בין שוין פּטור, נאָר ווייס איך! זי כאַפּט אַ בוראַק ביים ווײדעל און שמיצט מיר גלייך אין פּנים אַריין; איך פיהל, ווי עס טראָגט מיר דאָס גאַנצער פּנים, נאָר מאַך מיך כלא ידע און זאָג צו איהר: „נעהם עס! ס'געהער שוין זיין קאַלט"...

אַלע ווייבער, וואָס זיצען אין דער גאַנצער שורה, צעשאָקלען זיך, אַזוי ווי צו „ונתנה תוקף", שטשערען אויס די ציין... איך קוק...

איך געה מיר ענדליך אַוועק אַהיים, גיב די קינדער אָפּעסען, צעוואַש דאָס געפעס און לייג מיך שלאָפען...

פאַרנאַכט, ווען זי דאַרף שוין קומען, זעה איך, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדנונג: איך גלעט צו די בעטען, וויש אָפּ דעם טיש פון די ברעקלאַך, און ווען איך זעה זי שוין געהן, שטעל איך מיך מיט די קינדער אַוועק ביי דער טיר, און ווי זי קומט נאָר אַריין, באַגעגענען מיר זי אַלע מיט אַ גרויסען „גוט־נאַווענט!" נאָכדעם העלף איך איהר צעבינדען דעם שאַל, און דערביי שענקט זי מיר אָפּט עטליכע „ברכות". איך שטעה הינטער איהרע פּלייצעס און קרים זיך. מיר הויבט דאָס שוין ניט אָן צו אַרען. זומער איז זי נישט אַזוי שלעכט. ווען איך טו פון איהרטוועגען עפּעס אַ זאַך, אַ גוטע זאַך, שענקט זי מיר אפילו אַ גלעט

איבער'ן פּנים. איך גיב זי אַ כאַפּ־אַרום, גיב זי איינגאַנצען אַ דריק צו צו זיך, און וויל זי אַ קוש טאָן. נאָר זי גיט מיך אַזאַ שטויס אָפּ פון זיך, אַז איך פליה אַזש צו דער וואַנט. גיב איך זי צוריק אַ שטופּ. איז זי ניט קיין פראַמאַך, און קריכט מיר אַריין מיט די נעגעל אין פּנים אַריין. ווער איך נאָך בייזער: איך וויים, אַז איך האָב דאָס ניט פאַרדינט, און אומזיסט וועל איך מיר ניט לאָזען קריכען אויפ'ן קאָפּ. דערצעהל איך איהר אויך די מעשה. מאַכען די חברה אַ גוואַלד, און זי מיט זיי צוגלייך, און איך פּוץ אין דרויסען אַרויס. איך לויף אויף אַלע פיס. נאָר צוביסלאַך, ניט באַמערקענדיג פאַר זיך אַליין, הויב איך אָן געהן פּאַמעליכער און פּאַמעליכער, בלייב איך פּלוצלינג שטעהן און פרעג זיך אַליין: וואוהין לויף איך? איך שטעה אַ פּאָר מינוט און קוק פאַרטראַכט, אויף דער ערד, אויפ'ן הימעל, אויף די הייזער, אויף די מענשען, וואָס געהען אויף און אָפּ. און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס געהן פון די מענשען, דאָס שטעהן פון די הייזער, אַלצדינג, אַלצדינג אַרום מיר איז אויך אָהן אַ שום געדאַנק. און טראַכטענדיג אַזוי, דערפיהל איך מיך דערוויייל גוט; איך האָב געהערט, אַז אַזוי טראַכטען ניט קיין פּראָסטע מענשען, נאָר פילאָזאָפען, — דאַכט זיך מיר שוין, אַז איך בין אַ פילאָזאָף. איך פיהל, ווי איך וואַקס, איך ציה זיך אויס ביז'ן הימעל, ווער גראָב, באַקום אַ ברייטען שטערען מיט לאַנגע־לאַנגע האָר, אויף די אויגען — אַ פּאָר ברילען מיט גרויסע גלעזער אויף דעם לייב— אַ ברייטען לאַנגען שוואַרצען מאַנטעל, און דער קאָפּ טראָגט־טראָגט. עס אַרבייט זיך דאָרטען ווי אין אַ ווינטמיל, — און די הענט מיינע דרעהען זיך, ווי די לאָפּאַטעס, און איך פליה אין דער לופטען...

אָט אַזוי פאַרטראַכט איך מיך טיף־טיף. איך פאַרגעס גאָר, וואו איך בין אין דער וועלט: איך פיהל ניט, צי לעב איך, צי בין איך געשטאָרבען, און אַזוי ווי איך בין שטעהן געבליבען, ניט באַמערקענדיג אַליין, אַזוי פיהל איך ניט, ווי איך לאָז מיך געהן; געה מיט אַ שוואַרץ־אָנגעלאָדען האַרץ, מיט אַ פולען קאָפּ,

און פּלוצלינג דערזעה איך מיין וואוינונג. די פענסטער זיינען שוואַרץ, ווי די נאַכט. איך שטעה אַ פּאָר מינוט און באַטראַכט זי אָהן שום זין, דערנאָך געה איך צו, גראַב איין דאָס פּנים אין שויב און קוק. איך זעה גאָרניט און קוק דאָך. און מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז דאָ שטעהט דער פילאָזאָף מיט'ן ברייטען מאַנטעל און קוקט אריין אין דער אָרים שטיבעלע דורך זיינע גרויסע ברי־לען. אָט זעה איך (דער פילאָזאָף, הייסט דאָס), ווי עס ליגט אַ פרוי, מיט איהר צוזאַמען ליגט אַ קליין קינד, צופוסענס ליגט אַ מיידעל פון אַ יאָהר 10. אין צווייטען צימער ליגט דער מאַן איהרער, אַ פּוילער הונט, עפּעס אַ מין טויגעניכטס. נעבען איהם ליגט אַ אינגעלע. אַלע זיינען שוואַרץ, ווי שטיקער נאַכט; דאַרע און קליינינקע, כאָטש קנעט זיי צונויף און מאַך פון זיי איין מענשען אַ רעכטען. און אָט די מענשעלאַך לעבען זיך דאָך, טשובען זיך און רייסען זיך, און ווער וויים וואָס פון די מענשעלאַך קאָן נאָך ארויסקומען...

איך ווער מיד שטעהן אונטער'ן פענסטער, דרעה אויס דאָס פּנים צום דרויסען, בלאָז ברייט אָפּ פון זיך און כאַפּ אַ קוק צו די שטערען, פּאַרטראַכט זיך אויף זיי און וויל שטאַרק עפּעס דערזעהן דאָרטען. דער הימעל ווערט צו מיר נאָהענטער, און אָט בין איך שוין נעבען איהם, און איך קוק שוין ניט אויפ'ן הימעל ארויף, נאָר אויף דער ערד אַראָפּ. אַ גרויסער מענש, יאָ? אָבער ווי איך קום נאָר אין שטוב אריין, ווער איך מיט אַמאָל גע־קריצט; איך באַקום אַ קליין שמאָל מויל און ווי אַ קליין נאַריש גנב'ל שאַר איך מיך צו צום ברויט און עס מיט גרויס אַפּעטיט. מיין ווייב האָט אָבער אַזאַ גרינגען שלאָף, — זי דערהערט באַלד און הויבט מיך אָן באַשיטען מיט שוואַרצע קללות. איך געה צו צו איהר, בעט צוואַנציג מאָל מחילה, זאָג איהר פופציג מאָל צו, אַז מעהר וועל איך דאָס שוין נישט טאָן, און איך וועל מיך אויפ־פיהרען גוט און פיין. זי ווערט אַנטשוויגען — מוחל, הייסט דאָס. טו איך מיך שוין אויס און גנב'ע זיך פּאַמעליך אריין צו איהר

אין בעט. זי מאַכט זיך גע׳פּגר׳ט, און איך מיך כלא ידע, וואָס
אַרט דאָס מיך! זאָל זי מיינען, אַז זי נאַרט מיך.

אָט אַזוי שלעפּערדיגערהייט האָב איך שוין דריי קינדער
מיט איהר. מיר שטעהען אויף ברוגז׳ע, גלייך מיר ווייסען ביידע
פון גאָרניט.

איין מאָל, דאָנערשטאָג אין דערפריה, האָב איך צוגעשטעלט
אַ טאָפּ וואַסער און געה, ווי געוועהנליך, צו צו מיין טאָכטער
און וויל איהר אָנהויבען צעפּלעכטען די האָר, צוגרייטען צום
צוואָגען. נאָר פּלוצלינג גיט זי זיך אַ ריס־אויס און בלייבט שטעהן
אַנטקעגען מיר מיט אַ רויט־אָנגעבלאָזען פּנים. איך פרעג זי:
וואָס איז דאָס? זי ענטפערט מיר ניט, גיט אויף מיר אַ בייזען
קוק און בלאָזט זיך נאָך מעהר אָן. פרעג איך זי ווידער: וואָס
איז דאָס? ענטפערט זי ניט. מילא, געה איך צו און וויל
ווייטער צעפּלעכטען די האָר. שפּרינגט זי אָפּ ווי אַ האָז.

— ווילסט זיך ניט צוואָגען?

— איך דאַרף ניט, דו זאָלסט מיך צוואָגען, ענטפערט זי מיר
מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און שפּילט זיך מיט איהרע פינגער.

— וואָס הייסט?!?

— איך קאָן מיך שוין אַליין צוואָגען!

— ווילסטו ניט, איך זאָל דיר צוואָגען?

— ניין!

— פאַרוואָס?

— איך קאָן מיך שוין אַליין צוואָגען!

מילא, איז ניט געטאַנצט. ניט — איז ניט. געה איך שוין
צו דער פּליטע און זעה, עס זאָל זיך גיכער אָנוואַרעמען דאָס
וואַסער, איך זאָל אויסצוואָגען די צוויי קלענערע חברה. און אַז
עס האָט זיך שוין אָנגעוואַרעמט דאָס וואַסער, געה איך צו צו
מיין אינגעלע און הויב איהם אָן אויסטאָן. נאָר זי שפּרינגט ווי
פון דער ערד אַרויס, גיט איהם אַ כאַפּ ביי אַ הענטעל און רייסט
איהם אָוועק פון מיר.

— וואָס הייסט דאָס ? ?...

זי האַלט איהם ביים הענטעל און ענטפערט ניט.

— וואָס הייסט דאָס ? !

זי ענטפערט ניט.

געה איך צו און וויל איהם נעהמען, האַלט זי איהם און זאָגט אונטער דער נאָז:

— איך וועל איהם אַליין צוואָגען.

נייעס!

— וואָס הייסט, דו וועסט איהם צוואָגען ?

מיר איז שוין אריין עפּעס אין דער נאָז. איך שלעפּ ס'אינ־געל און זי האַלט איהם.

איך באַטראַכט זי אַ פּאָר מינוט און פרעג:

— וואָס עפּעס פּלוצלינג איז דיר אריין אין קאָפּ זיך אַליין צוואָגען און איהם צוואָגען ?

— ס'אַ רחמנות אויף דער מאַמען! — ענטפערט זי מיר...

— וואָס, אַ רחמנות אויף דער מאַמען!?...

— ס'אַ רחמנות אויף דער מאַמען. זי האָרעוועט און דאַרף דיר געבען עסען...

— נו ? ?...

— און אַז איך וועל מיך אַליין צוואָגען און אָנטאָן יאַנקע־לען מיט מינדעלען, וועסטו קענען געהן עפּעס פאַרדינען.

— וואָס ? ?...

— שטיל.

— דו וועסט אָנטאָן יאַנקעלען מיט מינדעלען ? זיי געבען עסען, צורוימען די שטוב ?

— מציאה!... און דו וועסט קענען געהן פאַרדינען!

שוין! עס איז שוין ביי איהר גאָר קיין מציאה ניט! וואָס איך מאָרדעווע מיך אָן אַ גאַנצען טאָג, וואָס איך דעראַרבייט! די קליינע רייסט מיך צעהן מאָל אַ טאָג די באָרד אוים. איך ווער הייזעריג, איידער איך פאַרוויג זי... זאָגט זי גאָר, אַז עס איז גאָר קיין מציאה ניט. פאַרדינען שיקט זי מיך! הייסט

דאָס, דאָ פאַרדין איך מיר מיין עסען ניט. אַן אומזיסטער עסער בין איך! און זעה נאָר, ווער ס'שיקט מיך דאָ פאַרדינען! אַזאַ מין גאָרניט! זי וויל פאַרנעהמען מיין שטעלע. אָט האָ־סטו דיר! אויף מיין קאָפּ אַליין אויסגעהאָדעוועט אַ קאָנקור־רענטקע. זי טרייבט מיך שוין באַצייטען פון דער שטוב! איך האָב זיך אַזוי קליין דערפיהלט, אַזוי קליין, ווי אַ צעהן־יאָהריג אינגעלע, און די, וואָס שיקט מיך פאַרדינען, האָט זיך מיר גע־דאַכט, איז אַ גרויסע, אַן אַלטע. איך האָב אַזש אָנגעהויבען מורא צו האָבען פאַר איהר: איך קאָן אָבער ניט פאַרדינען! מעג איך מיר געהן פון דער שטוב הייסט דאָס, נאָר גאָט, וואוהין זאָל איך געהן? אַזאַ מין גאָרניט! פאַר אַ ניאַנקע סיידען? כאַ־כאַ־כאַ, פאַר אַ ניאַנקע! אויף וואָס דען טויג איך? נאָר איך וועל דאָס ניט דערלאָזען! וואָס הייסט, אַזאַ שנעק זאָל מיך טרייבען פון שטוב? זי וועט גיכער אוועקגעהן פון דאַנען, איי־דער איך. דאָרטען, וואו עס געהט שוין וועגען פּרנסה, וועגען ברויט, וועל איך מיר שוין ניט לאָזען שפּייען אין דער קאַשע. אויף טויט און לעבען וועל איך געהן!

— קום נאָר אַהער! ווער האָט דאָס דיר געהייסען זאָ־גען? די מאַמע?

— ניין, אַליין!

— אַליין??

— איך זאָג, אַליין.

— וואָס הייסט אַליין? אַליין זאָגסטו דאָס? די מאַמע האָט דאָס דיר ניט געהייסען זאָגען?

— ניין!

— ניין??

— ניין!

— הייסט דאָס, זאָגסטו דאָס אַליין?

— אַליין! די מאַמע האָט דאָס מיר ניט געהייסען זאָגען!

— הייסט דאָס, ווילסטו מיך אַרויסטרייבען פון שטוב? ענטפערט זי ניט.

איך כאַפּ זי אָן ביים צאָפּ, „דו ווייסט, זאָג איך, אַז איך בין דיר אַ טאַטע?"

זי פּרואווט זיך אַרויסרייסן.

— דו ווייסט, זאָג איך איהר, אַז איך בין דיר אַ טאַטע? און אַ טאַטע, וואָס ער וויל, קאָן ער טאָן מיט זיין קינד, אַפּילו טויטען דיך. דו ווייסט, אַז אַ טאַטע איז מחויב צו שטראָפען זיין קינד, און אויב ס'געהט ניט אין רעכטען וועג מעג ער דאָס אַפּילו הרג'ענען, ווייסט?!

ווייזט־אויס, אַז איך האָב שטאַרק געשריגען, ווייל דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט זיך געגעבען אַ ריס אויס פון מיינע הענט, איז צו צום קינד און דאָס גענומען פאַרוויגען און צוזינגען מיט דעם לידעל, וואָס איך זינג דעם. דאָס האָט מיך שוין שטאַרק פאַרדראָסען. איך בין שוין גאָר פון די כלים אַרויס. וואָס פאַר אַ רעכט האָט זי צו פאַרוויגען דאָס קינד מיט מיינס אַ לידעל, אַ לידעל, וואָס איך האָב דאָס אַליין אויסגעקלערט? אויב אַזוי, האָב איך מיך שוין טאַקע שטאַרק דערפּיהלט. איך בין מיט פעסטע טריט צוגעגאַנגען צום וויגעל, זי געגעבען אַ שטויס אָפּ און אַליין גענומען פאַרוויגען דאָס קינד:

אוי ליו־ליו, מיידעלע,
די מאַמע וועט דיר מאַכען אַ קליידעלע,
דער טאַטע וועט דיר וואַשען דאָס קעפּעלע,
די מאַמע וועט דיר ברענגען אַן עפּעלע,
פאַרמאַך, פאַרמאַך די אויגעלאַך,
די מאַמע וועט דיר ברייגנען בויגעלאַך,
אוי ליו־ליו, אוי ליו־ליו.

נישקשה, זי וועט, דאַכט זיך מיר, אויסלעבען אַלע איהרע יאָהרען, און זי וועט אַזוי ניט פאַרוויגען אַ קינד, ווי איך.

— מעגסט געהן פון דאַנען! שיסט זי פּלוצלינג אויס: איך קאָן אַליין פאַרוויגען דאָס קינד!

ע־ע־ע, אָט וואו עס האַלט שוין! נו, אויב אַזוי, וועל איך זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען! איך כאַפּ־אַראָפּ דאָס פּאַסיקעל פון די הויזען און מיט אַלע כוחות — איבער׳ן קאָפּ, איבער׳ן פּנים, איבער דער פּלייצע, נאַ, נאַ, נאַ, וועסט וויסען, ווי אַזוי צו זיין אַן עזות פּנים אַנטקעגען אַ טאַטען, וועסט וויסען! וועסט וויסען! וועסט מיך שוין האָבען צו געדענקען! וועסט מיך שוין האָבען צו געדענקען! די צוויי קלענערע חברה האָבען זיך צוקוויטשעט, אויף איהר קוקענדיג, און דאָס האָט שוין מיך גאָר פון געדולד אַרויסגעבראַכט: איך בין געשפּרונגען פון איינעם צום צווייטען און גע׳הרג׳עט, וויפיל עס איז נאָר אַריין. נאָכדעם האָב איך זיך אַליין אָנגעהויבען צופּען ביי דער באָרד. איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער, זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלענבויגענס, און האָב זיך צעוויינט.

פּאַרנאַכט, ווען די מוטער איז געקומען, זיינען זיי זי באַלד באַפאַלען, און יעדער באַזונדער האָט אויף זיין לשון אָנגעהויבען דערצעהלען, ווי אַזוי איך האָב זיי געשלאָגען, און האָבען זיך פון דאָס־ניי צעוויינט. איך בין שוין געשטאַנען און געוואַרט אויף מיין פּסק־דין; די קאַטשעלקע האָב איך אַפילו אַראָפּגענומען פון דער וואַנט און זי באַהאַלטען, נאָר דאָ האָב איך נאָך אויף עפּעס ערגערס געוואַרט. זי האָט זי ווי אַ קלאָץ אַ זעץ געגעבען אַוועק אויפ׳ן בעט, אַוועקגעשטעלט די עלענבויגענס אויף די קני, און אויף די הענט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ, און האָט אַלץ אויסגעהערט, וואָס די קינדער האָבען איהר דערצעהלט. און אויס־הערענדיג, האָט זי אַלע מאָל אויף מיר אַ ביטערען קוק געוואָר־פען, פון וועלכען עס איז מיר אַלע מאָל פאַרקילט געוואָרען דאָס בלוט. נאָכ׳ן דערצעהלען איז אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר מינוט. די קינדער זיינען שטיל געבליבען. עס האָט זיך נאָר געהערט אַ כליפּען מיט לאַנגע שווערע זיפצען. איך האָב מיך געוואָלט עפּעס פאַרענטפערען, נאָר איך ווייס ניט, פאַרוואָס דאָס מויל האָט זיך ביי מיר ניט געעפענט.

— נו, וואָס וועט זיין דער סוף? — פרעגט מיך פּלוצלינג

מיין ווייב, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, און די אויגען זיינען אָנ־געגאָסען, ווי די קאַלוזשעס.

איך שווייג.

— וואָס וועט זיין? פרעג איך דיך...

וואָס זאָל איך איהר ענטפערען?...

— דו ווייסט, אז מ׳דאַרף דיך אָפּשיקען אין משוגעים־הויז!

איך האָב זי דוקא געוואָלט פרעגען: פאַרוואָס האַלט זי דאָס מיך פאַר א משוגענעם? איין מאָל שלאָגט א טאַטע קינדער?

— איך בעט דיך: איך האָב דיך אזא צייט אויסגעהאַלטען, געגעבען עסען און טרינקען, קליידער און שיך. שוין עלף יאָהר נאָך אונזער חתונה! די גאַנצע צייט האָסטו אפילו אויף קיין איין ווארמעס ניט פאַרדינט. איך בין אזוי שוואַך, אזוי צו־בראָכען, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין מיר. וואָס האָסטו זיך אָנגעלייגט אויף מיר? ניט גענוג, וואָס איך דאַרף האָדעווען די קינדער, דאַרף איך נאָך דיר געבען עסען? וואו־זשע איז דאָס געהערט געוואָרען?

מיר האָבען זיך אזש טרעהרען אין די אויגען געשטעלט.

איך האָב זי נאָך קיינמאָל אזוי ניט געהערט רעדען! דאָס רעדען האָט מיך ערגער געארט, ווי שלאָגען.

— מירעלע, בעט איך זיך ביי איהר: זי האָט מיך אזוי באַליידיגט, זי האָט מיך געטריבען פון שטוב. איך בין דאָך א טאַטע, ס׳טוט דאָך מיר וועה דאָס האַרץ! אַן אייגען קינד טרייבט דעם טאַטען פון שטוב. נו, וואו איז דאָס געהערט גע־וואָרען? נו, זאָג דו אַליין!...

— וואָס־זשע פאַר א מאַנסביל זיצט אין דער היים און קוקט אַרויס, דאָס ווייב זאָל איהם געבען עסען?

— דאָס האָסטו איהר געהייסען זאָגען?...

זי קוקט מיך אָן, ווייזט אויס, זי פאַרשטעהט ניט, וואָס איך פרעג זי.

— דאָס האָסטו איהר געהייסען מיך טרייבען פון דער שטוב?

— זי זיפצט.

— דאָס האָסטו איהר געהייסען אַליין צוואָגען די קינדער? זי קאָן דען צוואָגען די קינדער? זי קאָן דען אפילו א מינוט האַלטען דאָס קינד אין די הענט?

— איך קאָן בעסער פון איהם! שרייט אויס דאָס מיידעל מיר אויף צוזעצעניש.

— אָ, ווי לאַנג קרענקסטו, דו חוצפה דו! דו קענסט נאָר זיין א שייגעץ אַנטקעגען טאַטען!

— און ער קאָן זיך נאָר שלאָגען!

— נו, יאָ, אָ? זיצסט? עס אַרט דיך ניט, דערנאָך וועט זי דיר רעדען אַנטקעגען, לאָמיר זעהן, דו זאָלסט צוגעהן איהר געבען עטליכע פעטש.

— איך בעט דיך, זאָלסט אוועקגעהן פון מיר! הערסט?— שרייט אויס מיין ווייב.

און מיט דעם האָט זיך געענדיגט. זי האָט א פאָר מאָל אָפגעזיפצט און זיך געלעגט שלאָפען.

און איך בין ווייטער געבליבען אויף מיין שטעלע. די קליינע לאָז איך צום קינד ניט צו. און אין שטוב לאָז איך זי אויך גאָר־ניט טאָן. אפילו זיך אַליין צוואָגען לאָז איך איהר ניט. און ווען איך קעם זי, רייס איך איהר אויס אַלע האָר פון קאָפּ.

דאַנקען גאָט! איך האָב מיך שוין אויף א שטיק צייט באַ־וואָרענט: מיין איינציגער אויסקוק איז געווען, מיין ווייב זאָל האָבען א קליינס. דעמאָלט וואָלט איך שוין גאָר קיין מורא ניט גע־האַט פאַר מיין קאָנקורענטקע. איך זעה דאָך שוין, אז זי וויל מיך פטר'ען פון דער שטוב. זי האָט זיך אפילו אַרויסגערעדט, פאַרוואָס: א ציגען קליידעל, וויל זי, זאָל איהר די מוטער מאַכען, האָט איהר די מוטער מסתמא געזאָגט, אז זי קאָן איהר ניט מאַכען, פאַרשטעהט זי, אַזאַ קליינע, אז דאָס איז איבער מיר. זי ווייסט: ווען זי בלייבט אַליין אין שטוב מוז איהר שוין די מוטער דעמאָלט מאַכען א קליידעל. נו־נו, וויל זי דאָס מיך אַרויסשטופען. און איך האָב ביי זיך טאַקע שטאַרק מורא געהאַט,

אויב דאָס וועט זיך איהר, סוף כל סוף, ניט איינגעבען. נאָר איצט, ווער הערט זי: מיין ווייב טראָגט, ארום אזא פיצעל וועט זי שוין ניט קאָנען געהן, איך האָב מיך געפלייסט דערצו... מיר איז דאָס געטוג שווער אָנגעקומען... זי האָט מיך געטריבען פון זיך, זי האָט זיך שוין ניט געמאכט שלעפעריג... „דו שלעפער, דו! נאָך קינדער ווילסטו אָנפלאָדזען אויף מיין קאָפ!" האָט זי מיר אַלע מאָל געזאָגט צונויפדרעהענדיג זיך אין צעהנטען... נאָר ווי אזוי עס איז שוין פאָרגעקומען, איך בין איצט תקיף. אפילו אַנטקעגען מיין ווייב פיהל איך מיך שוין אויך גרויס. איך גרייס מיך, ווען זי שטעהט אַנטקעגען מיר מיט'ן שפיציגען בייכעל. איך פיהל, אַז איך בין אַ מאַן, און זי, מיין ווייב...

פון גרויס פארגעניגען געה איך מיר יעדער אויף דערנאַכט נאָך וועטשערע ארויס שפּאַצירען. איך פאַרלייג מיר די הענט אַרונטער, שטעל אַרויס מיין בויך (מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אַ גרויסען בויך) און געה פאַמעליך מיט קורצינקע טריטעלאַך, אַזוי: איינס, צוויי, איינס, צוויי. מיך אַרט ניט: ס'מעג געהן אַ רעגען, אַ שניי, ס'מעג זיין אַ לבנה־נאַכט. מיר איז אַלץ איינס. און כאָטש עס איז אַפילו קאַלט דאָך נעהם איך אַראָפּ דאָס היי־טעל און לאָז אויף מיין קאָפּ לופט. איך האָב איהם ניט פיינט מיין קאָפּ: ער איז ניט קיין נאַר, ער פּאַרשטעהט אַ געשעפט.

נאָכ'ן שפּאַציר געה איך מיר אַריין אין שטוב, געה ניט אויף די שפּיץ פינגער, נאָר מיט פעסטע טריט שפּאַן איך אַריין און שטעל זיך אַוועק אין מיטען שטוב און באַטראַכט מיין ביסעל פאַרמעגען: איינס, צוויי, דריי, ווען ניט איך וואָלטען די דריי מענשעלאַך ניט געווען. די דריי מענשעלאַך, וואָס ליגען איצט און שלאָפען, זיינען מיינע, מיינע אייגענע, מיין בלוט און פלייש. די דריי מענשעלאַך זיינען איך. איך בין — זיי. און די ווייב מיינע איז אויך מיינע, זי געהערט צו קיינעם ניט, נאָר צו מיר. דאָרטען, ביי איהר אינוועניג אין בויך, ליגט אַ שטיקעל איך. זיינען מיר אינאיינעם?... איינס, צוויי, דריי; דאָס ווייב — איז פיר; אינווייניג ביי איהר דאָס קינד — איז פינף;

מיט מיר — זעקס... בין איך זעקס, און די זעקס בין איך. איך פאַרנעהם אָט די גאַנצע שטוב. אָט ווער איך בין!!! האָט־זשע מיר אַ גוטע נאַכט!...

איך געה אָפּגעריסען. פון פאַר־אַ־יאָהרעדיגען פאַלטאָ אפילו קיין זכר ניט. אין די שיך רינט מיר אַריין. פון די הויזען פאַ־לען שטיקלאַך, דאָס רעקעל — אַ לאַטע אויף אַ לאַטע (וואָס איך האָב אַליין געלייגט). איך קלייב מיך שוין פון אַ שטיקעל צייט צו זאָגען מיין ווייב, זי זאָל מיר עפּעס וואָס מאַכען: איך קען שוין פשוט אין דרויסען ניט ארויסגעהן, נאָר איך קען איהר אָבער ניט זאָגען. בייטאָג, ווען זי איז ניטאָ, דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז זעהר גרינג, נאָר ווי זי קומט נאָר אַריין, טראַכט איך דערפון ווי פון אַ חלום. איך ווייס אָבער אַז איך מוז איצט זאָ־גען; איך מוז איצט אויסנוצען די גוטע צייט: זי ריכט זיך יעדען טאָג אין בעט אריין. ערשטענס, דאַרף זי אָנקומען צו מיין לאַסקע, און צווייטענס, איז זי תמיד אין דער צייט אַזוי גוט, אַזוי ווייך, זי רעדט אפילו קיין הויך וואָרט ניט. איך האָב זיך ענדליך באַשוואוירען, אַז היינט אויפדערנאַכט מוז איך זאָגען. אַניט — זאָל איך שטאַרבען ביז מאָרגען.

באַלד ווי זי איז אריינגעקומען, האָב איך פון איהר אַראָפּגע־כאַפּט דאָס לייבעל, דאָס אָפּגעטרייסעלט פון שניי. איך מעג זאָ־גען, אַז דער גרעסטער קאַוואַליער וועט אַזוי ניט געהן אַרום זיין פריילין, ווי איך אַרום מיין ווייב אין דעם אָוענט. נאָר געזאָגט האָב איך נאָך אַלץ ניט, כאָטש נעהם און שנייד די צונג. איך האָב זיך אַלע מאָל דערמאָנט די שבועה, און דאָס האָט מיר אויך ניט געהאָלפען: נאָר ווען זי האָט אָנגעהויבען זיך אויסטאָן אויף לייגען זיך שלאָפען, בין איך צוגעגאַנגען צו איהר און זיך אָוועק־געשטעלט ווי אַ סאָלדאַט, און נאָכ'ן אָפּשטעהן אַ פּאָר מינוט, האָב איך איהר אויף שטום־לשון מיט איין מאָל געגעבען אַ ווייז מיין הולך פון קאָפּ ביז די פיס. זי האָט אויף מיר אַ תמע'וואַטען קוק געטאָן. מילא, זעה איך שוין, אַז זי פאַרשטעהט מיך ניט, שטעה איך נאָך אַ פּאָר מינוט און גיב איהר ווייטער אַ ווייז, גיב

זיך אַ בויג אָן צו מיינע פיס און געה אַרויף מיט די הענט צום קאָפּ... קוקט זי ווייטער... הויב איך איהר שוין אָן ביסלאַכווייז צו ווייזען: איך גיב אַ הויב אויף איין פוס, ווייז איהר איין שוך. נאָכדעם — דעם צווייטען; נאָכדעם האָב איך איהר גע־געבען אַ ווייז די הויזען פון פאָרענט, און באַלד געמאַכט בואו בשלום און געוויזען פון הינטען, נאָכדעם האָב איך איהר געגעבען אַ ווייז איין עלענבויגען, אַ צווייטען, ווי זיי קוקען פון די אַר־בעל אַרויס. אָפּגעוויזען אַלצדינג, שטעה איך און קוק זי אָן. איך וואָלט שוין אפשר געזאָגט, שטעהט מיר אָבער ביי דער זייט אַ שלאַק, די קאָנקורענטקע מיינע.

— וואָס האָסטו זיך אוועקגעשטעלט ווי אַ גלאָמפּ פאַר די אויגען, — פרעגט מיך מיט אַמאָל מיין ווייב.

איך שווייג.

— דו ביזט געליימט געוואָרען?

איך ריהר זיך נישט פון אָרט.

דאָס קליינע קינד צוואויינט זיך פּלוצלינג פון שלאָף. איך מיט מיין קאָנקורענטקע גיבען זיך ביידע אַ וואָרף צום וויגעל, נאָר זי האָט דאָס פריהער פאַרכאַפּט און דאָס אָנגעהויבען צו פאַר־וויגען, שטעה איך שוין, ניט אַהער און ניט אַהין. איך ווייס ניט, וואָס פריהער צו טאָן. און דאָ זעה איך, ווי זי פּארווינט דאָס קינד אויסגעצייכענט, ווי זי וואָלט שוין פון צעהן יאָהר אַ מאַמע געווען. איך לויף צו צום וויגעל, כאַפּ אַרויס דאָס קינד, כאָטש עס דאַרף נאָך גאָר שלאָפען; נאָר זי, די קליינע, גיט דאָס אַ ריס־אויס און לויפט צו מיט דעם צו דער מוטער. מאַך איך שוין אַ שווייג, גלייך עס אַרט מיר ניט. געה צו אויף מיין פריהערדי־גען פּאָסט און שטעל זיך אַוועק.

— ווי אַזוי האַלסטו דאָס קינד? — האָב איך פּלוצלינג אָנ־געשריען אויף מיין קאָנקורענטקע, כאָטש זי האָט דאָס געהאַל־טען בעסער פון מיר.

— ס'איז ניט דיין עסק! — ענטפערט זי מיר.

אַ חוצפּה!

— וואָס הייסט ניט מיין עסק? דו דרעהסט אוים דעם קינד די הענטלאך!

— זאָל דיך ניט אַרען!

— וואָס הייסט, עס זאָל מיך נישט אַרען? איך בין דאָך א טאַטע?

— זאָל דיך ניט אַרען!

— וואָס הייסט עס זאָל מיך נישט אַרען? איך בין דאָך א טאַטע?

— נו־נו?... ענטפּערט זי מיר אָנגלעאָרען.

— וואָס נו־נו! מינדעלע, טאָכטער, קום צו מיר.

וויל דאָך מינדעלע טאַקע מסתמא ניט געהן, און ווי איך שטרעק אוים די הענט צו איהר, גיט זי זיך א דרעה אוים צו מיר מיט דער פּלייצקע און ווארפט דאָס קעפּעל צו איהר אויפ׳ן אקסעל. פארקריץ איך שוין מיט די ציין, — דאָס איז שוין דער בעסטער באַווייז, אז ביי איהר איז דעם קינד בעסער צו זיצען אויף די הענט, ווי ביי מיר.

— וואָס ווילסטו? וואָס טשעפּעסטו זיך צום מיידעל? — פרעגט מיך מיין ווייב שטרענג.

— וואָס הייסט וואָס איך וויל? זי דרעהט אוים דעם קינד די הענטלאך, איך בין דאָך א טאַטע, ס׳טוט מיר וועה דאָס הארץ!

— אָבער זאָל דאָס דיך ניט אַרען!

— וואָס הייסט?

— דו וועסט ניט אַוועקגעהן?!

— גיב א קוש ווי אזוי איך געה!

— דו וועסט ניט אַוועקגעהן פון מיינע אויגען?

— נו, גיב א קוש...

— אָן מיר וואָלט שוין מעהרער מצוה געווען! — רופט זיך אָפּ מיין קאָנקורענטקע. — איך האָב ניט קיין פּיצעל קליידעל אויף זיך.

אזא מין שטן!

— פאַרוואָס געהסטו ניט כאַראַבען ?
— גיב אַ קוק ווי אַזוי איך גייה !
— איך בעט דיך, דו זאָלסט אַוועקגעהן פון מיינע אויגען ! איך שטעה.

זי מאַכט קיין סך טענות ניט, קייקעלט זיך צו דער וואַנט, כאַפּט אַראָפּ איהר שטיק געווער און הויבט דאָס אויף איבער מיין קאָפּ.

די קינדער האָבען געמאַכט אַ געוואַלד, די קאָנקורענטקע מיינע האָט זיך, ווי עס ווייזט אויס, דערשראָקען און ארויסגע־לאָזט דאָס קינד פון די הענט. א־א, גוט !... איך האָב פאַר־געסען אָן דער ווייב מיט דער קאַטשעלקע, איך בין צוגעשפּרונגען צום מיידעל, זי אָנגעכאַפּט ביי די האָר, געשלעפּט ווי אַ ציג אי־בער דער גאַנצער פּאָדלאָגע און זי געבאַכעט אין די פּלייצעס, וויפיל עס איז נאָר אין איהר אַריין, און דערביי ווי אַ געטרייער פּאָטער געשריגען : נאַ־נאַ, וועסט וויסען, ווי צו האַלטען אַ קינד ! וועסט וויסען !

עס איז געוואָרען אַ קוויטשעריי, אַזוי ווי אין אַ מאַרק צווישען חזירים. די קליינע מיט דער גרויסער זיינען געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע און געריסען זיך מיט אַלע כחות. דאָס אינ־געלע מיינס האָט איינגעגראָבען דאָס פּנים אין קליידעל אריין און האָט אַהינצו אריינגעשריגען. און זי, דאָס ווייב מיינס, איז געשטאַנען ווי אַ ליימענער גולם און האָט גאָר ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן : צי זאָל זי מיך שלאָגען ? צי זאָל זי אויפהויבען דאָס קליינע קינד פון פּאָדלאָגע ? צי זאָל זי איינשטילען דאָס ? צי זאָל זי צוגעהן צו יענער ? זי האָט געקוקט מיט צוויי ווילדע אויגען. פּלוצלינג האָט זי זיך צואווינט און זיך אָנגעהויבען ריי־סען די האָר פון קאָפּ, ריכטיג, ווי די שטוב וואָלט פּלוצלינג אַ פייער ארומגעכאַפּט, און איך, אויף איהר קוקענדיג, האָב זיך דערשראָקען, מיינענדיג אַז זי איז פון די געדאַנקען אַראָפּ. מאַך איך אַ געוואַלד, לויף צו צום פענסטער און מיט אַלע פינגער הויב איך אָן פּויקען, מען זאָל זיך צונויפלויפען...

ווי לאַנג בין איך אַזוי גליקליך געווען! דאָס ניי־געבוי־רענע קינד האָט מיר אַזוי פיל האָפנונג געגעבען. איך בין ביי זיך אַזוי געשטאַרקט געוואָרען, אַז צייט דריי חדשים, וואָס דאָס קינד האָט געלעבט, האָב איך אַפילו פון מיין ווייב קיין קרום וואָרט ניט געהערט.

דער ברית איז געווען אין א חודש אַרום נאָכ'ן געבוירען, ווייל דאָס קינד איז אַלץ ניט געזונט געווען. די קאָנקורענטקע מיינע האָט זיך געמיאוס'ט צו דעם צוצוריהרען דערפאַר, וואָס עס איז ניט געווען גע'מל'ט; די אַלטיטשקע מיינע האָט זיך א פּאָר מאָל אין טאָג אריינגעכאַפּט דאָס אָנצוזויגען, כאָטש אַלע קינדער ווייסען אַפילו פון קיין ברוסט ניט, חוץ די אַכט טאָג אין קימפּעט. ווייטער האָב איך אַלע אויסגעכאָוועט מיט א סאָסקע.

ווי גליקליך בין איך אויפן ברית געווען! ווער איז דע־מאָלט צו מיר גלייך געווען? אַלע צו מיר „לחיים, בעל ברית! לחיים, בעל ברית!" איך האָב געפּיהלט, אַז איך לעב, אַז איך פאַרנעהם עפּעס אויך א שטיקעל אָרט אין לעבען. נאָר ניט אויף לאַנג איז געווען מיין גליק! נאָכ'ן ברית איז דאָס קינד נאָך ערגער געוואָרען. וויינען האָט דאָס אַפילו ניט געקענט, עס האָט געמיוקעט ווי א קליין קעצעלע. איך האָב געזעהן ווי ווייט מעג־ליך אָפּהיטען דאָס. און זי, די קאָנקורענטקע מיינע, האָט גע־זעהן ווי ווייט מעגליך דאָס פּטר'ן. זי האָט זיך אַלע מאָל גע־ריפּעט מיט דער טיר, כאָטש זי האָט דאָס אַפילו ניט באַדאַרפט. און איך האָב דאָס געהילט, — וואָס איך האָב נאָר דערטאַפּט, האָב איך אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן קינד. איך פלעג דאָס פאַר־וויגען, און זי פלעגט זיך אוממיסטען רייצען מיט מינדעלען, כדי דאָס קינד זאָל וויינען און אויפוועקען דאָס פּיצעלע פון שלאָף. מיר איז אַפילו ניט איין מאָל איבערגעגאַנגען א געדאַנק, זי זאָל ניט אַראָפּגעהן ביינאַכט און דאָס דערשטיקען.

די גאַנצע צייט בין איך נאָר אַרום דעם געגאַנגען; קיי־נער האָט זיך אַפילו צו דעם ניט צוגעריהרט. עס האָט טאָקע

געעקעלט פון דעם, אַ פאַרזעהעניש איז דאָס געווען. דאָס פּנים׳ל אַ לאַנגס, אַן אָנגעצויגענס, עס האָט אויסגעזעהן ווי אַ זויערע צעקנייטשטע אוגערקע. קיין פלייש האָט דאָס אויף זיך ניט געהאַט, נאָר אַ הויט איז דעם נאָכגעהאַנגען, ווי דאָס וואָלט קיין הויט ניט געווען, נאָר אַ בייטעל. אַז איך האָב דאָס געהאַלטען, זיינען די פינגער מיינע געקראָכען אין לייב אַריין, — איך האָב דאָס געמוזט האַלטען נאָר אין אַ קישען.

נאָר די נאַכט, וואָס עס איז געשטאָרבען, האָט דאָס ביי מיר גאָר אַן אַנדער חן באַקומען. דאָ האָב איך שוין ניט געזעהן פאַר זיך קיין קינד, נאָר אַ גרויסען מענשען, וואָס פאַרשטעהט און ווייסט אַלץ. און געוועהנליך האָב איך שוין דערפאַר מורא גע־קראָגען. שטעהענדיג נעבען קינד, האָב איך געציטערט, עס זאָל ניט טרעפען מיינע געדאַנקען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט איצט ווייסט דאָס אַלץ, — ווייסט, אַז איך האָב דאָס נאָך מעהר ניט געקענט אָנקוקען, ווי אַלע דאָ אין שטוב.

אַלע זיינען געשלאָפען. דער זייגער האָט באַדאַרפט זיין אַרום דריי. אין דרויסען איז אַ פינסטערע נאַכט געווען. אַ שרעקליכער ווינט האָט אין פענסטער געפייפט און האָט אַלע מאָל געוואָרפען גאַנצע ליאַפּוכעס שניי אין די שויבען.

צו דער גסיסה האָב איך אַ ליכטעל אָנגעצונדען און גלייך דעם אין פּנים געקוקט. עס איז זיך גאַנץ רוהיג געלעגען, נאָר דאָס הערצעל האָט זיך ביי דעם שטאַרק געהויבען, די אויגעלאך האָט דאָס געהאַלטען לייכט פאַרמאַכט, נאָר אַ מינוט פאַר׳ן טויט האָבען זיי זיך מיט אַמאָל אַן עפען געגעבען, אַזעלכע ריינע, שוואַר־צע אויגען, און האָבען זיך גלייך אויף מיר אוועקגעשטעלט. „זיי מיר מוחל!“ האָב איך צו דעם געזאָגט. און אַזוי ווי איך האָב דאָס אַרויסגערעדט, האָבען זיך ביי דעם די אויגען ווי מיט אַ פּאַרע איבערגעצויגען, און אַזוי זיינען זיי אָפען געבליבען.

איך האָב דאָס באַלד מיט אַ שוואַרצען שאַל צוגעדעקט. צו־קאָפּענס האָב איך דאָס ליכטעל צוגעקלעפּט און אַליין האָב איך

מיט שווערע טריט אָנגעהויבען ארומשפאַנען איבער דער שטוב מיט אַן ארפּגעלאָזטען קאָפּ.

מיט אמאָל האָט מיך פאַרדראָסען. פאַרוואָס קומט מיר איי־נער אליין זיך ארומדרעהען ארום א מת? איך בין גלייך צוגע־גאַנגען צו מיין ווייב, זי געגעבען אַ שטאָרך און געזאָגט: „שטעה אויף! דאָס קינד איז געשטאָרבען!" זי האָט זיך ווי א צור־מישטע אויפגעכאַפּט. נאָכדעם בין איך צוגעגאנגען און אָנגע־הויבען וועקען מיין קאָנקורענטקע. מיינע שרייט צו מיר: „נאָך וואָס וועקסטו זי? נאָך וואָס דאַרפסטו זי?" און איך האָב זי ניט געהערט און זי אויפגעוועקט.

די מוטער האָט אָפּגעדעקט דאָס קינד און האָט זיך דערויף שטיל צעוויינט. די קליינע האָט אויסגעוואַלעט די אויגען און געציטערט פאַר קעלט. איך האָב מיך אָוועקגעשטעלט פון דער־ווייטענס, געקוקט אויף זייביידען און געשמייכעלט. דערנאָך בין איך צוגעגאַנגען צו מיין קאָנקורענטקע, אָנגענומען זי פאַר א האַנט, ארויסגעפיהרט אין מיטען שטוב, און אליין בין איך אויף הינטער־פּיסלאָך אָפּגעגאַנגען פון איהר, זיך אַוועקגעשטעלט אנטקעגען און אָנגעהויבען צו פּלעסקען מיט די הענט און צו זינגען, זי זאָל געהן א טענצעל.

מיינע האָט אויסגעשריען: ביזט פון זינען ארָאפּ?!...

— איך בין ניט אראָפּ פון זינען! דאָס האָט זי דאָס קינד גע׳פּטר׳ט. דאָס קינד וואָלט געלעבט, ווען זי קיהלט דאָס ניט צו...

— וואָס הייסט?...

— וואָס הייסט? וואָס זאָל דאָס הייסען? זי האָט או־מיסטען געלאָזט אָפען די טיר...

איך הויב־אָן ווייטער זינגען און צופּלעסקען.

— אידען, גוואלד!... נאַר... וואָס איז דאָס? ער איז פון זינען אראָפּ... וואָס איז דאָס פאַר א פּלעסקען?... וואָס זאָגסטו, וואָס?... וואָס שרייסטו?...

— אומיסטען! אומיסטען! זאָל דאָס קינד הערען... זאָל

דאָס וויסען, ווער עס איז זיין מלאך־המות... ווען ניט זי, וואָלט דאָס געלעבט!

איך בין צוגעגאנגען צום קינד און געזאָגט: „זאָלסטו ווי־סען, הערשעל, אז דיין שוועסטער מלכה איז גורם אין דיין טויט. זי איז דיין מלאך המות. איך דיין פאָטער, מאיר ברבי יצחק, זאָג דיר אָן, דו זאָלסט ניט שווייגען דיין פריהצייטיגען טויט!"

דאָ איז געוואָרען אַ גוואלד, ריכטיג, ווי דער מת וואָלט שוין אויפגעשטאַנען און זיך גענומען צו דער ארבייט. די מו־טער איז אַרויפגעפאלען אויפ'ן קינד און האָט זיך געטרייסעלט מיט'ן גאַנצען קערפער, געטופעט מיט די פיס און האָט דערביי עפּעס גערעדט. די קליינע איז ווי אַ משוגע'נע ארומגעשפרונ־גען איבער דער שטוב און געגוואַלדעוועט... די צוויי קליינע קינ־דער האָבען זיך אויפגעכאפט פון שלאָף און אויך אָנגעהויבען ריטשען. איך בין שוין גאָר צעדולט געוואָרען... איך בין אַ פּאָר מינוט געשטאַנען און האָב ניט געוואוסט, וואָס מיט מיר טוט זיך. און אַזוי ניט וויסענדיג האָב איך אָנגעהויבען פּאַקע־ווען מיין ביסעל וועש. איינגעפּאַקעוועט זיך בין איך צוגעגאנגען צום געשטאָרבענעם קינד און געזאָגט: „האָב אַ ליכטיגען גן־עדן, מיין טייערער זוהן! דו זאָלסט שטעהן און בעטען פאַר דיין אָרימען טאַטען וואָס לאָזט זיך איצט אַוועק אין דער וועלט אַריין"...

דערנאָך האָב איך גענומען דאָס פּעקעל אונטער'ן ארעם און מיט אַ קוק זיך אָפּגעזעגענט מיט די צוויי קלענערע קינדער. איך בין פּאַמעליך פון שטוב ארויס און אַוועק אין דער שווארצער וועלט אַריין...

אַבראַם יאַקאָוולעוויטש.

ווען אבראם יאקאָוולעוויטש איז, ווי דער שטייגער זיינער, אין דער פריה נאָכ'ן שלאָף געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע אויף אַן אויסגעשפּרייטען דיוואַן און געמאכט גימנאַסטיק לויט מילער'ס סיסטעם, האָט מען אָנגעקלאפּט אין טיר. ער איז האסטיג, ווי א צעהן־יעהריג אינגעל אויפגעשפּרונגען, זיך איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע און געהייסען אריינגעהן.

דאָס איז געווען פאניא אבראמאָווגא'ס דינסט. די בעל־הבית'טע האָט זי געשיקט זאָגען אַבראַם יאַקאָוולעוויטש'ען, אַז דיינט איינס דעם זייגער פאָהרט זי אוועק מיט'ן קוריער. אלזאָ זאָל ער באלד קומען צו איהר.

— כאָראָשאָ! — האָט ער געענטפערט, און איידער נאָך די דינסט האָט פארלאָזט דאָס צימער, איז ער שוין געווען האלב אָנגעטאָן, צוגעלאָפען צום שפּיגעל, א גלעט געבענדיג זיין באוואקסען פּנים און א זאָג געגעבען אין דער וועלט אריין:

— מ'דארף זיך אָפּגאָלען — און געטראכט, אז פאניא אבראמאָווגא איז די איינציגע לייטישע פרוי פון אלע זיינע באקאנטע דאמען. ער האָט זי ניט פיינט, אָט די פאניטשקע... טאַק'ס... מ'דארף זיך ארומגאָלען...

ער פיהלט שוין איצט, אז ער וועט בענקען נאָך איהר... ער בענקט ש ו י ן, דאכט זיך... יאָ, עפּיס איז דאָרט אין הארצען קאלעמוטנע געוואָרען, כאָטש ער ווייסט שוין פון עטליכע טעג, אז זי פאָהרט אוועק. צום טייוועל דער זומער מיט די דאטשעס. אלע צופאָהרען זיך און לאָזען איהם דאָ איינעם אליין...

אז ביי איהם איז שוין אלץ גרייט געווען צום גאָלען, איז איהם פּלוצלונג איינגעפאלען, אז ער זאָל איצט דוקא צו פאניע'ן

ניט געהן.. מעגליך, אז דער געדאנק וואָלט איהם ניט געקומען, ווען ער זאָל ניט געוועזן וויסען, אז ער וועט דארפען רופען דעם איזוואָשטשיק און צוזאמען מיט דער דינסט ארויסטראָגען די זאכען פון שטוב... כאָטש ער טוט עס אליין, מיט זיין אייגענעם ווילען.. נארישקייטען! ער איז דאָך ניט קיינעמס משרת... פאר־קעהרט, דאמען־עהרע!... און דאָך לייִדט זיין זעלבסט־ווירדע, און זאָל ער פרואווען דאָס ניט טאָן, קאָן ער ניט... און וואָלט ער כאָטש אליין, אָהן דער דינסט, אלע פעקלאַך ארויסגעטראָגען, וואָלט ער זיך אויך בעסער געפיהלט... און די ארבייט איז איהם נאָך אנגענעהמער צו טאָן ביי פאניע'ן, ווי ביי זיינע אנדערע באקאנ־טע דאמען. אזוי ניט אנגענעהם, אז ביי איהם איז אפילו רעכט גאָר ניט געהן צו איהר.. ווארום ער פיהלט, אז ער איז צו איהר ניט גלייכגילטיג... ער האָט אפילו שטענדיג געמיינט, אז זיין ליבע צו איהר איז נאָר א ברידערליכע... און די לעצטע צייט האָט ער גאָר אָנגעהויבען צו צווייפלען אין זיין ליבע צו פאניען... נאָר אז יעפים מיכאילאָוויטש האָט איהם געבעטען קומען נעכטיגען צו פאניע'ן— האָט זיך אבראם יאקאָוולעוויטש דערפיהלט באליידיגט. אפנים, אז מ'האלט איהם שוין גאָר פאר קיין מאנסביל ניט... איז ער געוואָרען ניט גלייכגילטיג צו פאניען.

ניט קוקענדיג דארויף, וואָס אבראם יאקאָוולעוויטש האָט כמעט ווי באשלאָסען ניט צו געהן באגלייטען פאניא אבראמאָוונא, האָט ער דאָך פלייסיג געטאָן זיין ארבייט. ער האָט זיך ארומגעראזירט און האָט געוואוסט, אז ער וועט געהן אהינצו, און ניט דערפאר, וואָס ער האָט זי אפילו שטארק ליעב. חלילה, ס'האלט נאָך ניט אזוי ווייט. נאָר גלאט אזוי פון שוואכקייט.. אז ער און ניט קיין אנדערער וועט צורופען דעם איזוואָשטשיק און העלפען דער דינסט ארויסטראגען די זאכען פון שטוב...

ווען ער איז ארויס אין דרויסען, איז שוין געווען ארום צוועלף. די זון איז געשטאַנען אין מיטען הימעל און פון די נידעריגע הייזער און פון די בוימער זיינען געלעגען אויף דער ערד קליינע שאָטענס

און דער שאָטען, וואָס איז געפאַלען פון אברהם יאַקאָוולעוויטש'ן, איז אויך געווען אזא קליינינקער, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען דער שאָטען פון זיין קליין נשמה'לע, וועלכע האָט זיך נעביך געקאָר־טשעט אין צעהנטען און עפּיס יאָ געוואָלט און ניט געוואָלט געהן צו פאַניאַ אבראַמאָווּנאַ.

נאָר ער איז געגאַנגען.

באַקענט האָט זיך אברהם יאַקאָוולעוויטש מיט די הויכגע־שטעלטע דאַמען אין דער צייט פון דער פרייהייטס־באַוועגונג. געווען איז ער „אַן אַגענט פון לעבענס־פאַרזיכערונג", האָט אָנגע־הויבען אריינצוגעהן אין די הויכע הייזער און אַגיטירען די פרויען, זיי זאָלען פאַרזיכערען די מענער זייערע, וועלכע זיינען, נאָך זיין מיינונג, געווען אויפ'ן ערשטען פייער פון „פאָלקס צאָרן". שפּע־טער האָט אברהם יאַקאָוולעוויטש אָנגעהויבען מאַכען זיינע דאַמען פאַר הייסע נאַציאָנאַליסטקעס, איינע פון זיי טראָגט אפילו עד־היום אַ גאָלדען שפּילקעלע מיט אַ מגן־דוד'ל. די לעצטע פּאָר יאָהר האָט זיי אברהם יאַקאָוולעוויטש אָנגעהויבען באַקענען מיט דער אידישער ליטעראַטור און דערהויפּט מיט שלום־עליכם'ס הומאָ־ריסטישע ערצעהלונגען. און ווייל זיי אליין זיינען טעמפּ אויף דער עברי, לייענט פאַר זיי אברהם יאַקאָוולעוויטש און מאַכט דער־ביי אַזעלכע גרימאַסען, אז די דאַמען האַלטען זיך אָן די זייטען פון געלעכטער.

מיט די הערצען, דאָס הייסט, מיט די מענער פון זיינע באַ־קאַנטע דאַמען האָט ער קנאַפּע עסקים, נאָר צו וואָס דאַרף ער זיי? די פרויען זיינען פיעל בעסער פון די מאַנסבילען. פונדעסט־וועגען פיהלט זיך אברהם יאַקאָוולעוויטש ניט אלע מאָל גוט צווי־שען די פרויען, באַזונדערס דאַן, ווען אין אַ צווייטען צימער זיצען עטליכע מאַנספערזאָנען... עפּיס פיהלט ער זיך דאַן שוין צו־פיעל ווייבעריש... נאָר נאַרישקייטען, קנאַפּ ראיות האָט ער, אז ער איז אומעטום אָן אָנגעלעגטער גאַסט? קומט ער אַמאָל ניט צו וועל־כער־עס־ איז אַ לענגערע צייט, ברוגז'ט זי זיך, ווייל מיט איהם

ניט ריידען פון כעס. און צוקריגט זיך איין דאמע מיט דער צוויי־טער, איז די ערשטע ארבייט איהרע, אָפּצורײדען אבראם יאקאָוו־לעוויטש׳ען, ער זאָל ניט געהן אהין, צו יענער, אויף וועלכער זי איז ברוגז. און בעטען זיך די ברוגז׳ע איבער, איז דער פארמיטלער־צווישען זיי טאקע ווידער אבראם יאקאָוולעוויטש.

מיט עסען און טרינקען איז אבראם יאקאָוולעוויטש פאר־זאָרגט און אויף קליידען און דירה־געלט מאכט ער הלוואות ביי זיינע דאמען, וועלכע ער האָט נאָך קיין איינער פון זיי ניט אָפּ־געגעבען. דערפאר האָט ער אלע מאָל ליעב צו דערמאנען, מ׳זאָל למען־השם ניט פארגעסען, וויפיעל ער איז שולדיג. ער דערמאנט עס דערהויפט דאן, ווען ער וויל מאכען א נייע הלואה.

די הלואה מאכט ער, אם מייסטענס זומער; ווינטער פאר־דיענט ער אין קאָרטען שפּיעלען — דאָס הייסט, ביי יעדעס מאָל שפּיעלען, נעהמט איהם אן אנדער דאמע פאר א שותף. געווינט זי, טיילט מען זיך אויף דער העלפט. פארשפּיעלט מען אָבער, האָט עס צו איהם ניט. און ער געווינט אלע מאָל, ווען מען לאָזט איהם נאָר טאשען די קאָרטען. וואָרים אז ער טאשט די קאָרטען, וועט שוין קיינער א חוץ ער מיט „זיין" דאמע קיין גוטע קאָרט ניט האָבען. אָט אזוי קומט אוים אבראם יאקאָוולעוויטש׳ן אלע זיינע טעג.

צוקומענדיג נאָהנט צו דער וואוינונג פון פאניא אבראמאָוונא, איז אבראם יאקאָוולעוויטש שטעהן געבליבען. עפּים האָט איהם אָפּגעהאלטען פון ארייננצוגעהן אהינצו און דאָס איז פאר איהם געווען אן אונערווארטעטע ערשיינונג. שטעהענדיג, ווי א פארזוי־קענער, א פּאָר מינוט, האָט ער געמאכט א פּאָר שפּאַן צוריק, איז ווידער שטעהן געבליבען און געוואָרפען אזא מין קוק אויף פאניעס שטוב, ווי ער וואָלט ביי איהר געפרעגט, וואָס אזעלכעס האָלט איהם פּלוצלינג אָפּ פון צו געהן אהין? אנגסטען האָבען איהם געשלאָגען; ער האָט מיט איין האנד אביסעל אונטערגעהויבען דעם הארטען שווארצען קאפעלוש און מיט דער צווייטער אָפּגע־

ווישט דעם שוויים פון שטערן, און אין א ווײַלע ארום איז איהם קלאָר געוואָרען, אז ער קען ניט אריינגעהן צו פאניע'ן — ווייל ער האָט זי ליעב. דאָס אליין האָט שוין באפרידיגט זיין באליידיגט מענער־געפיהל... אבראם יאַקאָוולעוויטש'ען איז אפילו אויף די געדאנקען ניט געקומען צו דערשלאָגען זיך געגענזייטיגע ליעבע פון פאניען... חלילה! ער איז זיכער, אז ער וועט אויסלעבען אלע זיינע יאָהרען און וועט איהר אפילו ניט אָנמערקען וועגען דעם.

און טראכטענדיג אזוי, איז איהם פלוצלינג אנטקעגען געקומען מאדאם גאָלדרינג. ער האָט זיך אפילו געוואָלט אָפּדרעהען אָן א זייט, זי זאָל איהם ניט באמערקען, נאָר עס איז שוין צו־שפּעט געווען. מאדאם גאָלדרינג האָט שוין געשמייכעלט צו איהם און איידער נאָך זי איז צו איהם צוגעקומען, האָט ער זי באגריסט, אויפ־הויבענדיג הויך דעם קאפּעלוש. מאדאם גאָלדרינג האָט איהם גע־געבען די לינקע האנט — ווייל אין דער רעכטער האָט זי געהאלטען איהר שירם. אבראם יאַקאָוולעוויטש האָט מיט עקעל געקוקט אויף איהר גראָב־שמאלציג פּנים מיט די גרויסע קעלבערנע אויגען. גראָד איצט האָט ער אויף איהר אזוי געקוקט — ווייל פאר איהם האָט געשוועבט „זיין" געליעבט געזיכט מיט'ן שטענדיגען שמייכעל אויף די ליפּען... וואונדערליך, ביז איצט איז איהם פרעמד געווען דאָס געפיהל פון האס צו וועלכער־עס־איז פרוי, נאָר איצט, אינאיינעם מיט דער ליעבע האָט־עס זיך באוויזען...

— וואָס דרעהט איהר זיך עפּיס דאָ ארום אזוי פארטראכט?

— האָט מאדאם גאָלדרינג געפרעגט — צי האָט איהר דאָ ניט אָפּגעשטעלט מיט עמיצען א ראנדעוואו?

פון די לעצטע ווערטער האָט זיך ביי אבראם יאַקאָוולעוויטש'ן דאָס הארץ א צאפּעל געטאָן: די פראגע פּאסט צו זיין איצטיגער שטימונג און איהם איז איינגעפאלען צו זאָגען דער גראָבער מאַ־דאם, אז ער וואַרט ווירקליך עמיצען אָפּ און זאָל זי וויסען, אז זיין נשמה איז אויך ניט פון קיין אויסגעדראָשען שטרוי. נאָר ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט איהר דאָס צו זאָגען, האָט זי איהם ווידער געפרעגט:

— געהט איהר באַגלייטען פאַניא אבראַמאָווגא ? זי פאָהרט הײנט אװעק, מסתמא װײסט איהר !

די זיכערהייט איהרע, אַז ער װײסט, האָט איהם װידער באַלײדיגט : פאַרװאָס זאָל איהר ניט אײנפאַלען, אַז ער קאָן גראָד אמאָל זיין פאַרנומען און זאָל ניט קאָנען געהן זי באַגלײטען ? און ער האָט האַסטיג געזאָגט :

— מעגליך, אַז איך װעל הײנט ניט קאָנען געהן זי באַגלײ־טען. — און פּלוצלינג האָט עפּעס אױפגעבליצט אין מוח און ער זאָגט דער גראָבער מאַדאַם :

— יאָ, איהר װעט זיין אַזוי גוט איבערגעבען פאַניא אבראַ־מאָװנא א הערצליכען גרוס פון מיר... איהר װעט איהר זאָגען, אַז איך בין געװען זעהר פאַרנומען...

— א י ה ר — זעהר פאַרנומען ! — האָט איהם מאַדאַם גאָלדרינג איבערגעשלאָגען און האָט זיך צולאַכט — א י ה ר זענט זעהר פאַרנומען ! ?

— יאָ — האָט ער האַרט געענטפערט — איך בין גראָד הײנט שרעקליך פאַרנומען... שטעלט זיך פאָר !

— א נײעס ! — האָט די מאַדאַם מיט אַן ערנסטער מינע גע־זאָגט, אַרײנקוקענדיג איהם אין די אױגען אַרײן. און אבראַם יאַקאָװלעװיטש האָט מיט א געמאַכטען ערנסט געענטפערט :

— ס'איז גאָר קײן נײעס ניט... ס'איז שוין אַלט...

— א זאַזנאַבושקע ! — האָט מאַדאַם גאָלדרינג אױסגערופען און זיך װידער צולאַכט — זאָגט, איך האָב געטראָפען ? !

— כמעט װי יאָ — האָט ער געענטפערט מיט א שמײכעל, קוקענדיג אױף דער מאַדאַם, װאָס פאַר אַן אײנדרוק עס װעט אױף איהר מאַכען.

— אַזוי גאָר ! — האָט זי האַלב ערנסט און האַלב שפּאַטיש געזאָגט — איך האָב זיך דאָס אױף אײך גאָרניט געריכט... װאָ־זשע איז זי, אפשר װאָלט איך געהאַט די עהרע זי צו קענען ?

— נײן, — האָט ער קאַטעגאָריש אָפּגעענטפערט, — דערװײל

מוז עס נאָך בלייבען א סוד... קיינער ווייסט עס נאָך ניט... איך קאָן אייך זאָגען, אז נאָר אייך האָב איך עס דערצעהלט.

— איך דאנק אייך זעהר! מיר איז זעהר אנגענעהם... נאָר זאָגט מיר, אבראם יאַקאָוולעוויטש, שוין לאנג?

— דאָס איז ניט וויכטיג! — האָט ער, אַפּווענדענדיג פון איהר די אויגען, געענטפערט און האָט אויסגעצויגען די האנד צו'ם געזעגענען זיך. מאדאם גאָלדרינג האָט אָבער ניט גענומען: ער מוז איהר זי כאָטש אויסמאָלען, ווי אזוי זי זעהט אויס: א בלאָנ-דינקע, א ברונעטקע? א הויכע, צי א נידעריגע? ניין, זי וועט איהם ניט אָפּלאָזען, ביז ער וועט איהר ניט ענטפערען אויף אַלע פראגען.

אבראם יאַקאָוולעוויטש איז געווען איבערגליקליך: איהם האָט זיך פריהער געדאכט, אז זי וועט איהם די גאנצע מעשה ניט וועלען גלויבען, ער האָט געטראכט א פּאָר מינוט און צום סוף איהר דייטליך אָפּגעמאָלט פאניע'ס געשטאלט.

— אליין איז זי א שאטענקע... א קיילעכדיג געזיכט און גרויסע שווארצע אויגען און א שמייכעלע האָט זי, אז מ'קאָן אויס־געהן... פּלוצלינג האָט ער אָפּגעהאקט, אין די אויגען האָט זיך א פלעמעל אויפגעכאפּט און אין א ווײַלע ארום האָט ער איילענדיג געזאָגט: מאדאם גאָלדרינג!... דערצעהלט עס קיינעם ניט, נאָר פאניא אבראמאָוונא'ן מעגט איהר דאָס דערצעהלען... און זאָגט איהר טאקע, אז דערפאר קאָן איך איצט ניט געהן צו איהר... איך בין פארנומען... איהר מעגט איהר דערצעהלען, ס'הייסט, איך בעט אייך טאקע, אז איהר זאָלט עס איהר דערצעהלען... זאָגט, אז איך בין אין יענער שטערבליך פארליעבט...

מאדאם גאָלדרינג האָט איהם דאָס ערשטע מאָל ערנסט אָנגע־קוקט און צום סוף געזאָגט:

— אָך, ס'איר א שעלמע איהר זענט, און איהר האָט עס אזוי לאנג געקאָנט באהאַלטען... גוט, איך וועל איהר אַלץ איבערגעבען...

זיי האָבען זיך געזעגענט און פאנאנדערגעגאנגען אין פּאר־

שידענע ריכטונגען. מאדאם גאָלדרינג איז אוועקגעגאנגען צו פאַ־ניא אבראמאָווגא און אבראם יאקאָוולעוויטש אהיים. ער האָט נעבאָך קיין אנדער ברירה ניט געהאַט, ער האָט זיך געמוזט איצט אין שטוב באהאלטען. פונדעסטוועגען האָט עס איהם דאָך גע-קרענקט. עס האָט איהם אויך שטארק געטריקענט אין האלז: ער האָט דאָך נאָך היינט אפילו קיין גלאָז טיי ניט געטרונקען...

ביי די „ברידערלאַך".

נעכטען האָב איך זיך מיט איהר באקענט און אויף מאָרגען אין אָווענד, ווען מיר זיינען געגאַנגען שפּאַצירען, האָב איך זי שוין אונטער דער האַנד געפיהרט. איך האָב דערקענט אין איהר, אַז דאָס איז אַזאַ מיידעל, וואָס מ'קאָן זי גלייך, פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט נעהמען אונטער דער האַנד און זי וועט חלילה ניט ברוגז ווערען.

באַקענט האָב איך זיך מיט איהר ביי „די ברידערלאַך" — אַזוי רופט מען זיי, כאָטש זיי זיינען ניט אפילו פון איין פאַמיליע, נאָר מ'רופט זיי „די ברידערלאַך" דערפאַר, וואָס איינער איז פּונקט ענליך אויפ'ן צווייטען און, ווי עס ווייזט אויס, איז זיי דאָס שטאַרק געפעלען געוואָרען, וואָס זיי זיינען אַזוי שטאַרק ענליך איינס אין דאָס צווייטע, און האָבען געשלאָסען צווישען זיך אַ צוזאַמענבאַנד: זיי אַרבייטען צוזאַמען, שפּאַצירען תמיד איינער מיט'ן אַנדערען און קליידען זיך און שוכען זיך תמיד אין איין צייט און אפילו קאַפּעליושען טראָגען זיי תמיד אַלץ איינע. איז אָט האָב איך עס זיך מיט איהר דאָס ביי זיי באַקענט און ווי זי קומט צו זיי? — פון שלעכטס לאָמיך אַזוי וויסען, איך וויים נאָר, אַז דאָרט ביי „די ברידערלאַך" איז אַ „עיר מקלט". קומט פון ערגיץ וואו עפּיס אַ פאַרוואַלגערט בחור'ל, אַן אַרויסגעשיקטער אָדער מיט'ן אייגענעם ווילען געגומען זיין מזל זוכען — צו וועמען טרעפט מען? צו „די ברידערלאַך"; פאַלט פון ערגעץ אַראָפּ אַ פאַרשויין מיט געגאָלטע באָרד און וואָנצען, וואָס מעלדעט זיך פאַר אַ אידישען אַרטיסט — וואו מאַכט מען סטאַנציע? טאַקע ווידער אַמאָל ביי זיי, ביי „די ברידערלאַך"; און אַז מ'דאַרף פאַר אַזאַ חברה-מאַן, צי פאַר אַן אַנדערען מאַכען אַ פאָר רובעל אויף הוצאות

— איז שוין זעלבסטפאַרשטענדליך קיינעמס ארבייט ניט, נאָר זייערע. און אָט אויף אזא מין רעטזעלהאַפטען אופן איז זי אויך צו זיי געקומען און די צוויי חברה־לייט האָבען מיר באלד געגעבען צו וויסען, אז ביי זיי געפינט זיך עפּיס א צאַצקע, כאָטש איך האָב שוין לאַנג אויפגעהערט צו גלויבען אין זיי, ווייל זיי האָבען ליעב צו מאַכען א צימעס פון יעדען איינציגען פּאַרשוין, וואס פאלט צו זיי אריין, נאָר א מיידעל איז שוין עפּעס אַנדערש.

און ווי נאָר איך בין פאַרטיג געוואָרען מיט מיינע אוראַקען, גענומען זיך צוגעפּוצט אין שפּיגעל, געכאַפּט מיין שטעקעלע און אַוועק אַהינצו. דערוואוסט האָב איך זיך דאָרט פון זיי און פון איהר, אז זי איז אן ארויסגעשיקטע מיט נאָך א גאנצער פּאַרטיע, וועלכע באַשטעהט פון אכט מאַן, ס'הייסט — מיט איהר שוין אכט. אלע זיעבען זיינען בחורים, נאָר זי אליין איז א פּרויענצי־מער. געטראָפען האָב איך זי זיצען אויף א קעסטעל, אויף א ווייס קעסטעל פון סחורה. די פּיס האָט זי ניט געהאַלטען אונ־טער זיך, נאָר אזוי ארויסגעלאָזט פריי, מעשה מאַנסביל. איינגע־הילט איז זי געווען אין א פּעלערינע, אין א שוואַרצער מאַנסבילשער פּעלערינע, אויפ'ן קאָפּ א גרויסען שוואַרצען הוט, פון וועלכען עס האָבען ארויסגעקוקט צוויי גלעזערנע רויטע קעפּלאָך פון די שפּיל־קעס, ווי צוויי אויגען פון עפּיס א מין באַשעפעניש. זי האָט גערעדט מיט „די ברידערלאך”, וועלכע זיינען געשטאַנען ביי דער ארבייט (זיי זיינען איינבינדער, ארבייטען זעלבסטשטענדיג „פאַר זיך”) אָהן מאַרינאַרקעס. אלע דריי האָבען גערעדט און געלאַכט, דער עיקר האָט זי געלאַכט, באַווייזענדיג איהרע שניי־ווייסע ציין און דערביי האָט זי זיך באַוועגט הין און צוריק צוזאַמען מיט'ן קעסטעל, אויף וועלכען זי איז געזעסען. זעהענדיג זי זיצען אין דער פּעלערינע און אין הוט, האָב איך ניט אָנגעהויבען צו צווייפלען, אַז זי קלייבט זיך ערגעץ אַוועקגעהן, נאָר נאָכדעם האָב איך זיך דערוואוסט, אז זי האָט גראָד אזא טבע צו זיצען תמיד אין דער פּעלערינע און אין הוט. דער ערשטער געדאַנק מיינער איז געווען, ווען איך האָב זי דערזעהן: „וועמעס איז עס די פּעלערינע”?

איך ווייס ניט, וואָס איך האָב מיך פּלוצלינג מיט דער פּעלערינע פּאַראינטערעסירט, נאָר איך קאָן שווערן, אַז זי איז מיר דערפאַר געפעלען געוואָרען, וואָס זי טראָגט אַ מאַנסבילשע פּעלערינע, און איך ווייס ניט אויב ס'וועט זיך כאָטש איינער געפינען, וואָס זאָל מיר גלויבען, אַז ווען איך האָב איהר אונטער'ן אָרים געהאַלטען, האָב איך געפיהלט עפּעס אַ מין שטאַרקען פאַרגעניגען דערפון, וואָס צווישען באָמבעלט זיך אַ מענער־פּעלערינע... איך ווייס ניט, וואָס דאָס איז, נאָר אַ פאַקט איז עס — איך קאָן אפילו צוגעבען — אַז די האַנד מיינע, וועלכע האָט איהרע געהאַלטען, האָט זיך אין דער זעלבער צייט געפּאָרעט מיט אַ קנעפּעל פון דער פּעלערינע.

מיר זיינען אַרומגעגאַנגען ביז שפּעט אין דער נאַכט, ס'הייסט איך קאָן ניט זאָגען „אַרומגעגאַנגען", נאָר גיכער אַרומגעלאָפען. שרעקליך ווי זי געהט גיך! זי האָט מיך פּשוט פאַרמאַטערט. איך האָב דערפיהלט אַ האַרץ־קלאַפּעניש, נאָר זאָגען איהר פון דעם האָב איך מיך אָפּגעהאַלטען. אַן אַנדערער וואָלט איך עס געזאָגט, נאָר ניט דער — וואָס טראָגט אַ מענער־פּעלערינע, ווייל טיילמאָל האָט זיך מיר פּשוט געדאַכט, אַז איך בין גאָר דאָס מיי־דעל און זי דער בחור און ס'איז גאָר קיין וואונדער ניט, ווייל איך בין אַ שוואַכער יונג און זי — אַ מין געזונדקייט! איך האָב זיך געבעטען ביי איהר: לאָמיר געהן פּאַמעליך! וואָס טויג אייך לויפען? עס איז ניט שעהן — זאָג איך איהר, — אַזוי אַרומצו־לויפען (וואָס דען, איך וועל איהר געהן דערצעהלען, אַז מיר קלאַפּט דאָס האַרץ?). הערט זי מיך ניט, און הויבט מיך אָן אַגיטירען, אַז מ'דאַרף זיין זעלבסטשטענדיג. מ'דאַרף זיין אינדיווידועל, מ'דאַרף זיין אַזוי און אַזוי — די גוטע און שעהנע מעשיות, פון וועלכע מיר ווערט תמיד נישט גוט, ווען איך הער זיי. נאָר אַ ברירה האָב איך געהאַט? איך האָב עס געמוזט אויסהערען און ווער ווייסט ביז וואַנען זי וואָלט גערעדט אויף דער טעמא, ווען עס באַגעגענען ניט אונז „די ברידערלאַך", וועלכע האָבען זי אָפּגע־שטעלט און געזאָגט, אַז עפּיס איינער אַ שלמה'קע זוכט זי מיט ליכט און אין דערזעלבער צייט, וואָס זיי האָבען עס איהר איבער־

געגעבען, האָבען זיי אויף מיר, אויב איך האָב קיין טעות ניט גע־האַט, געוואָרפען א ניט־צופרידענעם בליק, וואָס איך האָב ביי זיי דעם „אוצר" צוגענומען. עס איז כדאי צו באמערקען, אז זיי, „די ברידערלאך" האָבען שוין אזא מזל, אז ווי די אורחים זייערע ווערען נאָר באקאנט מיט אנדערע, אזוי האָבען זיי שוין מיט זיי קיין געשעפט ניט און איך פארשטעה, אז דאָס מוז זיי אָפּט פאר־דריסען. דאָס איז זיך אזא מין ארט אייפערזוכט.

ווען זיי האָבען איהר דערצעהלט פון דעם שלמה'קע, וואָס זוכט איהר, איז מיר איינגעפאלען, אז די פעלערינע, וואָס זי טראָגט אויף זיך, איז געווים זיינע און ווער ווייסט פארוואָס איך האָב מיך פלוצלינג מיט דעם שלמה'קע פאראינטערעסירט. מעגליך — אויס אייפערזוכט און איך האָב קוים דערלעבט די מינוט, איך זאָל בלייבען מיט איהר אליין און זאָל איהר פרעגען:

— ווער איז דער שלמה'קע?

— דאָס איז איינער, וועלכען מען האָט מיט אונז צוזאמען ארויסגעשיקט.

— אזוי?... ער מוז אודאי דארפען די פעלערינע?...

— וואָס הייסט?...

— איך מיין, ס'איז זיין פעלערינע און איצט איז קיהל אין דרויסען, זוכט ער אייך.

— וואָס פאלט אייך עפּיס איין, אז ס'איז זיין פעלערינע?... האָט זי פארוואונדערט געפרעגט און אזוי ווי איך האָב איהר עפּעס געוואָלט ענטפערען, האָט זיך ווי פון דער ערד באוויזען נעבען אונז עפּיס א קורץ־גראָב געזיכטעל, וואָס האָט מיר, אין דער פינ־סטער, ניט זעהענדיג און ניט קענענדיג מיך, קענטיג ארייגגערוקט זיין הענדטיל און נאָכדעם האָט ער איבערגעטראָגען דאָס זעלבע הענדטיל צו איהר און אָפּגעזאָגט אויף גיך:

— שוין צוויי שעה, אז איך אקער מיט די אויגען די לופט נאָך אייך.

א לשון א ביסעל, — טראכט איך מיר. אן איידעלער יונגאטש זעהט אויס, ער וויל ניט זאָגען, אז ער אקערט נאָך איהר די ערד,

זאָגט ער „די לופט״. און פּלוצלינג כאַפּ איך מיר: גאָט מײַנער, אָט דאָס איז דער שלמה׳קע! נאָר פּאַרוואָס־זשע האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, אַז ער מוז זײַן אַ הויכער און אַן אײדעלער, און בין כמעט ווי פעסט געווען, אַז די פּעלערינע איז זײַנע. איצט זעה איך דאָך שוין, אַז מ׳קען איהם דרײַ מאָל אײַנוויקלען אין איהר. נאָר מעהר פון אַלץ האָט מיך פאַרדראָסען, וואָס ער האַלט זיך מיט איהר זעהר הײמיש. אסור, אויב איך האָב זי געאײפערט צו איהם. נאָר איך ווײס ניט וואָס, מײַן אײגענליעבע האָט שטאַרק געליטען דערפון, וואָס דער קלײנער האַלט זיך מיט איהר אַזוי פרײַ.

מיר זײַנען געשטאַנען אַ פּאָר מינוט ווי אַ סגל. איך האָב שטאַרק אויסגעקוקט, ער זאָל אוועקגעהן און מעגליך, אַז ער האָט אויך געהאַט דעמזעלבען געדאַנק. צום לעצט האָבען מיר זיך עפּעס ווי צווישען „יאָ״ און „נײַן״ אַ רוק געגעבען פון אָרט. איך ווײס ניט, ווער ס׳האָט זיך דער ערשטער אַ רוק געטאָן און אפשר איז גאָרניט געווען קײן „ערשטער״, נאָר מיר האָבען זיך געלאָזט ווײַטער לויפען און איך פיהל, ווי עס ברענען מיר די אויערען פון בושה... אלײן וואָלט איך אפשר ניט געשעמט זיך מיט איהם צו געהן, — געשעמט האָב איך זיך נאָר דערפאַר, וואָס זי איז געגאַנגען אין דער מיט... שלמה׳קע! — איז בײַ מיר אַ פּאָר מאָל אויפגעשפּרונגען אַ געדאַנק, ס׳איז טאַקע שלמה׳קע, נאָר ניט זײַן פּעלערינע... ער מוז אויך האָבען אַ פּעלערינע, נאָר איך שטעל מיר שוין פאָר ווי גרויס זי איז... און איך האָב פּלוצלינג אויסגע־שאָסען מיט אַ געלעכטער.

— וואָס האָט איהר זיך צולאַכט — האָט זי געפרעגט און דער קלײנער האָט דיזעלבע פראַגע געשטעלט, ניט פרעגענדיג. ער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ לאַנג־דויערענדען קוק און איך האָב שטאַרק געוואָלט, ער זאָל נעהמען מײַן געלעכטער אויף זײַן רעכנונג.

— איך האָב מיך אָן עפּיס דערמאַנט — איז געווען מײַן ענט־פער, און האָב איהר דערבײַ אַ דריק געגעבען די האַנד.

ס׳איז געוואָרען שפּעט. אַ קלײן פאַרשלאָפען שוואַך קול׳כעל פון אַ גלעקעל האָט עס אונז פון ערגיץ צו ווײַסען געגעבען, וועלכעס

האָט אָפּגעצעהלט עלף. די גאַס, וואו מיר האָבען ארומגעשפּאַצירט, איז שוין געווען ווי אָפּגעשטאָרבען. וואו־ניט־וואו איז נאָך ערגעץ געזעסען, ווי א געדיכט־שווארצער שאָטען, א קרעמער געבען דער פארמאכטער טיר פון זיין קראָם, פון וואנען עס האָט א ליכטיגער שפּאַלט ארויסגעקוקט, און האָט שטיל געווארט אויף א קונה, וואָס זאָל געבען צו לייזען נאָך א פּאָר קאָפּיקעס. שטיל און אומעטיג האָבען געברענט די הילצערנע לאַמטערנס און געדאַכט האָט זיך, אז די לאַמטערנס, ניט נאָר וואָס זיי לייכטען, נאָר, פאַרסעהרט, גיבען עפּיס נאָך מעהר צו שפּירען די פינסטערע נאַכט מיט די גרויסע געדיכט-שווארצע שאָטענס, וואָס האָבען זיך אָפּגעשלאָגען פון די סלופּעס. עס האָט געבלאָזען א לייכט קיהל ווינטעלע. עס האָט זיך געהערט א שטיל גערויש פון די בוימער.

— נו, איך געה! — האָב איך געזאָגט, בלייבענדיג שטעהן און איהר לויז געמאכט די האנד און האָב זיך שוין געוואָלט מיט איהר געזעגענען, נאָר זי האָט מיך פארוואונדערט געפרעגט:

— וואָס, איהר געהט שוין? וואָס טויג אייך, איהר וועט זיך ניט אויסשלאָפען? אין דרויסען איז אזוי גוט!

און דער קליינער זאָל זיך עס אָנרופען מיט א וואָרט און איך אויף־צו־להכעיס גיב זי ווידער א כאַפּ אונטער דער האנט און געה ווייטער, און אָפּגעהענדיג א צעהן מינוט, האָט מיך עפּעס אָנגעהויבען פארדריסען, וואס ער קלאַפּט אזוי שטארק מיט'ן שטעקען אָן די שטיינער און איך האָב מיט מיין שטעקען אויך געקלאַפּט, זיינער איז אָבער געווען א גראָבער, האָט זיך זיין קלאַפּ געלאָזען שטארקער הערען. איך האָב מיך עפּיס דערפון שטארק געפונען באַליידיגט און האָב גאָר אינגאנצען אוועקגעגעבען איהר מיין שטעקען. נאט — זאָג איך איהר — עס וועט אייך זעהר געהן צו דער פּעלערינע. נעהמט זי איהם ביי מיר, דעם שטעקען מיינעם, האַלט איהם עטליכע מינוט, קלאַפּט מיט איהם אָן די שטיינער און פּלוצלינג גיט זי מיר איהם אָפּ צוריק. ער געפעלט איהר ניט. ס'איז א דאמסקע שטעקעלע, זאָגט זי, א גראָבען שטעקען האָט זי ליעב. איז דער קליינער ניט פויל און דערלאנגט איהר זיינעם

און זי נעהמט איהם און גיט אזא קנאַק אַן די שטיינער, אַז עס צוטראָגט זיך אַ טויבער קלאַנג איבער דער גאַס, און זאָגט:

— אָט דאָס איז אַ שטעקען! דאָס פאַרשטעה איך, ס'איז דאָ, וואָס אין דער האנד צו האַלטען!

נאָך אזא שווערער באַליידיגונג האָב איך שוין ווייטער מיט איהר ניט געקאָנט געהן. איך האָב מיך זעהר שלעכט און נידער־שלאָגען דערפיהלט אנטקעגען דעם מאַנסבילשען מיידעל. איך האָב זיך אָפּגעזעגענט מיט איהר, איהם אויך געגעבען די האנד און זעהר, זעהר מיט אַ געדריקטער שטימונג בין איך אוועקגעגאַנגען אהיים, וואו איך האָב מיך באַלד אריינגעוואָרפען אין בעט אריין און אנטשלאָפען געוואָרען. און אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געדרעהט דער קליינער נפש מיט'ן שטעקען און מיט אַ לאַנגער פּעלערינע און דערזעלבער האָט אויך געטראָגען דעם גרויסען הוט מיט צוויי רויטע גלעזערנע אויגען, און וואונדערליך, ווי זי איז עפּיס גאָר אינגאנצען פארשוואונדען געוואָרען...

פארבייגעהענדיג.

צוויי יאָהר דורכאנאנד האָב איך זיך טאָג־טעגליך ניין אזייגער אין דער פריה מיט אַ מיידעל באַגעגענט, וועלכע איז קענטיג אויך ערגעץ געשעפטליך געגאנגען. דאָס מיידעל איז מיר פון ערשטען בליק געפעלען געוואָרען און מיר דאַכט, איך איהר — אויך. ו׳ער־קענט האָב איך עס אָן דעם, וואָס זי האָט זיך תמיד געפלייסט ניט צו קוקען אויף מיר...

די ערשטע צייט, ווען איך האָב זי אַ טאָג ניט באַגעגענט, האָט עס מיך געאַרט און צומאָל אפילו באאומרוהיגט: פיליייכט ניט געזונט? דערפאר ,זעהענדיג זי אויפ׳ן צווייטען טאָג, האָב איך מיט איהר שטארק דערפרעהט און האָב מיך ניט געקאָנט אָפּ־האַלטען פון דאָס געפיהל איהר ניט אויסצודריקען כאָטש מיט אַ שמייכעלע, וועלכעס זי האָט אָהן צווייפעל באמערקט, נאָר גע־מאכט אזאַ נאאיווע מינע, גלייך ווי זי זעהט עס ניט...

עס איז אוועקגעגאנגען אַ לאנגע צייט. זומער האָט זיך אויף ווינטער געביטען און ווינטער אויף זומער. איך האָב זי געזעהן אין פארשיידענע היטעלאך, פארשיידען אָנגעטאָן און אַלעס האָט איהר זעהר געפּאַסט. יעדעס היטעלע, יעדעס סאַקעלע האָט איהר אַ באַזונדער חן צוגעגעבען און יעדעס מאָל, ווען איך האָב זי דער־זעהן אין עפּעס נייעס אָנגעטאָן, האָט זיך מיר געגלוסט אויסצור־שרייען: „טראָג געזונט, טייער מיידעל מיינס!״

מיט דער צייט איז מיר דאָס אומבאַקאַנטע מיידעל אזוי „באַקאַנט״ געוואָרען, אַז ביי מיר אין קאָפּ האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פאָרשטעלונג, אַז זי, דאָס מיידעל, הייסט רחל... ניט אַנדערש... רחל׳ע!... צומאָל בין איך געווען אזוי זיכער אין דעם, אַז איך

האָב ניט אָנגעהויבען צו צווייפלען, אז ווען איך גיב זי א רוף ביי דעם נאָמען, וואָלט זי זיך אומגעקוקט... מיר האָט זיך אויך פאָר־געשטעלט, אז זי קערט צו זיין א יתומה, אָהן א מאמען, האָט א טאטען מיט צוויי ברידער... די ברידער אזעלכע פיינע, לייטישע, נאָר קאָמיש, וואָס די געזיכטער זייערע זיינען ביי מיר אויסגעקומען פונקט אזעלכע ווי דער שוועסטער'ס...

און פון טאָג צו טאָג האָב איך לענגער פון איהר געטראכט, האָב אומגעדולדיג ערוואַרט דעם מאָרגען, איך זאָל זי ווי ווידער זעהן. און וואונדערליך, וואָס מעהר איך האָב זי ליב געקראָגען, אלץ מעהר ניט דערגרייכענד איז זי מיר געוואָרען... די ערשטע צייטען האָב איך געפיהלט א מעגליכקייט צוגעהן צו איהר און פארטשעפען זי, נאָר שפעטער איז דאָס פשוט געוואָרען אוממעגליך אין דער צייט ווען איך האָב געוואוסט, אז איך וועל עס אומפאָר־מיידליך מוזען טאָן. קיין אנדער מיטעל ווי צו באקענען זיך מיט איהר האָב איך ניט פאָראויסגעזעהן; האָט זיך אָנגעהויבען אן אָפּלעגעניש פון איין טאָג אויף'ן אנדערען... מאָרגען וועל איך זי אָפּשטעלען, וועל זיך פארבויגען פאר איהר אין דרייען און בעטען פארצייהונג, וואָס איך ערלויב מיך אזא פרעכהייט... נאָר ווי איך האָב זי דערזעהן, האָט מיר אָנגעהויבען קלאפּען דאָס הארץ, פון די געדאנקען איז געוואָרען א קנויל און איידער איך האָב מיך אומ־געקוקט, זיינען מיר שוין געווען א פּלייצע אונטער א פּלייצע. האָב איך זיך געזידעלט, האָב מיך אָנגערופען מיט די ערגסטע ווערטער... וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר?! האָבען מיינע געדאנקען געגוואַל־דעוועט. צי האָסטו דען אין דיין לעבען איין מיידעל אין גאַס פארטשעפּעט? און צום טייוועל זאָל עס געהן, זעהט אויס, אז מ'האָט טאַקע אויף אַן אמת ליב, ווערט מען אָן יענע לייכטע פעהיגקייטען, די איידעלע מאַנירען, די שפּיציגע ריידעלאך... צו־מאָל איז עס ביי מיר פארגאַנגען ביז אידיאָטיזם, און ווער איז דאָ שולדיג? מיין לאַגע וואָלט זיכער ניט געווען אזא לעבערליכע, ווען עס זאָל ניט עקזיסטירען דער נאַרישער עטיקעט: מ'מוז דיר באַקאַנט מאַכען, אנדערש טאָרסטו ניט צוגעהן צו קיין מענשען,

מעגסטו איהם האָבען געזעהן אפילו צוואַנציג מאָל און מעג ער דיר ווי נאָהענט און ליב זיין, איז ער דיר אָפיציעל אַלץ פרעמד, אין דער צייט, ווען די נשמות און די הערצער האָבען זיך פון ערשטען קוק באַקאַנט און פיהלען זיך אַזוי נאָהענט, אז ס'דאַכט זיך ניט איין מאָל, אַז דו קענסט שוין דעם מענשען זעהר לאַנג... לענגער דאַכט זיך נאָך ווי דו ביזט אַלט... און צום טייוועל! ס'איז גענוג, מ'זאָל דיך ערגעץ, צופעליג, באַקאַנט מאַכען מיט אַ מיידעל און דוקא מיט אַזעלכער, וואָס דו ביזט ניט גערן, דאָס הייסט, מיט אַ מיאוס מיידעל, און דו ווערסט אַ פאַרלאָרענער, ווערסט ניט־ווילענדיג אַ משרת איהרער. הויבען פאַר איהר די הוט, אפילו ווינטער, ווען דו פוילסט זיך ארויסצונעמען די האַנט פון טאַש, און ווי אויף צו להכעים ועסטו זי אָפט באַגעגענען און וועט דיר אריינ־קוקען אין די אויגען אריין דו זאָלסט זי חלילה ניט פאַרזעהן, און ווי קאָן נאָך פאַרדריסען, ווען דו ווייסט, אַז דו וועסט זיך מיט איהר קיינמאָל אין קיין שטוב ניט טרעפען. דאָס באַקאַנט ווערען מיט איהר איז, ווי געזאָגט, צופעליג, נאָר דאָס מאַכט ניט אויס, באַגריסען מוזטו זי דאָך אַלץ! יאָהרען וועלען אַוועקגעהן, דו וועסט די פאַמיליע איהרע האָבען שוין לאַנג פאַרגעסען, זי וועט חתונה האָבען, קינדער האָבען און דו באַגרים זי אַלץ. און דאָ, צו אַ מענשען וואָס ציהט דיך, אַ מענשען וועלכען דו האָסט ליב, טאָרסטו ניט באַגריסען נאָר דערפאַר, ווייל דו ווייסט ניט די פאַמיליע איהרע...

ענדליך האָט מיין ליבע צו איהר דערגרייכט צו אַזאַ שטופע, אַז זי האָט זיך מיר שוין אָנגעהויבען חלומ'ען ביינאַכט. חלומות זיינען געווען פאַרשיידענע, שעהנע און מיאוס'ע, גוטע און שלעכטע, אויך גאַנץ געוויינליכע, וועלכע האָבען זיך מיט גאָרניט אונטער־שיידעט פון דער ווירקליכקייט, און איינמאָל איז עס אפילו דער־גאַנגען ביז גאַלוצינאַציע:

איינמאָל גאַנץ פריה, ווען איך בין נאָך אויף מיין געלעגער געלעגען, האָב איך געהערט, ווי עמיצער האָט ביי מיר די טיר

געעפּענט און האָב אפילו געזעהן (איצט ווייס איך שוין, אז מיר האָט זיך נאָר אויסגעדראַכט, אז איך האָב געזעהן), ווי א קאָפּ האָט זיך אַריינגעשטעקט, אין וועלכען איך האָב באַלד דערקענט יענע, וועלכע איך האָב אַלע טאָג באַגעגענט, און דער קאָפּ פרעגט מיר שטיל:

— איהר שלאָפט?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט, און דאָס הארץ איז מיר שיער ניט אַרויסגעשפּרונגען. ווי קומט זי אהער? האָב איך געטראַכט.

— אפשר האָט איהר פינף און צוואַנציג רובעל צובייטען?...

— פינף און צוואַנציג רובעל?... מיט'ן גרעסטען פאַרגע־ניגען!...

דער קאָפּ איז פאַרשוואונדען. די טיר האָט זיך פאַרמאַכט. איך האָב געהערט, ווי די טיר האָט זיך פאַרמאַכט, נאָר איך בין געלעגען אומבאַוועגליך, ווי איך וואָלט זיך געפונען אין א לעטאַר־גישען שלאָף און מעהר פון אַלעס וואונדער איך זיך, וואָס ליגענדיג האָט אין מיין מוח אָנגעהויבען עגבערען א צווייפעל, צי האָט זיך מיר ניט די גאַנצע מעשה גע'חלומ'ט? ווי קומט זי פּלוצלינג צו מיר פינף און צוואַנציג רובעל צו בייטען? און באַרענדיג זיך מיט די געדאַנקען, האָב איך דערהערט, ווי די טיר האָט זיך ווידער געעפענט און מ'פרעגט:

— נו?

דאָ האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און צו מיין פאַרוואונדערונג האָב איך טאַקע דערזעהן א קאָפּ, נאָר ס'איז ניט געווען „איהרס", נאָר מיין ווירטינ'ס, ביי וועלכער איך האָב געוואוינט.

— וואָס פאַרלאַנגט איהר, מאַדאַם? — האָב איך געפרעגט, כאָטש איך האָב גוט געדענקט, וואָס זי פאַרלאַנגט.

זי האָט מיר מיט א שמייכעלע געענטפערט:

— זעהט אויס, אז איהר זייט געשלאָפען, כאָטש איהר האָט געענטפערט... אפשר האָט איהר פינף און צוואַנציג רובעל צו בייטען?

פון דעמאָלט אָן האָב איך דערפיהלט, ווי טיף זי זיצט מיר שוין אין מיין מארך, און האָב דאָך אַלץ קיין מיטעל ניט געקאָנט געפינען צו באַקענען זיך מיט איהר.

נאָר אָט, אין אַ שעהנעם זומערדיגען פריהמאָרגען האָב איך צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג עפּעס אומגעוויינליכעס באַמערקט: דאָס שעהנע מיידעל האָט צו מיר אַ שמייכעלע געטאָן און דאָס האָט מיך אַזוי איבערראַשט, אַז איך בין געבליבען שטעהן ווי אַ צוגעשמידטער צום טראָטואַר און האָב מיך (אָט אַ וואונדער!) ניט דערפרעהט, נאָר פאַרקערט, ס'איז מיר עפּעס גאָר אומעטיג געוואָרען אויפ'ן האַרצען. שטעהענדיג אַ פּאָר מינוט האָב איך מיר מיט פיל פאַרדרוס און פאַראַכטונג צו זיך אַ פּאַטש געגעבען אין שטערן און האָב אויסגערופען: צום טייוועל! דאָס איז דאָך געווען אַן אָנצוהערעניש, איך זאָל צוגעהן צו איהר! ווי איז עס מיר אויפ'ן אָרט ניט איינגעפאַלען? איך האָב איהר געוואָלט נאָכגעהן, נאָר ס'איז שוין אָבער צו שפּעט געוועזן. זי איז שוין געווען ווייט פון מיר און אויב איך האָב קיין טעות ניט געהאַט, איז זי דאָס מאָל געגאַנגען גיכער ווי אַלע מאָל, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט פאַר מיר אַנטלויפען. דאָך בין איך געקומען אין קאַנטאָר אַ פרעהליכער, אַ מונטערער, טראַכטענדיג מאָרגען דעם פעהלער צו פאַרריכטען.

דער טאָג האָט זיך מיר געצויגען אומגעהייער לאַנג, נאָך לענגער איז געווען די נאַכט. איך האָב זיך געוואָרפען פון איין זייט אויף דער אַנדערער, דאָס גליק פון מאָרגען האָט מיר ניט געלאָזט רוהיג שלאָפען. איך בין אַרויסגעגאַנגען אין גאַס פריהער מיט אַ האַלבע שעה, ווי אַלע טאָג, איך זאָל זי חלילה ניט פאַרשפּעטיגען, אויך האָב מיך אַרומגעדרעהט אויף דעם אָרט, וואו מיר באַגעגענען זיך טאָג־טעגליך. ענדליך האָב איך זי דערזעהן. דאָס האַרץ האָט זיך מיר אָנגעהויבען צו וואַרפען, נאָר פּלוצלינג האָט זיך די גאַנצע פרייד מיינע ווי אין שוואַרצען איינגעהילט: זי האָט זיך, דערזעהענדיג מיך, פאַרקערעוועט אויפ'ן צווייטען טראָטואַר... און וויפיל איך האָב מיך געבראָכען דעם מוח, וועלענדיג דערקלערען דאָס

נעכטיגע שמייכלען און דאָס היינטיגע אויסמיידען מיך, וועלכע האָבען אַזוי ווידערשפּראָכען איינס דאָס אַנדערע, האָב איך דאָך קיין קלאָרען ענטפער ניט געקראָגען. דער איינציגער טרייסט אין מיין פאַרצווייפעלטער לאַגע איז געווען דאָס, וואָס איך האָב מיר באַשלאָסען אויף מאָרגען אַריבערגעהן אין יענער זייט, וואו איך וועל זיך מיט איהר זיכער טרעפען.

מיט אַ העכסט געשפּאַנטער אַנגעשטערענגטקייט אַרומדרעהענ־דיג אַ שפּאַן אַהער, אַ שפּאַן אַהין, האָב איך קוים דערצויגען די ניינטע שעה... איך זעה זי ניט... נאָך אַ מינוט... ניטאָ... איך האַלט דעם זייגער אין האַנט — אַ קוק אויפ'ן ציפערבלאַט: נאָך ניין... זיבען מינוט, אַכט, צעהן... עס פּלאַצט אין מיר דאָס גע־דולד. צעהנדליגע פּרויען זיינען פאַר דער צייט דורכגעגאַנגען און אויף פילע פון זיי האָט זיך מיר געדאַכט פון ווייטען, אַז דאָס איז זי... מיר האָט זיך געדאַכט אפילו אויף אַזעלכע, וועלכע האָבען ניט געהאַט איין שטריך איהרען... אַ פּערטעל אויף צעהן!... איך לאָז מיך געהן, קוק ווי אַ ווילדע חיה אין אַלע זייטען, בלייב שטעהן און געה ווייטער, רוק זיך פּאַמעליך, געה טריט ביי טריט, כאַפּ אַלע מאָל אַ זעץ פון די דורכגעהער. פאַרפאַלען! ניטאָ!... איך בין זיכער, אַז איך וועל זי שוין מעהר ניט זעהן. איך פיל עס מיט יעדען גליד, און דאָך... און דאָך... האָב איך זיך אַ גאַנצע שעה, ווי אַ וואהנזיניגער, אַרומגעדרעהט — און אַזוי ווי אין וואַסער אַריין...

מעהר האָב איך זי שוין טאַקע ניט געזעהן.

דאָס באַגעגעניש.

אַראָפּ פון די טרעפּלאַך האָט אַ איד אַרויסגעכאַפּט מיינע צוויי פּעק און זיי אויף קיין פאַל ניט געוואָלט אָפּגעבען, איך מוז פאַרפאָהרען צו איהם.

איך האָב געצאַפּעלט איבער איהם:

—פאַרשטעהט איהר מיך, רב איד, איך האָב דאָ קאָמער־ציעס מיט גרויסע סוחרים, איך מוז וואוינען אין אַן אַנשטענדיגען האָטעל, איהר פאַרשטעהט? פאַר מיר אַליין וואָלט ניט אויס־געמאַכט, נאָר איך וועל קאָמפּראָמעטירען די פירמע מיינע.

נעהמט דאָס איהם ניט. „וואָס איז — טענה'ט ער — איז דען ביי מיר ניט קיין האָטעל?" טאָמער שטעהט ניט אויפ'ן שילד שוואַרץ אויף רויט „האָטעל וואַרשאַווסקי", גיט ער דעם קאָפּ זיינעם. און אויב איך וועל ביי איהם ניט קריגען קיין באַקוועם צימער ווי אין „מאַרסעל", גיט ער דעם האַלז זיינעם, און אויב ביי איהם איז ניט ריינער ווי אין „וויקטאָריא", לאָזט ער זיך אָפּשניידען די הענט מיט די פיס, און אויב איך האָב מורא, אַז איך וועל ניט האָבען, ווער ס'זאָל מיר באַדינען, האָב איך אַ טעות. אמת טאַקע, ער האַלט ניט קיין פרעמדע משרתים, נאָר צי איז מיר דען אַ חילוק ווער ס'וועט מיך באַדינען: זיינע אייגענע קינדער, צי פרעמדע?

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבען מיר זיך אויפגעזעצט אויף אַ פוהר'ל און אין אַ פערטעל שעה אַרום זיינען מיר אַראָפּגע־קראָכען ביי אַ לאַנגער ווייס־אויסגעקאַלכטער שטוב מיט אויסגע־פאַרבטע לאָדען און פאַר דער טיר, אויף צוויי איינגעגראָבענע דרענגלאַך, איז געווען אָנגעקלאַפּט אַ שילד מיט גרויסע בוכשטאַ־בען „האָטעל וואַרשאַווסקי". אונטער'ן שילד איז מיט קלענערע

אותיות געשטאַנען: „דאָמאַשניע אָבעדי“ און אויך אידיש: „כשר עסען“.

דאָס צימער, וואו מיר זיינען אריין, האָט געהאַט דריי טירען, אחוץ דער דורך וועלכע מיר זיינען אריינגעקומען. לעבען דער אריינגאַנגס טיר איז געשטאַנען אַ קליין שוואַרץ סטאָליקעלע, אָנגעלעגט מיט פּלעצלאַך און בוינעל, קליינע קוילעטשלאַך, אַ סלאַי מיט געמאַרענירטע הערינג, אַ טעלער מיט אייער און צווישען די פאַרשידענע שפּייזען איז געשטאַנען אַ גרויסער מע־שענער סאַמאָוואַר און געקאָכט.

ער האָט מיר געעפענט אַ טיר און געבעטען אריינגעהן. דאָס צימער איז געווען ליכטיג מיט צוויי פענסטער און איך האָב זיך דערפיהלט דאַ זעהר היימיש, כמעט ווי ביי זיך אין דערהיים.

— אפשר וועט איהר טרינקען אַ גלאָז טיי? — האָט דער איד געפרעגט און עטליכע מינוט אַרום, נאָכדעם ווען ער האָט די זאַכען מיינע געבראַכט אין אָרדנונג.

איך האָב דעם פאָרשלאַג אָנגענומען.

ארויסגעהענדיג האָט ער הינטער דער טיר אימיצען גע־פרעגט: „וואו איז שרה'קע?“ און אַ קול פון אַ אידענע האָט געענטפערט, אַז זי וועט באַלד אריינקומען.

אין עטליכע מינוט אַרום האָט זיך אויף דעם שוועל באַ־וויזען אַ טונקעל מיידעל מיט זעהר אַ הויכען ביוסט, און ווי נאָר איך האָב זי דערזעהן, האָב איך מיר געטאָן אַ הויב אויף פון ביינקעל און שיער ניט אויסגעשריען „זדראַווסטוואויטע“. איך ווייס ניט, צי עס האָט שוין אַמאָל מיט אימיצען אַזאַ צופאַל געטראָפען: דערזעהן פּלוצים אַ באַקאַנט געזיכט אין אַ פאַר־וואָרפען אָרט און ניט וויסען, ווער דאָס איז, ווי אַזוי ער הייסט און ניט געדענקען, וואו דו האָסט איהם געזעהן.

— פאַרצייהט, פריילין! — האָב איך צו איהר געזאָגט, ווען זי האָט אוועקגעשטעלט די טיי אויפ'ן טיש, — איהר זייט מיר אַזוי באַקאַנט, אַז איך וואָלט געשוואָרען, אַז איך האָב אייך ערגעץ געזעהן.

זי האָט שמייכלענדיג אָנגעשטעלט אויף מיר איהרע שוואַר־צע, נאָר גאָרניט קיין שעהנע אויגען און געזאָגט:

— מיר האָבען דאָס שוין אַ פּאָר יונגעלייט געזאָגט.

יענע, האָב איך מיר געטראַכט, האָבען זי מסתמא געוואָלט אינטריגירען, געוואָלט מיט איהר אַזוי אַרום באַקאַנטשאַפט שליסען. ציי מיינט זי ניט, אַז איך בין אויך אויסען דאָסזעלבע?

— אויף מיין עהרען־וואָרט! — האָב איך הערצליך אויס־גערופען — אַז איך האָב דאָ ניט קיין זייטיגע געדאַנקען, — און האָב וויי טער עפּעס געוואָלט רעדען, נאָר מיך האָט אָפּגעהאַלטען דאָס ברייטע שמייכלען איהרס. איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס דאָס שמייכלען באַטייט, מסתמא האָבען יענע יונגע־לייט אויך גע־שוואָרען אַז זיי האָבען ניט קיין „זייטיגע געדאַנקען" איך האָב זי אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט:

— יענע יונגע־לייט האָבען אייך אויך אַזוי געשוואוירען?

— יאָ — האָט זי געענטפערט אויסשיסענדיג מיט אַ גע־זונד געלעכטער.

אַ פאַרדריסליכער וועהטאָג האָט מיך דורכגענומען. איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז ווען ניט דער צופאַל, וואָלט איך זיך מיט איהר אין קיין שמועס ניט אַריינגעלאָזט. און מיך האָט פאַרדראָסען די זיכערקייט איהרע, אַז איך האָב גאָר קיין אַנדער ציל ניט, ווי מיט איהר אינטריגעס צו פאַרפיהרען. נאָר ניט קוקענדיג אויף דעם פאַרדרוס האָב איך דאָך געהאָפט, אַז מיר וועט געראָטען צו דערגעהן, וואו איך האָב זי געזעהן און האָב באַלד טאַקע ווייטער געפרעגט: אפשר איז זי געווען אין יענער און אין יענער שטאָדט, ציי האָט זי אפשר ערגעץ אַ שוועסטער, וואָס איז עהנליך אויף איהר און מיר האָבען זיך ערגעץ צופעליג געטראָפען? — און זי ענטפערט מיר אויף אַלע פראַגען מיט שמייכעלאַך: דאָרט איז זי ניט געוועז, דאָ ניט געוועזן און האָט ניט קיין שוועסטער, וואָס זאָל זיין עהנליך אויף איהר. און איך שפּרינג שיער ניט פון די כלים אַרויס, מיך בריהען די שמייכעלאַך ווי אָנגעברענטע שפּיזלען און מיר ווילט זיך זי אָפּזידלען, אָט

די מויד, כדי צו באַווייזען איהר, אַז גראָד איצט, מיט מיר, האָט זי ניט געטראָפען, אַז זי הויבט מיך ניט אָן צו אינטערעסירען. זעץ איך זיך אַוועק, בעט מיר צו דערלאַנגען אַ צווייטע גלאָז טיי. און ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָב איך נאָכגעקוקט איהר גאַנג און — וואונדערליך! — זי איז מיר אינגאַנצען פרעמד געווען, איהר גאַנג איז מיר ניט באַקאַנט געווען און איך באַשליס ביי זיך, אַז איך האָב אַ מיאוס'ן טעות. און מעהר וועל איך שוין מיט דער גראָבער מויד ווענגען דעם ניט רעדען. נאָר אָט באַ־ווייזט זי זיך מיט דער גלאָז טיי און מיין פעסטער באַשלוס ווערט צוקראָכען. גאָט מיינער, איך האָב דאָך פּאָרט ערגעץ דעם מענשען געזעהן... וואו האָב איך זי געקאַנט זעהן?... איך לייג אַוועק די האַנד אויפ'ן שטערען און פיהל, ווי דער גאַנצער מח ווערט מיר איינגעשרומפען פון קלערעניש און אַרום הארצען הויבט אָן צו נאָגען עפּעס אַזאַ וועהטאָגדיגער פאַרדרוס — אום גאָטעס ווילען, ווי באַפרייט מען זיך דערפון? וואָס געהט מיך אָן אָט די מיאוסקייט? צי איך האָב זי ערגעץ יאָ געזעהן, צי ניט? נאָר איך קאָן מיך אָבער פּאָרט דערפון ניט באַפרייען, פּשוט אונמעגליך. און איך ווענד זיך צו איהר מיט אַן איינגע־האַלטענעם פאַרדרוס:

— הערט נאָר פריילין, צי מיינט איהר מיט אַן אמת, אַז איך האָב אונמיסטען אויסגעטראַכט די גאַנצע מעשה, כדי מיט אייך באַקאַנטשאַפט צו מאַכען?

זי שמייכעלט: אָט, וויים איך וואָס, זי קלערט גאָר ניט ווענגען מיר. צו וואָס דאַרף זי קלעהרען, ס'איז דען עפּעס אַ נייעס ביי איהר? און איך פאַרבייס די אונטערשטע ליפּ פון פאַרדראָס, שווער איהר, אַז זי האָט אַ טעות און זי הערט מיר גלייכגילטיג אויס, אויפ'ן פּנים איז אַ צופרידענער שמייכעל צוגאָסען און די אויגעלאַך איהרע שווימען אין שמייכעל אַרום.

איך דרעה מיך אַ פּאָר מאָל אַרום איבער'ן צימער, פאַררוי־כער, פון אויפרעגונג, אַ פּאַפּיראָס און שיק אין די געדאַנקען צו אַל די שוואַרצע יאָהר דעם אידען, וואָס האָט מיך פאַרשלעפּט

אהער. און נאָך וואָס האָט ער מיר אריינגעשיקט די מויד זיינע? אזא מויד וואָלט גלייכער געווען צו האַלטען ערגעץ פאַרשלאָסען און ניט שיקען זי אין די נומערען אריין, די געסט צו באַדינען.

— איהר זיינט אן אייגענע, א טאָכטער? — פרעג איך זי.

— א טאָכטער, — ענטפערט זי און קוקט זיך ארום איבערן צימער, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט.

— ווי־זשע קומט עס, וואָס איהר באַדינט די געסט? ביי אייך איז דען קיין דינסט ניטאָ?

— מיר האָבען א דינסט — האָט זי, רויטלענדיג זיך, גע־ענטפערט — נאָר יענע איז אין קיך פאַרנומען... אנטקעגען וואָס פרעגט איהר עס? וואָס איז דאָס פאַר א פאַרברעכען? לאָז זיך אייך ניט דאכטען, אז איך געה יעדען באַדינען, נאָר אז ס'קומט א לייטישער מענש, טראָג איך איהם אריין א גלאָז טיי! ווארום א „מאַלאָדאָי טשעלאָוועק" איז פיל איינגענעהמער, אז א פריילין זאָל איהם צוטראָגען א גלאָז טיי, איידער אימיצער אנדערש.

די לעצטע ווערטער האָט זי ארויסגעזאָגט מיט א שמייכעלע און אין די אויגעלאַך האָט זיך א פייערל אויפגעכאַפּט ,נאָר מיר איז מיינס געלעגען אין קאָפּ.

— הערט נאָר, פריילין — האָב איך געזאָגט צו איהר מיט א ווייכען טאָן — צי איז עס מעגלאָך, אז איהר זיינט נאָך פון דער שטאָדט קיינמאָל ניט ארויסגעפאָהרען, צי איהר געפינט גלאַט ניט פאַר נויטיג מיר צו ענטפערען, דערפאַר וואָס איהר מיינט, אז איך טרייב קאַטאָוועס?

איהר איז שוין קענטיג נמאס געוואָרען דאָס געשפּרעך אויף איין און דאָסזעלבע טהעמא און געוואָלט דערפון פּטור ווערען, האָט זי ווי א ברוגז'ע אויפ'ן אָרט געענטפערט, אז זי איז געווען אין בערדיטשעוו.

דערפרעה איך זיך שוין, האָב איך זי הייסט עס געזעהן אין בערדיטשעוו. כאַפּט איהר דער טייוועל! כ'וויל שוין ניט פרעגען וואו און ביי וועמען, אָבער ניין, ס'לאָזט מיך ניט אָפּ. ערשט איצט האָב איך מיר בולט דערמאָנט, אז איך האָב זי געזעהן זעהר

אין אַ פּיקאַנטער פּאָזע: מיט צולאָזענע האָר אָהן אַ בלוזע נאָר אויף די אַקסעל מיט אַ גילדענעם שאַרף פאַרוואָרפען פון וואַנעט ס'האָט דאָך אַרויסגעקוקט דער גרויסער ביוסט איהרער... אָבער וואו, ביי וועמען, האָב איך עס דעם אַנטיק געזעהן און נאָך אין אַזאַ פּאָזע פאַר אַן אומבאַקאַנטען?

— ווען זייט איהר געווען אין בערדיטשעוו?

— צוריק מיט אַ וואָך זעקס. פוי צו אַל די רוחות! און איך בין ערשט צוריק מיט דריי וואָכען געווען. אָבער גאָט מיינער, איך האָב זי דאָך פּאָרט אין בערדיטשעוו געזעהן! וואָס טוט זיך עס דאָ?!

איך בין ווי אַ משוגענער אַ פּאָר מאָל זיך דורכגעלאָפען אי־בער'ן צימער, צום סוף זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַ ציטעריג קול געפרעגט:

— זאָגט מיר, פריילין, איהר האָט אַ ווייסען שאַרף?

— איך האָב, — ענטפערט זי — און די אויגען דריקען־אויס אַ פראַגע צייכען, און מיר גיט עפּעס אַ ריס אין מח: „זי האָט דאָך טאַקע אַ ווייסען שאַרף!"

— הערט נאָר, פריילין, איך האָב צו אייך אַ גרויסע ביטע. צוקעמט די האָר אייערע... און טוט אָן אויפ'ן קאָפּ דעם שאַרף, איך וויל אייך זעהן אין אַזאַ פּאָזע.

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט גליהענדע אויגען און געפרעגט:

— נאָך וואָס ווילט איהר עס מיך זעהן אין אַזאַ פּאָזע?

— נו, גיכער דערצעהל איהר! „נאָך וואָס?" און אויב דער־צעהלען, וואָלט איך איהר שוין געדאַרפט פּינקטליך איבערגעבען, אַז איך האָב זי געזעהן מיט אַ הוילען ביוסט אויך... נאָר לאָז זי מיך שוין אויפהערען צו מאַטערען! ס'מוז נעמען אַ סוף! און איך האָב ענטשלאָסען געזאָגט:

— פריילין, פאַרצייהט מיר!... מיר וועלען שוין וועגען דעם מעהר ניט רעדען... איך האָב געזעהן... פאַרצייהט... איך האָב אייך געזעהן אין אַ זעהר ניט קיין אַנשטענדיגער פּאָזע... איך

קאָן זיך נאָר ניט דערמאָהנען וואו... מיט צולאָזענע האָר, מיט אַ ווייסען שאַרף אויפ'ן קאָפּ און — מיט אַ הוילען ביוסט...

זי האָט געשווינד פאַרלאָזט דאָס צימער...

מעהר האָב איך זי דעם גאַנצען מעת לעת, וואָס איך בין דאָרט געשטאַנען, ניט געזעהן, און די גאַנצע צייט האָב איך ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון דער זעלטענער ערשיינונג, נאָר ווען איך האָב זיך אויפגעזעצט אין צוג און האָב שוין גאָר געהאַט פאַרגעסען אָן דער גאַנצער געשיכטע, האָב איך זיך פּלוצלינג דערמאָהנט, אַז איך האָב זי טאַקע געזעהן אין בערדיטשעוו... אַ קאָפּיע פון איהר האָב איך געזעהן אין אַ פענסטער ביי אַ פאָטאָגראַפער אין אַ גרויסען פאָרמאַט.

ווער איז דאָ געשטאָרבען ?

— יונגערמאַן ! אויף אַ מינוטקעלע צו אַ מנין — האָב איך פּלוצלונג דערהערט הינטער מיר, און אַ האַנד האָט לייכט אָנגע-ריהרט מיין אַקסעל.

איך האָב לאַנג נישט געטראַכט, און ווי אַן אורח זיך געלאָזט געהן נאָך איהם.

אַריינקומענדיג אין שטוב, האָט זיך מיר באַלד אַ וואָרף גע־געבען אין די אויגען אַ ליכט מיט אַ גלאָז וואַסער און אַ שמאַט־קעלע, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפ׳ן פענסטער. איך האָב נישט ווילענדיג אָפּגעזיפצט, און בין באַלד אַריינגעפאַלען אין עפּעס אַ מין טרויער, אין אַזאַ טרויער, וועלכער פיהלט זיך נאָר ביי אַן אבל אין שטוב.

מיט מיר איז שוין געוואָרען אַ גאַנצער מנין. באַלד האָט דער אָבל, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר פערציג, געשטעלט זיך ביי אַ קאָמאָד, אויף וועלכען עס האָבען געברענט צוויי ליכט, און האָט אָנגעהויבען זאָגען מיט אַ שטילען טרויעריגען נגון „אשרי". איך האָב דאָרט געטראָפען אַ פּאָר אַלטע אידען, אַ צוויי יונגע־לייט און די איבעריגע אין די מיטעלע יאָהרען ; איך האָב אויך באַ־מערקט אַ יונגע פרוי, ווי עס ווייזט אויס דעם אבל׳ס ווייב, וועל־כע האָט זיך דאָרט באַהאַלטען אין אַ צווייטען צימער.

ווער איז דאָ געשטאָרבען ?

אָט די פראַגע האָט מיר באַלד אַ קלאַפּ געגעבען אין קאָפּ און וואָס מעהר עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ מינוט, אַלץ שטאַרקער האָט זיך די פראַגע ביי מיר איינגעגראָבען אין קאָפּ און אין האַרצען.

מען האָט אָפּגעדאַווענט מנחה און דער אבל האָט אָנגעהויבען זאָגען קדיש. פון׳ם צימער, וואו עס האָט זיך באַהאַלטען די פרוי,

האָב איך דערהערט אַ האַרץ־רייסענדען קוויטש, וועלכער האָט אַלע־מען פּאַראַליזירט. ביי אַלעמען זיינען די פּנים׳ער בלאַס געוואָרען, איינער אויף דעם צווייטען האָט אָנגעשטעלט די אויגען און ענדליך זיינען די אויגען אַריבער אויף דער טיר, פון הינטער וועלכער עס האָט זיך דערהערט דער קוויטש. דער אָבל ווידער האָט דעם קדיש נישט געזאָגט, נאָר ער האָט איהם געשריגען; דאָס איז נישט קיין קדיש געוועזען, דאָס איז געוועזען עפּעס אַ מין פּראָטעסט, עפּעס אַ מין קללה, וועלכע זיין פאַרביטערט האַרץ האָט אויסגעלאָזען צו עמיצענ׳ס קאָפּ...

געענדיגט דעם קדיש, איז ער מיט פעסטע טריט אַריין אין צימער. און ווען ער איז צוריק אַריינגעקומען, איז דאָס פּנים ביי איהם געוועזען נאָך בלאַסער ווי פריהער, די שוואַרצע אויגען זיינען געוועזען טרוקען, האָבען געברענט מיט האַס און אַ בייזער שרעק־לאַכער פּראָטעסט איז געלעגען אין יעדער באַוועגונג.

ווער איז דאָ געשטאָרבען? — האָט זיך שיער נישט אַרויס־געריסען פון מיין מויל, און דאָס האַרץ האָט זיך ביי מיר שרעקלאַך איינגעצויגען, — אפשר עפּעס אַ יונגע נשמה?

איך האָב מיר גענומען איינקוקען אינ׳ם גלאָז וואַסער, און געוואָלט דערזעהן, וואָס פאַר אַ נשמה טובל׳ט זיך דאָרט: אַ יונגע, צי אַן אַלטע? און כאָטש איך האָב דאָרט גאָרנישט געזעהן, דאָך האָט זיך מיר געדאַכט, אַז נאָר אַ יונגע נשמה פעהלט דאָ, און די נשמה איז דאָ ערשט ניט לאַנג געוועזען אין שטוב און דאָ געטראָכטען אויף דעם פּלאַץ, וואו איך שטעה, און האָט געטראַכט, געאָטעמט, און איצט איז זי נישטאָ... ווער איז דאָס געוועזען? אַ פרויענצימער? אַ מאַנסביל?...

איך האָב אויף דעם קאָמאָד אַ קליינטשקע פלעשעלע פון פאַר־פום דערזעהן, און דאָס האָט מיר ענדליך אַרויפגעבראַכט אויף דעם געדאַנק, אַז נאָר אַ מיידעל איז דאָ געשטאָרבען.